STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05962

ERETS-YISRAEL IN DER YIDISHER LITERATUR

Mordekhai Yafeh

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי יפה

*

ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראטור

אנטאלאגיע

YOFE

מרדכי יפה

ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראטור

אַנטאָלאָגיע

בוך איינס

פּאָעזיע

4667
258

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל
1961

Mordecai Joffe
Eretz Israel in The Yiddish Literature

Publishing Hause J. L. Peretz
31, Allenby Str., Tel-Aviv, Israel

מרדכי יפה
ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור
פאַרלאַג י. ל. פּרץ, אלנבי 31, תל־אביב

Yid892.41
Y7er
Vol. 1. cop. 3

©

נדפס בישראל
Printed in Israel, 1961

THE CHICAGO PUBLIC LIBRARY
AUG 17 1961 D

דפוס „אורלי״, יסוד־המעלה 27, ת״א, טל. 32062

פאָרט אַ ייד קיין ארץ-ישראל

אין מיטן וועג שטייט אַ בוים,
שטייט ער איינגעבויגן;
פאָרט אַ ייד קיין ארץ־ישראל
מיט פאַרוויינטע אויגן.

גאָט, גאָט, ליבער גאָט!
לאָמיר דאַווענען מנחה —
אַז מירן פאָרן קיין ארץ־ישראל
וועט זיין אַ גרויסע שמחה!

אַרײַנפֿיר

איך מוז אָנהייבן מיין אַריינפיר מיט אַ שטיקל התנצלות: איך האָב כסדר געמוזט קעמפן מיט זיך גופא, אַז מיין הקדמה זאָל ניט ווערן אַ מין הימען אָדער אַ הלל צו ארץ־ישראל — בעת דאָס טוען שוין, צווישן אַנדערן, די פּאָעטן וואָס קומען אַריין אין דער אַנטאָלאָגיע. אויב כ׳האָב גובר געווען דעם אימפּולס צו פאַרגיין זיך אין געזאַנג צו ארץ־ישראל, איז עס אַדאַנק דעם וואַכנדיקן באַוווּסט־זיין, אַז וואָס פאַרא שירות ותשבחות איך זאָל ניט זינגען צו ארץ־ישראל אין די שורות פון מיין הקדמה, וועלן זיי, נאַטירלעך, ניט זיין בכוח אַריבערצוזינגען די שירה, וואָס דורות משוררים האָבן געזונגען צום ארץ־אָבות.

אָבער אין אַט דעם אַריינפיר וויל איך בעיקר אונטערשטרייכן דעם צוטראָג צום לאַנד פון די יידיש־שרייבערס. זיי האָבן כסדר, בפרט אין דער לעצטער תקופה, מיט זייערע שאַפונגען אין ליד און פּראָזע, זיך אידענטיפיצירט מיט ארץ־ישראל, און האָבן עס אויסגעדריקט אין אַ שלל קינסטלערישע ווערק.

*

פאַרוואָס ארץ־ישראל־אַנטאָלאָגיע און ניט ישראל־אַנטאָלאָגיע? גאָר אַ פּשוטער ענטפער: ארץ־ישראל איז אַ סך מער ווי ישראל, מחמת דאָס נעמט שוין אַריין סיי פאָלק און סיי לאַנד; ווייל ארץ־ישראל איז גאַנצע געשיכטע, ירושה, טראַדיציע, צוזאַמענקנופּ מיט אַלע דורות פון יידישן לעבן, עבר, הווה און המשך; שטענדיקע דערמאָנונג סיי אין די כתבי־הקודש און סיי אין די שריפטן וואָס שטיצן זיך אויף זיי. ארץ־ישראל איז אַ באַגריף וואָס דערהייבט זיך צו אַ סימבאָל, ניט נאָר אַ טעריטאָריאַלער פּונקט אין גאַנצן יידישן לעבן פון אַלע צייטן; ניט נאָר דאָס צוגעזאָגטע, פאַרלוירענע און ווידער געפונענע לאַנד, נאָר אויך דאָס יידישע לאַנד אין אַלע פאַזעס פון אונדזער געשיכטע.

און דאָס האָט ניט צו טאָן מיט דער שקלאַ־וטריא צי דאָס לאַנד, וואָס האָט באַקומען די שווער־פאַרהאַרעוועטע זעלבשטענדיקייט און געוואָרן אַ מדינה, האָט געדאַרפט הייסן: ארץ־ישראל אָדער ישראל.

אָבער דאָס האָט שטאַרק צו טאָן מיט דעם ציל פון אַט דער אַנטאָלאָגיע, וואָס דאַרף כולל זיין דאָס בעסטע, דאָס תמציתדיקסטע וואָס יידיש־שרייבערס האָבן געשריבן וועגן אונדזער לאַנד. און הגם „ישראל״ האָט ביי זיי מער דאָמינירט צוליב די נסים, די וווּנדער, און די ממשותדיקע אויפטוען און דערגרייכונגען; און הגם „ישראל״ איז ביי זיי געווען אַ מין צוזאַמענשפּיל פון ראָמאַנטיזם און רעאַלער עקסיסטענץ, זיינען אָבער זייערע שאַפונגען ניט באַגרענעצט אין דעם פּרט „ישראל״, נאָר ברייטערן זיך אויס אין דעם אַלגעמיינעם ליטעראַטור־געשיכטלעכן כלל „ארץ־ישראל״.

אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט ארץ־ישראל און אַלץ וואָס איז מיט דעם פֿאַרבונדן, נאַטירלעך ניט פֿאַרנומען אַזאַ כמותדיקע פּאָזיציע ווי אין דער העברעאישער ליטעראַטור. וואָרעם אין העברעאיש איז דאָך ארץ־ישראל באַהאַנדלט געוואָרן אין די פֿאַרשיידנסטע תוכנס און פֿאָרמען פֿון מיטאָס, רעליגיע, טראַדיציע און וועלטלעכקייט. עס איז דער לאַנגער וועג פֿון תנך, תלמוד, מדרש און אגדה, ביז די ערשטע פּייטנים, ביז דער גאָלדענער שפּאַניש־העברעאישער תקופֿה, און ביז די חסידישע און רבנישע מאמרים, וואָס האָבן זיך אויסגעדריקט אין זייער באַזונדערן לשון־קודש (און אגב היפּש אין דעם מאַמע־לשונדיקן יידיש), ביז אַלע עטאַפּן פֿון חבת־ציון, השכלה און נאַציאָנאַלן רענעסאַנס. עס זיינען פֿאַראַן גאָר אַ סך גרויסע שאַפֿונגען, וואָס דריקן אויס די בענקשאַפֿט, די ליבשאַפֿט צו ארץ־ישראל, וואָס דאָס מיינט שוין ממילא אויך אָנערקענען און דערקענען דאָס לאַנד. מיר פֿאַרמאָגן אַ שלל פּסוקים, אַפֿאָריזמען, ווערטלעך וואָס זיינען ווערטיק, מעדיטאַציעס וואָס זיינען אין זייער מעטאַפֿאָריק די בעסטע אילוסטראַציע צו ארץ־ישראל. ועל כולם: גרויס־קינסטלערישע שאַפֿונגען וועגן ציון, אָדער ארץ־ישראל, ווי מיר האָבן עס ביי יהודה הלוי, איבן גבירול און אַנדערע.

אָבער אין די לעצטע דריי דורות איז ארץ־ישראל גראָד ניט „באַוואָלט" געוואָרן פֿון די יידיש־שרייבערס, אדרבא, זיי האָבן זיך אויסגעגלייכט מיט די העברעאישע שרייבערס. איז אָט די אַנטאָלאָגיע ניט קיין אַפּאָלאָגיע פֿאַר די יידיש־שרייבערס וואָס דאַרף זיי כשרן, אַז זיי זיינען חלילה ניט געווען — און זיינען ניט — פֿיינטלעך און קעגנעריש צו ארץ־ישראל. וואָרעם דאָס איז דאָך אַן אַבסורד. אויב ס'איז יאָ געווען ביי יידישע שרייבערס אַן אַנטאַגאָניזם צו דעם וואָס איז פֿאַרבונדן מיט ארץ־ישראל, איז עס געווען ניט צוליב נעגאַטיווער באַציאונג צום לאַנד, נאָר צו דער פֿאַרשפּיצטער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע. אָבער אַפֿילו דעמאָלט, ווען עס איז נאָך אָנגעגאַנגען דער אידעאָלאָגישער קאַמף, האָט ב. וולאַדעק, דער פֿאָרשטייער פֿון „בונד", פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ליד אונטערן נאָמען „ארץ־ישראל", פֿול מיט התפּעלות פֿאַרן לאַנד, אַפֿילו פֿאַר די שטיינער: „די שטיינער, די שטיינער פֿון ארץ־ישראל! די שטיינער פֿון גליל, פֿון שומרון, יהודה! די שוואַרצע, די גרויע, די וויסרויזע שטיינער, די שטיינער פֿון ארץ־ישראל!" אַ פּשיטה פֿאַר „די בערג און די טאָלן", פֿאַר דעם הימל: „דער הימל פֿון ארץ־ישראל, דער קלאָרער און ווייטער אָריבער כנרת, דער בלויער און פֿרומער פֿון ירושלים!" — ב. וולאַדעק איז געווען אַ שם־דבר ווי אַ קעמפֿער פֿאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט, ווי אַ טריבון. אין זיין אַנטיציוניסטישער סביבה האָט ער זיך ניט געשראָקן צו זיין יידיש־נאַציאָנאַל און אַפֿילו אַרויסווייזן זיין באַציאונג צו ארץ־ישראל. נאָך פֿאַר אים זיינען געווען א. ליעסין און אַנדערע יידישע שרייבערס, פֿון דעם זעלבן לאַגער, ניט קיין ציוניסטן, נאָר יידן וואָס האָבן געפֿילט און פֿאַרשטאַנען דעם באַדייט פֿון ארץ־ישראל אין דער יידישער געשיכטע, און די גורלדיקע פֿאַרבינדונג צווישן פֿאָלק און דעם לאַנד פֿון אבות. און ס'איז געווען ניט בלויז סענטימענט, וואָס שלום־עליכם, דוד פּינסקי, שמעון פֿרוג, מאָריס ראָזענפֿעלד, יהואש, ש. י. אימבער און אַנדערע

ייִדישע שרייבערס האָבן געשאַפן ציון־מאָטיוון. דאָ האָט זיך ניט געהאַנדלט וועגן דעם צי זיי זיינען יאָ אָדער ניט געווען ציוניסטן, נאָר אין דעם וואָס די ייִדישע שרייבערס אין די לעצטע דורות האָבן ארץ־ישראל געזען און געפילט. און דער רעזולטאַט: עס איז אויפגעקומען אַ גאַנצע ליטעראַטור אין ייִדיש וועגן ארץ־ישראל.

*

אין דעם אַריינפיר צו אַזאַ מין אַנטאָלאָגיע קאָן מען ניט — און מ׳דאַרף ניט — זיך אָפּשטעלן אויף אַלע דיכטער וואָס זיינען דאָ אַריינגענומען. וואָרעם דאָס דאַרף דאָך זיין ניט בלויז אַ מין „אויפרופן", נאָר אויך עפּעס אַ כאַראַקטע־ריזירונג בזעיר אַנפּין פון דעם דיכטער, וואָס דער עיקר איז ביי אים געווען ניט ארץ־ישראל, נאָר די פולע גאַמע פון זיינע אַנדערע מאָטיוון, אָבער דער ארץ־ישראל־מאָטיוו איז ביי אים, און דאָס הייסט ביי אַ צאָל באַדייטנדיקע ייִדישע דיכטער, דערהויבן געוואָרן צו אַ הויכער מדרגה. און מ׳דאַרף ניט אָנרופן אַלע נעמען, ווייל יעדער דיכטער וואָס איז דאָ אַריינגענומען געוואָרן אין דער אַנטאָ־לאָגיע האָט זיין זכות, זיין רעכט און זיין צוטראָג און צוגאָב. אָבער ס׳וואָלט פאָרט געווען אַן עוולה קעגן טייל דיכטער, וואָס האָבן זיך אידענטיפיצירט מיט ארץ־ישראל, אַז מ׳זאָל זיי ניט באַזונדער אַרויסהייבן און באַזונדער אויסטייטשן זייערע ארץ־ישראל־מאָטיוון.

די אַנטאָלאָגיע הייבט זיך אָן מיט אברהם גאָלדפאַדען און אליקום צונזער, הגם די אַנטאָלאָגיע שטעלט דעם טראָפּ אויף קינסטלערישקייט, האָט מען דעריבער טאַקע ניט געדאַרפט אַריינגעמען די דיכטער, וואָס האָבן „אין פרימאָרגן פון ליבע", סתם געזונגען וועגן ארץ־ישראל, ווי אַ מיכל ווירטה, אין זיין ליד „ציון", דאָס ליד וואָס איז געדרוקט געווען אין דעם וויכטיקן זשורנאַל „דער יוד", און איז בשעתו אָנגענומען געוואָרן אין דער דעמאָלט אָרעמער ווירטשאַפט פון דער ייִדישער פּאָעזיע ווי אַ צוטראָג צו דעם נאַציאָנאַלן מאָטיוו; אָדער אַזאַ מין ליד ווי „די ערשטע סליחות" פון נפתלי הערץ אימבער, וווּ ס׳כאַפּט זיך אַרויס אַזאַ מין סטראָפע: „מיר שטרעקן צו גאָט אונדזער האַנט מיט געבעט — נאָר עיקר שכחתי: גיב אונדז ווידער אונדזער לאַנד, לאָמיר שוין הערן דאָס וואָרט „סלחתי"". עס זיינען דאָ אויך ניט אַריינגענומען געוואָרן נאָך אַזעלכע פּאָעטן, וואָס זיינען טאַקע געווען ערלעך אין דער כוונה, אָבער האָבן גאָרנישט מחדש געווען. אָבער מ׳האָט געמוזט אַריינעמען אַ גאָלדפאַדען און אַן אליקום צונזער, ניט נאָר צוליב דער פּאָפּולאַריטעט פון דעם עכטן פאָלקסזינגער און עכטן בדחן, נאָר אויך ווייל זייערע ציון־מאָטיוון זיינען סיי ליטעראַטור־געשיכטלעכע דאָקומענטן און סיי גאָר נישקשהדיקע לידער פאַר זייער צייט.

אויף אַ סך אַ העכערער מדרגה זיינען די ציון־לידער פון שמעון פרוג און מאָריס ראָזענפעלד. פאַר יענער צייט זיינען די דאָזיקע לידער געווען אַ נייס און אַ דערגרייכונג, סיי טעמאַטיש און סיי ווערסיפיקאַטאָריש. וואָרעם ביי פרוגן האָט זיך אַרויסגעקענטיקט צווישן אַלע אַנדערע רעטאָרישע, אָבער אויך גאַנץ נייע נאַציאָנאַלע לידער פון יענער צייט, אַזאַ מין עכט ליריש ליד ווי „אַ זומער־נאַכט".

אַן עלעגיע וואָס רירט און וואָס ווירקט. און ביי מאָריס ראָזענפעלדן האָט זיך שוין באַוויזן צוזאַמען מיט זיין קרעפטיקן און האַפטיקן סאָציאַלן מאָטיוו אויך זיין נאַציאָנאַלער און גאַנץ דייטלעכער ציון־מאָטיוו. ער איז אויך געווען איינער פון די ערשטע יידישע דיכטער, וואָס האָט זיין פייערדיקן טעמפּעראַמענט אַריינגעגעבן אויך אין דעם ציון־מאָטיוו. און אויב עס זיינען ביי אונדז דערנאָך געקומען ראַפינירטע דיכטער, וואָס האָבן געוואָלט מיט רמזים אַנדייטן דאָס וואָס איז פריער אידעאַליזירט געוואָרן און דערנאָך רעאַליזירט געוואָרן — איז ראָזענפעלד געווען דער דיכטער, וואָס האָט ניט גע׳רמז׳ט נאָר גע׳אמת׳ט. און אין זיין ליד „ירושלים" איז געקומען צום אויסדרוק סיי זיין הייס געפיל, וואָס איז תמיד ביי אים געווען ספּאָנטאַן, און סיי די ווערסיפיקאַטאָרישע ווירטואָזיטעט. אין דער סעריע לידער קאָן מען אַריינרעכענען אויך זיין ליד „משה". די משה־טראַגעדיע איז באַזירט אויף די פּסוקים פון חומש, אַז משה זאָל אַרויפגיין אויף דעם באַרג נבו, אָנקוקן דאָס לאַנד כנען, וואָס ווערט געגעבן צו די קינדער פון ישראל, און שטאַרבן אויף דעם דאָזיקן באַרג, וואָרעם „פון דער וויטן וועסטו זען דאָס לאַנד, אָבער קומען אַהין וועסטו ניט". מאָריס ראָזענפעלד האָט דעם דאָזיקן מאָטיוו ניט מליצהדיק פאַרוואָסערט, נאָר נשמהדיק באַפייערט.

איינער פון די ערשטע יידישע דיכטער וואָס האָט באַזונגען ארץ־ישראל איז געווען יהואָש. זיינע ארץ־ישראל־לידער זיינען אַריין אין זיין בוך „פון ניו־יאָרק ביז רחובות", אַ טאָגבוך פון זיין רייזע קיין ארץ־ישראל. הגם זיי האָבן זיך, אויף דעם דעמאָלטיקן שטייגער, אַריינגעפּלאָנטן אין דעם רוב פּראָזע־שילדערונגען, האָבן די לידער געהאַט אייגענע פּיס אָנזעלבשטענדיקן זיך און דערוויזן אַז זיי זיינען דאָ. זיי זיינען ניט סתם סענטימענטאַל־מליצהדיקע לידער, נאָר זיי האָבן זייער באַזונדער לשון און אויסדרוק; זייער פּיאָנעריש־ארץ־ישראלדיקער מאָטיוו אין יידיש איז איינגעהאַלטן, געזויבערט. יהואָשס לידער האָבן געהאַט אין זיך די באַשיידענע גרויסקייט פון אַ דיכטער, וואָס האָט דעמאָלט, ווען ער איז געקומען אין דעם נאָך כמעט וויסטן לאַנד, געהאַט די דרייסטקייט צו זאָגן: „וועל איך אויף די פעלדער ליגן און וועל בעטן ערד און שטערן: לאָזט מיר אייער אמת הערן, מיינער איז געווען אַ ליגן"... און ער האָט דערציילט אין אַ קליין ליד פון דריי סטראָפן די געשיכטע פון די וואָס זיינען געקומען מיט שפּאָט אָדער מיט ספק און האָבן געפונען אַ גלויבן. כדי מרמז צו זיין אויף דעם ווי יהואש האָט אין זיין מועט פון וואָרט איבערגעגעבן די מרובה פון זיין דעמאָלטיקן ארץ־ישראלדיקן באַנעם, איז גענוג צו ברענגען די סטראָפע, ווו ס׳ווערט געזאָגט: „און ווער האָט באַוויזן דעם ווונדער און ווער האָט דעם שופר געשאָלט? גיי פרעג ביי די ביימער באַזונדער: אין וועמען פון זיי איז דער וואַלד". אין דעם אַפאָריזם פון האַרציקער חכמה ווערט דעטערמינירט די כללישקייט פון יעדן יחיד.

עס איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז צווישן די יידישע דיכטער וואָס האָבן זיך פאַרקניפּט מיט ארץ־ישראל איז געווען ה. לייוויק. אין דער שפע פון זיינע לידער אויף די פאַרשיידנסטע מאָטיוון, האָט זיך דער ארץ־ישראל־מאָטיוו ביי אים

באַזונדער אַרויסגעקענטיקט. און דאָס איז ביי אים געווען ניט חלילה צוליב מאָדע, נייער אָריענטאַציע וכדומה, נאָר ס׳האָט אַרויסגעקוועלט פון זיין סאַמע עכטסטן נאַציאָנאַלן געפיל און האָט זיך אַרויסגעליכטיקט פון זיין העלזוען. ער האָט זיך ניט געדאַרפט פאַרלאָזן אויף זיינע סענטימענטן, נאָר ער האָט ארץ־ישראל און דערנאָך ישראל „אָנגעטאַפּט" ממש מיט די הענט און מיט אַלע חושים. ארץ־ישראל איז פּראָמינענט אַריין אין לייוויקס טעמאַטיק, וואָס איז דאָס רוב אַ סאָציאַל־צייטלעכע און טיף־יידישע.

ווי אַ ראַיה פון לייוויקס עכטער באַציונג צום לאַנד פון וווּנדער און רעאַליטעט, קאָן מען נעמען זיינס אָן איינציק ליד „צו ישראל", ווו ער טענהט זיך אויס מיט די וואָס וואָלטן אפשר געזאָגט, אַז ער איז ניט קיין מחותן. דאַרף ער דעריבער שטיין ביי דעם טויער פאַרשעמט.

קיינער זאָגט עס ניט; און ער דאַרף חלילה ניט שטיין אַ פאַרשעמטער. אָבער דאָס איז דער קאָמפּלעקס פון אַ יידיש־שרייבער, וואָס האָט געהאַט אויף זיך דעם חשד פון קעגנערישקייט, רחמנא ליצלן. אָבער אפילו לייוויק דער שטאָלצער, שטאָלץ מיט זיין אויפטו אויף יידיש און מיט זיין טיפער באַציאונג צו ארץ־ישראל אויף דעם יידיש־קינסטלערישסטן אופן, אפילו ער ווערט אַ מין אַפּאָלאָגעט, אַ פאַרטיידיקער פון זיין מחותנימשאַפט.

אין דער אמתן צינדט אָן זיין גומען „דאָס וואָרט פון בראשית: ס׳איז גוט". עס ווייס נאָר: „אין ליכט פון באַשערטקייט איך טראָג צו דיין שוועל לויטער גוטס". ער הייבט אָן „דערקענען דעם סוד: די אַלטקייט ווערט יונג". און ווען ער „צינדט אָן די מינוטן פון אונדזער געמיינזאַמער שעה", ווערט ער אַ „פולער מחותן" און זינגט ביז פאַרגיין זיך: „בין דאָ".

לייוויק איז דאָ ניט נאָר דער איינציקער מחותן פון די יידישע דיכטער אויף דער שמחה פון ישראלס אויפקום, נאָר אויך דער שליח־ציבור, דער פּירזאָגער פון יידישע דיכטער וואָס זיינען מחותנים — הגם יעדער איינער האָט זיין אייגן לשון און זיין אייגענע אויפריכטיקייט, וואָס ווערט דערוויזן אַ מאָל טיף־קינסטלעריש און אַ מאָל פשוט־פאָלקסטימלעך און אויך אפילו גאָר סענטימענטאַל. מחמת יעדער דיכטער האָט בנוגע ארץ־ישראל אויף זיין יידיש לשון דערוויזן אַז ער „איז דאָ".

און דערנאָך יעקב גלאַטשטיין. ביי אים איז שוין ניטאָ קיין אַפּאָלאָגעטיק, נאָר גאָר אַ „לכל־הפחותדיקע" פאָדערונג: „רייד צו מיר יידיש, מיין יידיש לאַנד, און איך וועל צו דיר ריידן עברית ממילא". דאָס נעמט זיך דערפון וואָס גלאַטשטיינס פּאַטריאָטיזם צום לאַנד איז ניט קיין איבערגעטריבענער פון בלויז ליבגעזאַנג און ניט קיין געהנפּעטער פון פאַרלייקענען זיך כדי דו זאָלסט ווערן דורכויס גלאָריפיצירט. ס׳איז ניט קיין ענין פון מאָנונג, אַז ס׳טייטש איך בין דאָך אויך פאַר דיר — טאָ פאַרוואָס זאָלסטו זיין קעגן מיר? בפרט אַז איך בין דאָך דורכויס פאַר דיר, מיין יידיש לאַנד! ס׳איז אַ געמיטלעך דורכריידן זיך אין געציילטע שורות און אַ פאַרבעט, אַ שטאָלצער, אַ ווערדיקער, אַז דאָס עברית־לאַנד זאָל

זיך צונויפקומען מיט דעם יידיש־לאַנד כדי עס זאָל ווערן אַ השלמה. און דאָס ווערט געטאָן דורך אַ קליין ליד פון אַ זעקס סטראָפן, ווו אברהם און שרה פיגו־רירן. און ביידע ווערן דורך גלאַטשטיינען אַזוי פּאַרהיינטצייטיקט, און באַקומען גאָר אַ יידיש לשון. שרה זאָגט: „נעם זיך ניט צום האַרצן, יאַנקעלע, ער, אברהם, איז מבין כל דבור". און זי זאָגט אויך: „ס׳איז אַזוי דאָ אַנגענומען — אַ מאַנסביל דאַרף יידיש שטומען". אָבער — זאָגט זי — „גלייב מיר, יאַנקעלע, ס׳וועט קומען אַ צייט... אַז אַלע עברית־קינדער וועלן אויפהערן יידיש שוויגן".

שרה זאָגט דאָס ניט. און עס איז צו ראַפינירט פאַר איינער פון די אמהות. אָבער מיר דאַרפן מוחל זיין גלאַטשטיינען פאַר אַריינגעבן אַזאַ לשון אונדזער מוטער שרה, אַבי עס איבערצייגט אין זיין אייגענער און אונדזער אַלעמענס פאָדערונג.

אָבער דאָס איז נאָר אַן עפּיזאָד. דער גרונטמאָטיוו פון גלאַטשטיינס ישראל־מאָטיוון איז ניט זיך צו זעטיקן מיט ווונטשן, נאָר באַשטעטיקן דערגרייכונגען. און וואָס איז דען ביי אונדז די גרעסטע דערגרייכונג, אויב ניט ארץ־ישראל? גלאַטשטיין איז איינער פון אונדזערע דיכטער וואָס האָט אויף אַ באַזונדערן אופן אויפגענומען די דאָזיקע דערשיינונג. דאַרף מען זיך פאָרשטעלן ווי אַט דער מאָדערניסט אין דער יידישער פּאָעזיע, וואָס האָט לכתחילה ניט גורס געווען קיין נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע מאָטיוון, איז בדיעבד געוואָרן אַ נאַציאָנאַליסט. און זיין נאַציאָנאַליסטישקייט האָט ער ניט פאַרפייערט און פאַרוואָסערט מיט סתם־פראַזעס, נאָר באַפעסטיקט מיט שטאַם־געהעריקייטן. און די שטאַמיקייט גלאַט־שטיינס צו דעם עכטן ישראל־מאָטיוו איז דערוויזן דורך זיינע צענדליקער לידער. ווו איינס שטייגט אַריבער אָדער אַנדערשט זיך אויס פון דאָס צווייטע.

דעם פּולס פון אַ גלאַטשטייניש ישראל־ליד קאָן מען אויפכאַפּן פון די ערשטע ביז די לעצטע שורות און קאָנסטאַטירן אַז דער פּולס איז נאָרמאַל, הגם די טעמפּעראַטור פון זיין געפיל הייבט זיך אין די מאָמענטן פון זיין גלויבן, וואָס דערגייט אַזש ביז אַ לויבן דעם ווונדער פון ישראל. עס איז ניט קיין הלל. ישראל ווערט אפילו כמעט ניט דערמאָנט. אָבער די דערקענטעניש ווייזט זיך אַרויס דורך דעם סוד און רמז פון גלאַטשטיינס וואָרט, דורך זיין איינציקאַרטיקן מעטאַפאָר, דורך זיינע חידושי־לשון, דורך זיין באַזונדערן שטייגער פון עקסטאַטישקייט, וואָס שוימט ניט אַריבער אין ניוועץ, נאָר דערפירט צום ציל.

עס איז כמעט ווי אַ פּאַראַדאָקס, אַז וועגן ארץ־ישראל האָבן יידישע דיכטער געשריבן גאָר גוטע אָדער גאָר שלעכטע לידער. אָבער ס׳איז כאַראַקטעריסטיש וואָס אַ צאָל יידיש־דיכטער האָבן זיך דערהויבן צו דעם, אַז דאָס בעסטע פון זייער ליד איז גאָר דער ארץ־ישראל־מאָטיוו.

אפרים אויערבאַך איז אין דעם פּרט דער בעסטער באַוויז. ער האָט געהאַט די זכיה צו זיין איינער פון די ערשטע פּיאָנערן פון דעם ארץ־ישראל־ליד. זיין לידערבוך „קאַראַוואַנען" איז אַרויס אין 1918, ס׳הייסט, מיט איבער פערציק יאָר צוריק. ער איז געווען איינער פון די ערשטע וואָס איז אַליין געקומען אין ארץ־

ישראל, האָט אפילו דורכגעפּראַצעוועט דאָס לאַנד און איז בפירוש ניט געווען פון די וועמען מ׳האָט געדאַרפט געטרויען אַז ער מיינט דאָס ערנסט, מחמת ער האָט נאָך דעמאָלט, מיט אַ היפּשער צייט צוריק, פאַרשניטן אַ בונד מיטן לאַנד. שפּעטער האָט ער ווידער באַזוכט ארץ־ישראל און דערנאָך, ווען ער האָט געוווינט אין ניו־יאָרק, האָט ער זיך די גאַנצע צייט אָפּגערופן אויף אַלע דערשייגונגען און פּאַסירונגען אין ארץ־ישראל מיט לידער, מיט גאַנצע לידער־ביכער („די ווייסע שטאָט״ א״אַ). ער האָט זיך ניט געדאַרפט פאַרשטעלן אַ חומש־ארץ־ישראל, אויסגעחלומט און אידעאַליזירט, נאָר ער האָט געקאָנט באַזינגען דאָס קאָנקרעטע, דאָס אויפגעקומענע ארץ־ישראל.

אויערבאַך האָט מיט זיינע ארץ־ישראל־מאָטיוון אַריבערגעשטיגן אַלע זיינע פריערדיקע לידער. און דאָס איז חלילה ניט לגנאי, נאָר לשבח. זיי דערהויבן זיך צו דער קרוין פון זיין שאַפונג. דאָ זיינען זיך צונויפגעקומען אַלע עלעמענטן און אַלע אייגנשאַפטן פון גרויספאַרנעמיקער פּאָעזיע. דאָ האָט ארץ־ישראל געוווּנען פון דעם דיכטער און דער דיכטער — פון ארץ־ישראל. וואָרעם דאָס וואָס אפרים אויערבאַך האָט געטאָן פאַרן לאַנד שוין אין זיין בוך „ווייסע שטאָט״ איז געווען אַ באַזונדערער אויפטו. תל־אביב איז ביי אים געווען דער פאָן אויף וועלכן עס זיינען געמאָלן, געשילדערט און באַזונגען געוואָרן די פאַרשיידנסטע עפּיזאָדן פון דעם גרויסן יום־טוב — יום העצמאות. עס וויקלט זיך פונאַנדער אַ פּאַנאָראַמע פון אידעאַליזם, פון נאַציאָנאַלער פּראַצע, פון קרבנותשאַפט, פון דערגרייכונגען, פון פּערזענלעכקייטן און פאָלקסמענטשן.

מיר פאַרמאָגן צוויי באַדייטנדיקע דיכטערינס וואָס האָבן זיך אַרויסגע־צייכנט אויך אין דעם ישראל־מאָטיוו, ביידע אויף גאָר באַזונדערע אופנים. די ערשטע איז קאַדיע מאָלאָדאָווסקי. זי האָט זיך אויך דאָ, ווי אין אירע אַנדערע לידער, אַרויסגעאַנדערשט מיט איר גאָר אייגענער טעמאַטיק, ווילקענעוודיקייט און (זייט מיר מוחל אויב עס גראַמט זיך) ווילחנעוודיקייט. זי איז אויך דאָ די קינסטלערין פון פּאַראייגענען און פאַראַנדערשן יעדן מינדסטן מאָטיוו, וואָס וואָלט ביי אַן אַנדער דיכטער געגאַנגען לאיבוד. און דאָס איז ניט בלויז וואָס זי קען די „מלאכה״ פון אויפשרייבן אַ ליד מיט אַלע הידורים, נאָר אויך אַריינגעבן אין ליד אַן אייגענעם הידור. זי קען תמיד דעם כאַראַקטער און דעם שטייגער פון די ענינים וואָס זי באַהאַנדלט; און זי גייט צו צו זיי מיט געצאַמטן עקסטאַז, מיט אינטימער באַציאונג, מיט עכטער פאָלקסטימלעכקייט און אָפּטמאָל מיט פיינעם הומאָר.

ניט גרויס איז דער ארץ־ישראל־באַגאַזש פון רחל קאָרן. אויב אין כמות איז דאָס דערוויל אַ סך־הכל פון אַ זעקס לידער, וואָס זיינען אַריין אין דער אַנטאָלאָגיע, קאָן דאָס ניט אין איכות געוויגן און געמאָסטן ווערן. וואָרעם די דאָזיקע לידער האָט זי ניט סתם אויסגעפּאַנטאַזירט פון דער ווייטנס, און דאָס איז ניט געווען ביי איר קיין סתם שירה, נאָר אין ישראל גופא האָט זי דורכגעזען, דורכגעפילט און דורכגעלעבט דעם וווּנדער, וואָס איז טאַקע פריער געווען אין

איר בלוט. דער ווונדער האָט זיך ביי איר אויסגעדריקט אין שטימונגען, השתפכות הנפש, מאָלערישקייטן פון דער לאַנדשאַפט. דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן די זעלבע דיכטערין, וואָס האָט געהאַט דעם כוח די ארץ־ישראל־טעמאַטיק ניט צו פאַרמינערן, נאָר דווקא צו פאַרשטאַרקן, אַז עס זאָל זיין אין הסכם מיט איר ערדישקייט און נאַטור־צוגעבונדנקייט, וואָס זי האָט פריער אַרויסגעוויזן לגבי אירע פויליש־יידישע היים־ און לאַנד־מאָטיוון.

דער באַזונדערער תוך און פאָרעם, די טיפגעדאַנקלעכקייט און ווירטואָ־זיטעט, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן בכלל אין דער דיכטונג פון אהרן צייטלין, איז געקומען צום זעלבן עכטן אויסדרוק אין זיינע מאָטיוון וועגן ארץ־ישראל. אָבער דאָ איז שוין פאַראַן די דערקענטעניש פון דעם דיכטער, אַז דער ישראל־מאָטיוו דאַרף ניט זיין, ווי טייל פון זיינע אַנדערע מאָטיוון, מיסטיש און נסתרדיק, נאָר דווקא נגלהדיק און אַקטועל. אַז לגבי ישראל, וואָס איז שוין אַ רעאַלע דערשיינונג, דאַרף מען ניט באַנוצן קיין ליבע־דערקלערעניש אָדער סתם־אידעאַליזאַציעס, נאָר מ׳קאָן זיך שוין פאַרגינען צו האָבן אַ רעאַלן צוגאַנג אין דער בחינה פון פאָדערונגען. און דאָ האָט זיך דער שטראָפער, דער מאָנער און דערמאָנער ניט פאַרלוירן אין דעם כלל־געפלייץ פון סענטימענטן אין דער יידישער — און העברעאישער — פּאָעזיע, נאָר איז אַרויסגעקומען מיט זיין דרייסטע פאָדערונג אין זיין „ליד צו דעם סאַבראַ״, מיט אַזאַ נגלהדיק־אַקטועלן לשון: „אין נאָמען פון אַ צוויי טויזנט־יאָריקער קלעם, אין נאָמען פון פאַרפייניקטער קדושה, וואָס איז דיין ירושה און דיין שורש. מעגסט וועלן צי ניט — ביסט יורש. מתקן זיין דאַרפסטו די טרערן, וואָס דורות האָבן פאַרגאָסן דורך תיקון־חצותן. אַ זין דאַרפסטו געבן דעם בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסן צוויי טויזנט יאָר. און — זעקס מיליאָן מער שווערער — אַ זין די מאַידאַנעקס, אַ זין די טרעבלינקעס. ס׳דערלאַנגען דיר דורות אַ ווייַן איבער וויינען, אַ טונקל געטראַנק פון יידישע פּיינען — קער ניט דעם קאָפּ אַוועק — טרינק עס!״.

און טאַקע אין אָט דעם ליד ווייזן זיך אַרויס אַלע אייגנשאַפטן פון דעם דיכטער. ער איז קיינמאָל ניט פאַרעווע, בפרט נאָך אין זיין טעמאַטיק וועגן אונדזער דריטן חורבן און אונדזער איצטיקן אויפקום. דער דיכטער האָט זיך דאָ געווענדט צו איינעם פון אונדזערע וויכטיקסטע פאָרשטייער, אָבער ליידער ניט אַלע מאָל פאָרשטייער, פון אונדזער ניי־ארץ־ישראל — צו דעם סאַברע. און ער האָט געפאָדערט פון אים, אַז ער זאָל טרינקען דעם טונקעלן געטראַנק פון יידישע פּיינען, ער זאָל מעלה זיין די ניצוצות וואָס זיינען אין דעם טונקעלן ווייַן פאַרבאָרגן. וואָרעם „אויב ניט פאַר דיר — טאָ פאַר וועמען? און דו דאַרפסט פאַרשטיין... אַז פון אַ ייד פאָדערט גרויסקייט אַפילו דער שטן״. און ווי גרויס עס איז דאָ אַגב געזאָגט, אַז „איבער דער רשעות דעם שונאס וויל איך נצחונות איבער דעם גוי אין דעם יידן גופא״... און ס׳איז ניט קיין פּאַטעטיש־רעטאָרישער, נאָר עכט צייטלינישער „יעמוד״ צום סאַברע, וואָס ווערט אויפגערופן „צו דער תורה פון אַ לעבן, געבויט אויף די סתרי־תורה פון יידישן טויט״.

עס איז כדאי געווען אָפּצושטעלן זיך גענויער אויף דעם דאָזיקן ליד, וואָס איז אַ מין יוצא מן הכלל. אָבער דאָס דעקט נאָך ניט ציטלינס ארץ־ישראל־מאָטיוו. ער האָט נאָך אַ צאָל לידער, ווי דאָס גאָר ניט געוויינלעכע „געזאַנג לכבוד ירושלים עיר־הקודש" און אויך מאָטיוון, וווּ ער איז ניט קיין „איבערחזרונג", ווי ער זאָגט אַליין, נאָר באַנייאונג „פון גאָר אַן אַלטער זאַך".

און דאָ איז אויך פאַראַן אַ צאָל דיכטער וואָס האָבן דערוויזן, אַז ווי קאַרג זיי זיינען ניט געווען אין דעם כמות פון דעם ארץ־ישראלדיקן מאָטיוו, האָבן זיי שוין אָפּגעשפּאָרט פאַר זיך און פאַר דעם כלל אַ קרן־קימת פון אַ פּאָר לידער. זיי האָבן דערוויזן אַז איין ליד קאָן ווערן אַ מוסטער פון באַזונדערקייט, פון אויסערגעוויינלעכקייט, פון דעם וואָס מ'דאַרף באַגרייפן ניט בלויז מיטן שכל, נאָר גאָר מיט דער אינטואיציע.

אַזעלכער איז איציק מאַנגער. ער האָט ביז איצט בלויז געגעבן צוויי ישראל־מאָטיוון: „כ'האָב זיך יאָרן געוואָלגערט" און „צפת". דאָס ערשטע ליד איז ממש אַ פּערל, וואָס קענטיקט זיך אַרויס פון אַלע פּערל פון זיינע לידער. און וואָס האָט ער דען ניט אַריינגעגעבן אין אָט דעם זעקס־סטראָפיקן ליד? 25 שורות, וווּ יעדע שורה איז כמו אַ פּסוק פון אייגנקייט, פון אַנדערשקייט, פון לירישער האַפּטיקייט אין צמצום פון וואָרט. און איז דען בלויז אַן איינפאַל, אַן אויסגע־רעכנטקייט דאָס וואָס דער דיכטער טוט אַ זאָג: „כ'וועל ניט קושן דיין שטויב, ווי יענער גרויסער פּאָעט, כאָטש מיין הארץ איז אויך פול מיט געזאַנג און געוויין. וואָס הייסט קושן דיין שטויב? איך בין דיין שטויב. און ווער קושט עס, איך בעט איך, זיך אַליין?". עס איז מער ווי איינפאַל — עס איז נשמה. עס איז פשטות וואָס איז גאָר ניט אַזוי פּשוט, ווי איציק מאַנגערס ליד בכלל, ס'איז אַזוינס וואָס איז נאָך ניט געזאָגט געוואָרן.

דערנאָך דאַרף באַזונדערס דערמאָנט ווערן מלך ראַוויטש מיט זיין איינציק אָבער גרויס ישראל־ליד „נאַכט פון תחנון און בטחון איבער תל־אביב". אין דעם איז דאָ די שילדערונג פון אַ נייעם מין ארץ־ישראלדיקן אורבאַניזם, אַ ככל־הגוים־דיק אָבער פאַרט אייגן נאַכטלעבן, וווּ „ווילד און גיך און ראַשיק, דורך די שלעפעריקע גאַסן, גיט אַ וואַלגער זיך שווער־ליידיק און שווערלייביק דער לעצטער אויטאָבוס און רעדערט גיך זיין גרוס: להתראות"... און די וויזיע אַז אין דער טונקלקייט פון דער וועלט זיינען געבליבן אין דער שטאָט דריי וואַכע, וואָס זיינען פאַרטאָן אין דעם אייביקן וויכוח: אלוה, סנדלפון, דער מלאך פון פייער, דער אייביקער סניגור צווישן אלוה און זיין קינד, און אַן „אַלטער משורר אַ ייד, דער בעטער פול מיט אייביקן בטחון פון דעם דאָזיקן תחנון אויף תל־אביב, דער שרייבער פון אָט אַ דעם ליד"... און ווי רירנדיק עס איז די תפילה אָדער דער תחנון פון אָט דעם דריטן פאַר דעם געבאָט, וואָס זיין נאָמען איז גערעכטיקייט. ער זעט ווי „אַ חלף שאַרפט דאָ נאָענט ווער, און אַ צווייטער שאַרפט אַ ברכה". פאַרגייט ער, אָט דער דריטער, אין זיין תחנון: „פיר די האַנט פון אַלע דיינע קינדער אייביק צום אַקער און קיינמאָל צו דער שווערד".

א. לעיעלעס, וואָס איז בכלל קאַרג געווען אין ישראל־מאָטיוו, האָט פונ־דעסטוועגן רעאַגירט אין אַ פּאָר לידער ווי אַ מחותן (אין זיין ערשטן ליד „יהודה הלוי" און אין זיין צווייטן ליד „מדינת ישראל"). און ניט געקוקט וואָס פריער זינגט ער אַ לויבגעזאַנג צום פאָלק פון וואַנדער, וואָס בויט צוריק דאָס לאַנד און מאַכט עס ווידער ניי און יונג — דערשרעקט ער זיך פאַר דעם קנאַל פון ביקסן, בפרט נאָך ווען יידן שיסן. ער רעכנט זיך ניט מיט דעם וואָס יידן שיסן ניט אין זעלבסט־נויט, נאָר אין זעלבסטשוץ. אים חלומט זיך נאָך אַלץ חסד און פאַרגיבשאַפט. זיין גבורה איז ניט פון שטאָלץ, זיין געווער איז האַרץ. און דאָס פאָדערט ער אויך ביי ביידע ישראלס: פאָלק און לאַנד. אין יום־טוב פון מדינת ישראל ברענגט ער אַריין דעם איכה־מאָטיוו וועגן יענע מחנות, וואָס זיינען געטריבן געוואָרן צו זייער לעצטן מאָל. אָבער אשרי המאמין, ווײַל איז צו דעם פּאָעט וואָס זאָגט נאָך פּאָרט אַז „ביז די ערד, די דולע כלבטע, וועט זיין קלאָר, — קוש איך, פאָלק פון עלטסטן טרוים, דיין נייסטע וואָר".

כמעט די זעלביקע פּראָבלעמאַטיק — און ממילא די זעלביקע רעזער־וואַציע לגבי דעם יום־טוב פון אונדזער אויפקום — האָט א. אלמי אין זיין ליד „ה' אייר, תש"ח". ער הייבט אויך אָן מיט די שעהן, מאָמענטן, הייסט עס, וואָס זיינען „אָנגעפּראָפּט מיט כוח פון צוויי טויזנט יאָר, מיט דבורהס ליד און איכה־צער און לידער פון חלוצים־דור", „די שעהן, ווען די וואָר ווערט חלום און דער חלום ווערט אַ וואָר". איז דאָך גוט און ווײַל. אָבער ער פאַרגינט זיך ניט הנאה צו האָבן פון די דאָזיקע שעהן. ער מוז דווקא אין מיטן פון אונדזער גרויסער שמחה, ווערן אַ מקונן, ווערן אַ סקעפּטיקער און דערציילן וועגן דעם „מיליאָנען־גרוב פון אונדזער פאָלק". אפשר איז דאָס דער טראַדיציאָנעלער מאָטיוו פון אויפברענגען אויף אונדזערע שמחות די דערמאָנונג פון אונדזער חורבן. אָבער אויך דאָס האָט געדאַרפט אַריינגעבראַכט ווערן אין אַן אַנטאָלאָגיע וועגן ארץ־ישראל.

גאָר אַ באַזונדערע דערשיינונג, אין שייכות מיטן ארץ־ישראל־מאָטיוו איז פּרץ מאַרקיש. אין 1924 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ פּאָעמע א"נ „דער לעצטער", וווּ אַ טייל איז געווען דער ארץ־ישראל־מאָטיוו. אויף ווי ווייט ער איז געווען „געכאַפּט אין דער מעשה", קאָן מען זען פון דעם אָפּרוף פון מ. קאַמענשטיין, דעם געוועזענעם טוער פון פועלי־ציון, ס. ס. און די „פּאַראייניקטע" משה גוטמאַן, אין כאַרקאָווער „שטערן". זאָגט ער דאָרטן אָט אַזוי: „מיר האָבן דאָ אַ „שמעקנ־דיקן" בוקעט פון משיח, ירושלים, גליל אאַז"וו. — דאָס גאַנצע קלאַפּערגעצייג פונעם ציוניסטישן לעקסיקאָן". „דאָס איז אַזאַ מין פּאָעזיע, וואָס אויב זי וואָלט ניט געווען, וואָלטן זי די ציוניסטן געדאַרפט אויסטראַכטן... אַזאַ פּאָעזיע וואָס אומאָפּהענגיק פונעם פּאָעטס כוונות, דינט זי אָביעקטיוו דער סאַמע רעאַקציאָ־נערער אידעאָלאָגיע פון דער יידישער בורזשואַזיע — דעם ציוניזם. די דאָזיקע לידער זיינען געשריבן געוואָרן אפנים אין פּאַלעסטינע, בעת מאַרקיש איז דאָרט

געוועזן״. און איצט ווען מאַרקיש איז שוין אַ קדוש, דאַרף מען צוגעבן, אַז די דאַזיקע מאַרקישעס פּאָעזיע וועגן „פּאַלעסטינע״ — הגם ניט גאַר קלאָר, איז באַזונדער גרויס אין איר קינסטלערישקייט.

חיים גראַדע האָט דאָ אויך בלויז אַ פּאָר לידער פון ישראל־מאָטיוו. „אריאל פון יגור״ און „צפת״. איז דאָס ערשטע ליד אַ מין אַקטועלע באַלאַדע, וואָס דער דריטער חורבן האָט ביים דיכטער אַרויסגערופן, וועגן אַ קינד פון שארית הפליטה. אריאל פון יגור, אין ישראל, דער וואָס האָט „שטיינער צעזעצט, זומפּן געטריקנט, די זאַמדן מיט שווייסן באַנעצט, אַליין זיך געלייגט אַנשטאָט בריקן״, האָט זיך אונטערגענומען „דאָס קינד קיין ארץ־ישראל דערטראָגן״. און דאָס איז אַ דורכאויס יידישע באַלאַדע, ווו ניט דער טויט נאָר דווקא דאָס לעבן דאָמינירט. און אין דער דאָזיקער סימבאָלישער — הגם אויך רעאַלער — דראַמע, וואָס דער דיכטער האָט אַרויסגעוויטיקט, אַרויסגענייטיקט, איז פאַראַן דער עכט יידישער מאָטיוו פון אומקום און אויפקום. דאָס קינד, וואָס אריאל פון יגור ראַטעוועט, דאַרף זיין, און איז דאָס קינד פון אונדזער צוקונפט אין ישראל. און וועגן „צפת״. פאַראַן אַזאַ שפע פון צפת־מאָטיוון. אָבער מ׳דאַרף פּאַרט אַרויסהייבן חיים גראַדעס „צפת״, דורך ברענגען בלויז זיינע אַנדערהאַלבן שורות, אַז „די באַרגיקע צפת האָט ערדיש געירשנט מיין ווילנע של מעלה״.

און אויב אַ באַלאַדע, קאָן שוין זיין פּרעכטיקער ווי די באַלאַדע פון לייזער וואָלף „אַ ייד אין בית־לחם״? אדרבא, זאָל מען נעמען אויסטייטשן די רמזים פון אַזאַ מין אויסטערלישער באַלאַדע, וועט מען קומען צום בלויזן פשט, אַז די דאָזיקע יידישע באַלאַדע האָט אַ סך מער עכטקייט, צילגעווענדטקייט און אַקטועל־קייט ווי די סתם־באַלאַדעס ביי די אומות־העולם, וואָס זיינען צוגעטראַכט און אויסגעשפּילט, בעת דאָ, ביי לייזער וואָלפן, איז דער מאָטיוו דורכגעפילט און דורכגעוויטיקט. די שילדערונג איז אַ באַזאַכטע און באַדאַכטע, וואָס גיט שאַרפע, בולטע שטריכן. עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ ייד וואָס „גייט מיט ווייסער באָרד און פאות, פרידלעכע מחשבות אין זיין קאָפּ... און ער גייט אַריין אין וועלדל, ווו ער שטעלט זיך דאַוועגען אין דער שטיל״. „זעסט אַ יהודי, נעם און שטעך אים״ — סודען זיך די שאָטנס אין די בערג... און דער מעסער שלייכט אַריין אום שבת אין דעם יידנס האַרץ... קליינע שטערן ריידן אויף אַראַביש, גרויסע, רויטע טראָפּנס אויפן גראָז״... דאָס איז נאָר אַ טראָפּן פון מער ווי אַ געוויינטלעכער באַלאַדע.

און עס דאַרף דאָ באַזונדערס דערמאָנט ווערן בעריש ווינשטיין, וואָס האָט זיך שטאַרק אַרויסגעצייכנט אין זיין טרילאָגיע: „ריישע״, די שטאָט ווו ער איז געבוירן, און וואָס האָט רעפּרעזענטירט גאַליציע, אין זיין צווייטן ווערק „אַמע־ריקע״, און דריטן ווערק „ארץ־ישראל״, ווו ער שילדערט דאָס לאַנד דורך דער ביאָגראַפיע פון דעם הויפּט־העלד, דעם דיכטער גופא, אין די פאַרשיידנסטע מאָמענטן פון דעם אַלטן און דעם נייעם חומש. דאָ איז פאַראַן ארץ־ישראלדיקער

חומש־ראָמאַנטיזם פון די חדר־יאָרן, וואָס האָט זיך המשכדיק און קאָנקרעט אויסגעדריקט אין זיין מאָטיוו פון נייעם ארץ־ישראל.

מען איז אפשר ניט מחויב באַזונדער צו דערמאָנען און בפרט אויסטייטשן אַלע אַנדערע דיכטער, וואָס קומען אַריין אין דער אַנטאָלאָגיע. הגם יעדער איינער איז דאָ ניט סתם אַריינגענומען, נאָר איז געוואָרן אַריינגעגלידערט אין דעם זכות פון זיין אייגענעם ווערט. עס זיינען בלויז אַרויסגעלאָזן געוואָרן די דיכטער, וואָס האָבן געפּרווּווט, אָבער געווען צו שוואַך פאַר דעם ארץ־ישראל־מאָטיוו.

מ׳דאַרף פונאַנדערטיילן די יידישע דיכטער, וואָס האָבן געשאַפן זייערע לידער וועגן ארץ־ישראל, ווען זיי זיינען געווען מחוץ לארץ, און די דיכטער וואָס זיינען געווען און זיינען דאָ אין ארץ גופא. און דאָס איז דאָך זייער שכר. וואָרעם עס איז דאָך פאַראַן עפּעס וואָס אַנדערשט אויס די ביידע גרופּעס: די דיכטער וואָס זיינען געווען פּיאָנערן, האָבן געלעבט צענדליקער יאָרן אין לאַנד, און די צוגעקומענע, וואָס לעבן איצט אין לאַנד, — זיי אַלע האָבן זיך באַהעפט מיטן לאַנד און ביי זיי איז דער ארץ־ישראל־מאָטיוו דער אַרויסגעצייכנטער, כמעט דער עיקרדיקער פון זייער שאַפונג. מע וואָלט געדאַרפט יעדערן באַהאַנדלען באַזונדער; און טאַקע אָנהייבן מיט די פּיאָנערן: מנחם סטעמפּל, יוסף פּאַפּיער־ניקאָוו, י. צ. און הלל שאַרגעל, יעקב שטאָל, רקודה פּאָטאַש, אריה שמרי, אברהם לעוו, י. מאַניק און די אַלע אַנדערע, טייל פון זיי גאָר באַדייטנדיקע דיכטער, וואָס זיינען שפּעטער אַריינגעקומען אין לאַנד.

מיר מוזן זיך אָפּשטעלן אויף פיר פּיאָנערן פון קינסטלערישן ארץ־ישראל־מאָטיוו, וואָס זיינען געווען פּראָדוקטיוו, אין כמות און איכות. איינער פון די ערשטע איז:

יוסף פּאַפּיערניקאָוו. פון זיינע צען ביכער, וואָס ער האָט אין זיין ליטע־ראַרישן פאַרמעגן, איז בלויז איין בוך (איבערזעצונגען פון יעסענין) געשאַפן געוואָרן אין פּוילן. די אַנדערע זיבן לידער־ביכער, איין בוך דערציילונגען און איין בוך זכרונות, זיינען אויפגעקומען אין ארץ־ישראל. זיינע הונדערטער לידער זיינען ניט פון איין כאַראַקטער און זשאַנער. דאָ זיינען פאַראַן ראָמאַנטישע און רעאַליסטישע מאָטיוון, נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע, ליבע־מאָטיוון, נאַטור־לידער, פאָלקסטימלעכע לידער, מעדיטאַציעס, פּאָרטרעטן, לידער פון צער און צאָרן און הימנען, שוימיק־צייטישע און קאָנקרעט־צייטיקע, ריין־לירישע און רעטאָריש־דעקלאַמאַטאָרישע — הכלל, אַ שלל מאָטיוון, וואָס באַווייזן דעם רעזולטאַט פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע, לעבנס־ און צייט־השפעות. אָבער איבער אַלץ — דער ארץ־ישראל־מאָטיוו, וואָס איז ביי אים צענדליקער יאָרן געווען שפּעדיק. טייל איז אַריין אין זיין בוך „דאָס לאַנד פון צווייטן בראשית״.

אריה שמרי. מיט יאָרן צוריק, באַלד ווי עס איז אַרויס זיין פּאָעמע „36 לידער וועגן לייזער ציפּרעס״, האָט מען שוין געקאָנט פילן אַז אַ נייער כוח איז צוגעקומען אין דער יידישער פּאָעזיע בכלל און אין דער ארץ־ישראל־פּאָעזיע

בפרט. נאָכדעם האָבן זיך אַרויסגעליכטיקט זיינע ביכער פון ליד און פּאָעמע: „אין טויער פון טעג" (1947), „אין וואָכיקן ליכט" (1953) און „אַ שטערן אין פעלד" (1957). דער ארץ־ישראל־מאָטיוו איז ביי שמרי ניט על־פּי נוסח פון ליב־האָבערישער דעקלאַמאַציע, פּרימיטיוון ראָמאַנטיזם, און אויך ניט דער מאָדערני־זירטער נוסח פון סטיליזירן דאָס לאַנד ווי אַ פּאָעטישער טוריסט. אין זיינע ארץ־ישראל־לידער איז פאַראַן דער טוי פון הימל און די פעטקייטן פון דער ערד, די טרערן פון געזיי און דאָס געזאַנג פון שניט, דאָס וואָכיקע ליכט פון אַרבעט און די אמונה פון טוענדיקע פינגער. זיי האָבן אין זיך דעם רעגנבויגן פון קאָלירן, טענער, מעטאַפאָרן און וואָרט־חידושים. און בעיקר זיינען זיי אַ סימן פון אייביקן בונד צווישן דיכטער און לאַנד.

אברהם לעוו. אויך ביי אים זעט מען די מזל־ברכה און דעם שלל היימלאַנד־מאָטיוון, ווו אַפילו די וואָכיקייט ווערט יום־טוב; און די שווערע מערכה פון די אַרבעטנדיקע ווערט גרינג דורך דעם פאַרהאָרעוועטן שכר פון אַן אייגענער „היים און פעלד", וואָס איז טאַקע דער נאָמען פון זיין לידער־בוך (1953). און ווי עס זאָל זיך ניט פילן דער אומרו פון דעם דיכטער אין אַ סך פון זיינע לידער, איז גובר ביי אים דער „ברכי נפשי" צו היים און פעלד, צו די ווונדן און ווונדער פון אייגענעם לאַנד.

י. צ. שאַרגעל. ביי אים זיינען די ארץ־ישראל־לידער געווען סיי „אין בלויען ליכט" און סיי „פון ווי און גלויבן" (די נעמען פון זיינע צוויי לידער־ביכער). דער וואָס האָט דורכגעפּאַקט און דורכגעמזלט (בלשון מזל) אַלדי פּראָצעסן, געשעענישן און דערשיינונגען פון ארץ־ישראלס ערב־אויפקום, ביז עס איז געוואָרן ישראל. און ער האָט געזונגען זיין שירה פאַר דעם ווערן און זיין פון אונדזער לאַנד אויף זיין מאַמעס לשון: יידיש.

אברהם סוצקעווער. ער איז שוין אין לאַנד געקומען אַן עטאַבלירטער ווי אַ דיכטער. ווען וואָס האָט ער דען ניט פריער געזונגען? וואָס פאַראַ דיכטערישע טעמאַטיק איז דען ביי אים ניט אויסגעליכטיקט געוואָרן אין זיין שלל לידער? איז ער דאָך שוין פריער געווען דער זוניקסטער באַזינגער פון מענטש, וועלט און לעבן. איז ער דאָך דערנאָך געוואָרן דער גרעסטער מקונן־שילדערער פון אונדזער חורבן. אָבער אַז סוצקעווער איז געקומען אין ארץ־ישראל, איז ער דאָ ווי ניי געבוירן געוואָרן מיט אַן אַנדער גרויס לעבן. דאָס לאַנד האָט אויף אים אַזוי שטאַרק משפיע געווען, אַז ער האָט דאָ געשאַפן זיינע גרעסטע ווערק. און דאָס זיינען ווערק, וואָס באַווייזן אים ניט בלויז ווי אַ טאַלאַנט־ווירטואָז, נאָר אויך ווי אַ דיכטער, וואָס נאָך אַלע זיינע פריערדיקע לידער לשם לידער און אינדיווי־דועלע שטימונגען, נאָך זיין זיס־אומעטיקן פלייט־געטרילער און פריידיקן טרומייט־אָנזאָג, נאָך די רירנדיקסטע קינות איבער דעם חורבן פון זיין פאָלק — האָט זיין שירה דאָ באַקומען איר גרעסטן כלליש־נאַציאָנאַלן תיקון. עס איז פאַראַן ביי דעם נאָך יונגן דיכטער אַ פאַרמעגן פון ניין לידער־ביכער. אָבער די העכסטע

דערגרייכונגען פון תוך און פאָרעם זיינען אין זיינע ישראל־ווערק „אין פייער־וואָגן" (1953), „אָדע צו דער טויב" (1955), „אין מידבר סיני" (1957), אין אַ היפּשער צאָל לידער וואָס זיינען דערוויל נאָך ניט אַריין אין די ראַמען פון אַ בוך, און בפרט אין זיין גרויסמייסטערישער פּאָעמע, וואָס האָט צוויי נעמען: „אויפן ים, ביים געבורט פון לעגענדעס" און „די גייסטיקע ערד", און איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעם זשורנאַל „די גאָלדענע קייט".

און פונקט ווי דער דיכטער איז געווען אָפּגעהיט־באַלאַנסירט אין זיין מאָטיוו פון אונדזער אומקום, איז ער געווען קינסטלעריש אויסגעהאַלטן אין זיין מאָטיוו פון אונדזער אויפקום. די איכישקייט פון דעם דיכטער און די כללישקייט פון דעם כלל האָבן זיך דאָ פאַראייניקט אין אַ בונד, וואָס האָט די חתימה פון שטענדיקייט. ער איז געווען פון די געבענטשטע אַקטואַליזירער פון דעם ישראל־מאָטיוו, וואָס האָט דערביי אין דעם אַרויסגעוויזן די דריאייניקייט פון שיינקייט, קראַפט און האַרמאָניע. אין אָט די ישראל־לידער האָט דער דיכטער באַקומען זיין העכסטן תיקון. נאָך די לידער לשם לידער פון זיין יוגנשאַפט, נאָך דער מגילה פון חורבן און פאַרטיזאַנישקייט, איז דער דיכטער צוגעפאַלן צו די נייע אויפקום־לידער, צו די ישראל־מאָטיוון, וואָס זיינען געווען פאַר אים אַ דערפרישונג, ווי דער דיכטער זאָגט אין זיין שיר וועגן די וואַסער־שעפּערינס, אַז „צו די פאַלנדיקע טראָפּנס אויף דער ערד צעברענטער, בין איך צוגעפאַלן דאָרשטיק. נענטער. נענטער. נענטער".

יעקב פרידמאַן איז איינער פון די אייגנאַרטיקסטע דיכטער. ער ציט נאָך עד היום יניקה פון זיין אַמאָליקער פרומער, רבישער היים. און ס'איז פאַראַן אין אים די עכטקייט, די ערלעכקייט און אַפילו די פרומקייט, ווי אַ יידישער דיכטער דאַרף זיין. אָבער לא על ה„ערלעכקייט" אַליין יחיה, טוט לעבן, דאַרף לעבן, אַ דיכטער אפילו ביי יידן. ער איז נאָך דערצו אַ קינסטלער וואָס האָט זיינע אייגענע דרכים; און די דרכים ווערן ביי אים באַלויכטן פון וויזיעס. און ווי עניוותדיק דער דיכטער זאָל ניט זיין, גייט נאָך מיט אים דאָס ליכט פון לשון, פון געמיט, פון אימאַזש, פון קאָליר און טאָן, וואָס וויזט אָן עכטן דיכטער. זיין לידער־בוך „פּאַסטעכער אין ישראל" (תל־אביב, 1953), אויך זיינע שפּעטערדיקע לידער, באַווייזן ווי אַנדערש ער באַהאַנדלט דעם ישראל־מאָטיוו, וואָס ווערט אַפילו ביי גרויסע דיכטער אַמאָל סקאַרבאָווע. עס איז כולו תפארת. און זיין ליבשאַפט וויגט דעם ישראל־מאָטיוו, וואָס איז שוין טויזנטער יאָרן אַלט.

מ'קאָן זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף יעדן יידישן דיכטער אין ישראל. אָבער מ'מוז דאָ דערמאָנען און באַטאָנען די גרופּע „יונג־ישראל", וואָס איז אַ באַזונדערע דערשיינונג. „יונג־ישראל" באַשטייט פון אַכט דיכטער און דיכטערינס: רבקה באַסמאַן, ה. בנימין, משה גורין, ש. וואָרזאַגער, משה יונגמאַן, מרדכי ליפשיץ, רחל פישמאַן, אברהם רינצלער, און די דריי פּראָזע־שרייבער: צבי אייזנמאַן, יאָסל בירשטיין (וואָס האָט אגב אָנגעהויבן מיט לידער) און אברהם קאַרפּינאָוויטש.

עס זאָל ניט זיין קיין פּחיתת־הכבוד פאַר די אַנדערע דיכטער, ווען איך וועל אַרויסקענטיקן בלויז איין דיכטער פון דער גאַנצער פיינער גרופּע: משה יונגמאַן, וואָס איז שוין אין מיטן פון זיינע דריי צענדליק יאָר אַזאַ גביר אדיר פון פאַרשייד־דענע מאָטיוון, יידיש־אידיאָמאַטיש לשון, וואָרטשפּיל און וואָרט־חידוש, מוזיק, מעטאַפאָר, ווערסיפיקאַציע און אַפילו גראַם, ועל כולם, אין זיין ניי־מחיהדיקן ישראל־מאָטיוו. די דאָזיקע גרופּע האָט בכלל שטאַרק באַרייכערט די ישראל־טעמאַטיק.

ארץ־ישראל־מאָטיוון האָבן אויך ארויסגעבראַכט די יידישע דיכטער און דיכטערינס, די תושבים פון לאַנד: מלכה לאָקער, מאָטל וועקסלער, מנחם סטעמפּעל, י. ח. בילעצקי, אליעזר קאַליר, שלמה שנהוד, מאיר פאַקנטרעגער, און די שפּעטער אַריבערגעקומענע: בינם העלער, לייזער אייכענראַנד, נחמן ראַפּ, ברכה קאָפּשטיין א״א.

*

דער צונויפשטעלער פון דער אַנטאָלאָגיע האָט געהאַט פאַר זיך אַ שלל מאַטעריאַל פון דעם ציון־ארץ־ישראל־ און ישראל־מאָטיוו. וואָרעם ווער פון די יידישע פּאָעטן האָט דען ניט געשריבן אויף דירעקטע און אומדירעקטע ארץ־ישראל־מאָטיוון? אָבער כדי די אַנטאָלאָגיע זאָל ניט ווערן איבערגעלאָדן אַזוי ווי אַ זאַק וווּ ס׳איז אַנגעוואָרפן „סחורה״ מכל המינים, האָט דער צונויפשטעלער באַשטימט אַ געווויסן סדר פון קלאַסיפיקאַציע און קוואַליפיקאַציע פון דעם מאַטעריאַל. עס זיינען געוואָרן אָפּגעקליבן און עס זיינען אַריינגענומען געוואָרן בלויז די לידער, וואָס האָבן אַ דורכויס קינסטלערישן כאַראַקטער און ווערט. דאָס הייסט, אַז די גרויסע קאָלעקציע האָט טאַקע אויך אַ ליטעראַטור־געשיכטלעכן באַדייט, אָבער דער טראָפּ איז דאָ געשטעלט געוואָרן אויף דעם קינסטלערישן יש, וואָס טאָר זיך נישט פּלאָנטערן צווישן סתם סענטימענטן און אויפריכטיקע זעאונ־גען, הערונגען און שפּירונגען. עס דאַרף אַפילו נישט זיין קיין שום יש מאין, נאָר אַ יש מיש. וואָרעם דער מאָטיוו ארץ־ישראל דאַרף שוין נישט האָבן קיין חיבה, ליבע, נאָר מער ווי ליבע — צוזאַמענלעבן, צוזאַמענקעמפן, צוזאַמענאויסטראָגן אַלע שווערקייטן, אַלע סכנות, אַלע שווער־פאַרהאָרעוועטע דערגרייכונגען און אַפילו די פיינלעכע אַספּיראַציעס צו דעם וואָס איז נאָך דערוויייל ניט דערגרייכט. וואָרעם ארץ־ישראל איז געווען, איז און וועט זיין אונדזער איינציקער שטיצפּונקט און באַשיצפּונקט. און די יידישע שרייבערס וואָס האָבן זיך מיט דעם אידענטי־פיצירט זיינען באַרעכטיקט צו האָבן אַ חלק אין דעם עולם־הזהדיקן און עולם־הבאדיקן ישראל.

און נאָך אַ מאָל: דער צונויפשטעלער פון דער אַנטאָלאָגיע האָט געהאַלטן אַז ס׳איז דאָ ניט וויכטיק אַרויסצוברענגען דעם סענטימענט, וואָס איז טאַקע

אפשר ערלעך און אויפריכטיק אויף זיין אופן. די גוטע כוונה איז דאָ אַ פּריוואַטער ענין — זי דאַרף ניט פאַרפיקסירט ווערן אין אַזאַ אַנטאָלאָגיע, וואָס איז ניט קיין פּריוואַטער, נאָר אַ כללישער, נאַציאָנאַל־קינסטלערישער ענין. וואָרעם אויב מ׳וואָלט זיך חלילה געדאַרפט רעכענען מיט סענטימענט, וואָלט מען געדאַרפט אַריינגעמען נאָך אַ סך לידער סיי וועגן ירושלים און סיי וועגן מדינת ישראל. עס איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז די דאָזיקע צוויי ראָמאַנטישע און דערביי אויך קאָנקרעטע און צענטראַלע פּונקטן האָבן באַדאַרפט סטימולירן די דיכטער. אָבער ניט אַלע האָבן זיך ליידער אין דעם אויסגעדריקט אויף אַן עכט קינסטלערישן אופן.

אָבער בכלל האָבן די יידישע דיכטער באַוויזן, אַז דער אידעאַל און די פאַרווירקלעכונג פון ארץ־ישראל איז זיי אַזוי טייער ווי זייער אייגן לעבן.

די לידער מיט אַ טענדענץ (אַ נאַציאָנאַלע, אַ סאָציאַלע וכדומה) מאַכן קאַליע די ריין־קינסטלערישקייט. אָבער ניט אין דעם פאַל. גראָד דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ וווּנדערלעכע דערשיינונג: טענדענץ און קינסטלערישקייט האַרמאָניזירן און דערגאַנצן איינע די אַנדערע.

אין די שאַפונגען פון די יידישע שרייבער וועגן און אַרום ארץ־ישראל קומען צום אויסדרוק אַלע אייגנשאַפטן פון תוך און פאָרעם: ליבשאַפט, אויפריכטיקייט, עמאָציאָנעלקייט, פּאַטאָס, התלהבות, השתפכות הנפש, ליריק, חידושי לשון, חידושי הווערסיפיקאַציע, און אפילו נייע, אָריגינעלע גראַמען און וואָרט־קאָמבינאַציעס.

אין די מאָטיוון וועגן ארץ־ישראל און ישראל קומען צום אויסדרוק: בענקשאַפט צום לאַנד פון די אָבות און פון תנך, לירישע און פּאַטעטישע אויסדרוקן, עפּישע שילדערונגען פון קאַמף און אַרבעט, פון העלדישקייט און קרבנותשאַפט, פון אידעאַליזם און חלוצישקייט, פון ראָמאַנטיזם און רעאַליטעט, פון פּאַקטישקייט און פּראַקטישקייט, פון באַווייזן און דערווייזן, אַז ס׳איז דאָ אַ יידיש לאַנד, אַ יידישע מדינה, יידישע אייגנאַרטיקייט, יידישע ווערטן, יידישער עבר, הווה און עתיד.

די יידיש־דיכטער האָבן אין זייער שירה באַזונגען ארץ־ישראל, געשילדערט דאָס לאַנד אין אַלע זיינע פּראָצעסן און צושטאַנדן, אין אַלע מאָמענטן פון געראנגל, קאַמף און אויפבוי. זיי האָבן אויפגענומען אַלע טיפן פון קיבוץ גלויות. זיי האָבן געמאָלן די לאַנדשאַפט פון ארץ־ישראל, אויפגעכאַפּט דאָס לעבן פון די שטעט און דערפער, קיבוצים, מושבים און מושבות.

כמעט אַלע לידער זיינען פון די דיכטער וואָס האָבן געשאַפן אין יידיש, אַ חוץ אַ צאָל, וואָס זיינען בעיקר העברעאישע דיכטער, אָבער אויך אין יידיש האָבן זיי געשאַפן און זיך אַרויסגעצייכנט, ווי חיים־נחמן ביאַליק, יעקב פיכמאַן, יצחק קאַצענעלסאָן, י. ד. קאַמזאָן, גבריאל פּרייל, שלמה שנהוד א״אַ.

ווי קאָמפּליצירט עס איז דאָ געווען דער ענין פון אַן ארץ־ישראל־אַנטאָלאָגיע קאָן דינען דער פאַקט, וואָס דער צונויפשטעלער פון דער אַנטאָלאָגיע האָט באַקומען ממש הונדערטער לידער פון דיכטער גופא און אויך אַ פּאַרטיקן מאַטעריאַל, וואָס

איז געווען פֿאַרעפֿנטלעכט אין די פֿאַרשיידנסטע ביכער, צייטשריפֿטן וכדומה. פֿון דעם גאַנצן מאַטעריאַל האָט דער צונויפֿשטעלער געדאַרפֿט אַרויסנעמען יחידי־סגולהדיקע לידער, וואָס זיינען קודם־כל קינסטלעריש, און צווייטנס עכט און ערלעך אין זייער אויסדרוק. דער צונויפֿשטעלער האָט געלאָזט זיך פֿירן פֿון אַ צילבאַוווסטקייט אַז אַזאַ מין אַנטאָלאָגיע דאַרף דורכפֿירן אַ נאַציאָנאַל־קינסטלע־רישע פֿונקציע און דאַרף געבן אַ מבחר פֿון דעם וואָס יידישע שרייבערס האָבן געטאָן פֿאַר ארץ־ישראל.

*

מיין עפֿנטלעכן דאַנק דער פֿאַרוואַלטונג פֿון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, בראש פֿון יעקב פּאַט און חיים בעז, פֿאַר דערמעגלעכן אַז עס זאָל אַרויס דער ערשטער באַנד ארץ־ישראל־אַנטאָלאָגיע.

אברהם גאָלדפאַדען

כ׳וואָלט געוואָלט זען

כ׳וואָלט געוואָלט זען ווי פאַרטשאַדעט פון רויך,
ווען דער נעפל איז טיף אָן אַ סוף,
דרעמלט דער אַלטער לבנון איז דער הייך
און רעדט עפּעס צו זיך פון שלאָף...
וואָס חלומט זיך דעם זיידן? וואָס טראַכט ער און קלערט?
צי דאַוונט ער דענסטמאָל, צי גיין?
צי ווידערהאָלט ער דעם תהלים, וואָס ער האָט געהערט
פון זיין דודן זינגען אַליין?
צי קלאָגט ער וואָס זיינע נעסטן זיינען לער
און די פייגעלעך זיינען פאַרטריבן?
דערפאַר קרעכצט ער פון שלאָף אַזוי שווער,
וואָס ער איז אַזוי עלנט געבליבן?

יאָ, שרייב מיר

יאָ, שרייב מיר, ווי זעט אויס דאָס אָרט, וואָס געטאַנצט
האָב איך דאָרט אין די יינגלישע יאָרן;
צי בליען נאָך די רויזן, וואָס איך האָב געפלאַנצט
אַליין אין דעם עמק השרון?
שמעקט נאָך דער כרמל פון בשמים אַלערליי?
דער אַלטער לבנון — וואָס טוט ער?
און די שעפּעלעך מיינע, אוי, בענק איך נאָך זיי!
איך בין דאָך געווען זייער היטער!

צי קומסטו אָפּט אויף די קברים צוגיין
פון די אבות און העלדן פון פריר ?
און אויפן באַרג ציון יעדן איינציקן שטיין
גרים, מאַמעניו, פריינדלעך, פריינדלעך פון מיר !

אליקום צונזער

שיבת ציון

וואס זע איך דורך די שויבן?
עס פליען און ווי טויבן,
מיין יוסף, מיין בנימין קלאפן אין מיין טיר.
אך, הימל גאט, די וואונדער!
איך זע דאך מיינע קינדער,
די ליבסטע, די טרייסטע קומען אן צו מיר.
אוועק אזוי פיל יארן,
געמיינט איך בין פארלוירן,
און אלמנה א פארוויסטע — ליידיק ביי מיין טיש...
מיט אייך ווי איז געגאנגען,
זינט מען האט אייך געפאנגען?
וואס מאכט יהודה און אפרים? גיט מיר א געררוס!

אהער קומט יענע יארן!
איך בין יונג געווארן,
איך ווארף אראפ מיין טרויער, אהער מיין זיידן קלייד!
פול ווערט מיין הויז ווידער,
עס הייבט דאס הארץ, די גלידער,
פיל פון מיינע קינדער פארן אן מיט פרייד.
פון שמחה טרערן פליסן,
לאזט מיך האלדזן, קושן,
רוט אייך אוים ביי מיר די ביינער, מיינע הארצנס-געסט!
איר וועט ביי מיר קריגן
אלע פארגעניגן,
איר וועט ניט וויסן פרעמדע טישן, נאר די מוטערס קעסט.

אַ בריוו פון דער מוטער ציון

פראַגמענט

דורך די פּאָעטן, די שטענדיקע היטער,
וואָס גאָט האָט זיי ביי מיר פאַר וועכטער געשטעלט,
שיקט אייך אַ בריוול איך ציון, די מוטער,
צו אייך, מיינע קינדער, פון צווייטער זייט וועלט.
געגריסט זייט פון מיר און פון אייערע שוועסטער,
פון כרמל, לבנון, פון יפו ביים פּאָרט,
פון דער וואַנט פון מקדש, דער מויער דער פעסטער,
פון הר הזיתים, דאָס הייליקע אָרט,
פון חרמון, פון ירדן, דער שפּאַציר דער בעסטער,
וווּ איר פלעגט יונגערהייט שפּילן זיך דאָרט.

פריילעכע בשׂורות קאָן איך אייך מיטטיילן,
מײַן יוגנט ווערט איצט צוריק אָפּגעפרישט,
עס קומען די קינדער די ווונדן צו היילן,
צו בויען די חורבות, וואָס שטייען פאַרוויסט.
זיי גרינדן קאָלאָניעס, און זעצן זיך ווידער
צום טיש ביי דער מוטער, ווי מוטיק, ווי פריי,
און עסן און טרינקען און זינגען זיך לידער,
די שפּראַך און די ביבל לעבט-אויף אויף דאָס ניי.
זיי זיינען גאַנץ גליקלעך און לעבן ווי ברידער —
מיין האַרץ קוועלט צו שטיין און צו קוקן דערביי.

ציון - לידער

פראָלאָג

צי־אָן זיבן פעדעם פון הימלישער שײַן,
צי־אָן זיבן ליכטיקע שטראַלן,
זיי זאָלן ווי גאָלדענע סטרונעס מיר זײַן
און לײַכטן און זינגען און שאַלן!
מאַי־גלעקלעך קלינגען אין פעלד און אין טאָל,
די טײַבעלעך וואָרקן און פליען
צו הערן דעם זיסן און טײַערן קול,
די הייליקע לידער פון ציון.
עס ציען זיך ליבלעך די רויז און די זאַנג,
אין פעלד און אין גאָרטן, צו הערן
די לידער, אין וועלכע עס זײַנען פון לאַנג
צונויפגעמישט פערל און טרערן...
די לידער, וואָס שלאָגן אַרויס ווי אַ קוואַל
פון האַרצן און זידן און בריען,
די לידער מיט האָניק, די לידער מיט גאַל,
די לידער, די לידער פון ציון.

קרבנות

אָט שטייט אַ ייד, אַ פרומער ייד,
ס׳איז פּשוט אַ רחמנות,
ווי איצט, אין גלות, לייענט ער
דעם „סדר הקרבנות״.

אַי, אַי! ווי שיין דאָס איז געווען,
בשעת דער מזבח
פֿלעגט ברענען דאָרטן און עס פֿלעגט
פֿון ווייַרעך גיין אַ ריח.

אַט פֿירן קנעכט אַ פֿעטן אָקס,
וואָס וועט אַן „עולה” ווערן;
די הערנער אויסגעגילדט, אַ קראַנץ
פֿון רויזן אויפֿן שטערן.

זאַט פֿירט מען יונגע שעפּעלעך,
אַט טראָגט מען פֿרוכט פֿון גאָרטן
מיט טויבן, בוימל, זעמלמעל,
קרבנות אַלע סאָרטן.

דער כהן-גדול בענטשט דאָס פֿאָלק,
די לוִיִם זאָגן שירה,
די פֿידל הייבט דעם ניגון אָן,
עס רופֿט זיך אָפּ די לירע;

די צימבלען זינגען צוקער-זיס,
די טאַצן האַסטיק קלאַפּן,
עס הודיעט, ברומט דער קעסלפּויק —
דעם אָטעם ניט צו כאַפּן...

אוי, וויי, איז אונדז! און דאָס אַלץ איז פֿאַרפֿאַלן!

— — — — — — — — — —

ליבע ברידער!

ס'איז עפּעס נאָך געווען, וואָס איצט
מיר האָבן שוין ניט ווידער:

קרבנות — אָקסן, ציגן, בעק?
ניין! אַנדערע קרבנות
האָט אונדזער לאַנד געבראַכט אַמאָל,
געאָפּפּערט אָן רחמנות:

גבורים זיינען דאָס געווען,
וואָס האָבן בלוט און לעבן
פאַר זייער גאָט, פאַר זייער פאָלק
מיט פרייד אַוועקגעגעבן.

אויף די קרבנות וויין און קלאָג,
מיין פאָלק, מיט הייסע טרערן;
פון זיי דער אָנדענק זאָל אין דיר
ניט אויסגעלאָשן ווערן.

ער זאָל באַפליגעלן דיין גייסט,
ער זאָל אים ברענען, בריען,
דו זאָלסט געדענקען ביזן טויט
דיין פאָטערלאַנד, דיין ציון!

דער מאַמעס קלאָג

אין שטויב און אין שמוץ,
פאַרלוירן איר גוטס,
פאַרלוירן איר לעצטע נחמה;
פאַרטריקנט, פאַרבליט
און קוים וואָס עס גליט,
עס האַלט זיך אין איר די נשמה.

זי ליגט לעבן וועג,
עס ציען זיך טעג,
עס גייען חדשים און יאָרן.
זי טראַכט אָן אַ שיעור:
„וואָס איז דאָס מיט דיר,
מיין זון, מיין בן־יחיד, געוואָרן?

אויב גוט איז דיר דאָרט,
דערמאָן זיך דאָך פאָרט,
ווי מיר איז באַשערט זיך צו מיען,
דערמאָן זיך, ווי לאַנג
ליגט עלנט און קראַנק
די אַלטע אַלמנה פון ציון.

און אויב דיר איז שווער,
טאַ קום זשע אַהער,
קום, קינד מיינס, אַהיים צו דיין מאַמען;
צוזאַמען אי פרייד
געניסן, אי לייד
און לעבן און שטאַרבן צוזאַמען"...

פונעם ליד „אַ זומערנאַכט"

אין טיפן שלאָף, אין שטילן דרעמל
שטייט אויף אַ ווייט, אַ ליבלעך לאַנד
מיט אַלטע הויכע גרויסע דעמבעס,
וואָס וואַקסן ביי אַן אַלטער וואַנט.
ביי יענער וואַנט פון בית־המקדש,
וואָס איז פאַר אונדז געבליבן שטיין
ווי אַ מצבה, אַ זכרון

פון דעם, וואָס איז אַמאָל געווען...
איך זע דאָס פעלד, איך זע די קברים,
אין וועלכן ס׳ליגט דאָס אַלטע גליק,
די קראַפט און מוט און פרייד, פאַר וועלכע
עס איז ניטאָ אַ וועג צוריק.
פון באַרג נבו, פון ראש הפסגה
שטייט אויף אַ הויכער גרויער מאַן;
איך הער אַ קלאָג, אַ טיפן יאָמער:
„ביז וואַן, דו שטאַרקער גאָט, ביז וואַן!"
עס הייבט זיך אויף אַ ווינט, אַ שטורעם,
עס גייט אַ יאָמער, אַ געשריי;
די גרויסע דעמבעס רוישן, ברומען,
די צווייגן ברעכן זיך אויף זיי...

מאָריס ראָזענפעלד

ירושלים

אָ, ניין, איך קאָן אין פרעמדע לענדער
ניט בעטלען גיין אַ היים מיט שאַנד, —
נאָך בינדן אַלטע ליבעס-בענדער
מיך פעסט צו מיין געליבטן לאַנד.

נאָך ווערן פול די מידע אויגן,
ווען איך דערמאָן מיך אָן אַמאָל,
ווען איך האָב זיסע רו געזויגן
און ניט געהערט דעם טרייבערס קול.

ווען איך האָב ניט געקענט דעם האַסער
און האָב דעם עלנט ניט געפילט,
ווען איך האָב ביי דעם ירדנס וואַסער
געשטיפט, געזונגען און געשפילט.

ווען איך האָב מיינע שאָף געפיטערט,
און לעבן מיר האָט זים און פרום,
אין הייסער ליבע שטיל געציטערט
ירושלימס שענסטע בלום.

נאָך ווערט די ברוסט מיר פול מיט פריידן,
ווען איך געדענק די אַלטע צייט, —
מיר דאַכט, איך הער די טויטע ריידן
צו מיר פון וויט, פון זייער וויט.

מיר דאַכט, איך הער באַקאַנטע שטימען
מיך רופן: „קום אַהיים צוריק!"
און טיף אין האַרץ הייבט אָן צו גלימען
אַ האָפנונג אויף אַ נייעם גליק.

מיר דאַכט, איך זע דעם כרמל ווידער,
דעם שרון גרינען פון דאָס ניי,
עס שמעקט די לופט, עס קלינגען לידער —
עס קומט צוריק מיין ערשטער מאַי.

מיר דאַכט... און כל זמן מיר וועט דאַכטן,
וועל איך ניט אויסשטעלן מיין האַנט
צו די, וואָס קאָנען מיך ניט אַכטן,
און בעטן זיי אַ היים מיט שאַנד.

אָ, ניין, איך קאָן אין פרעמדע לענדער
ניט אומגיין זוכן אַ באַשטאַנד,
נאָך בינדן אַלטע ליבעס-בענדער
מיך פעסט צו מיין געליבטן לאַנד.

דאָס בענקען

ווי כ׳זאָל ניט זוכן קיין רו און קיין גליק —
שטענדיק אין ציון פאַרבלאַנדזשעט מיין בליק.
שטענדיק אַהין צו דעם הייליקן לאַנד
צייגט מיר דעם וועג אַ פאַרבאַרגענע האַנט.
שטענדיק אַהין צייגט זי, שטענדיק אַהין,
דאָרט ווו די פאַלמע די שלאַנקע איז גרין,
דאָרט ווו דער צעדער זיין שאָטן צעשפּרייט,
דאָרט ווו דער אָראַנזש מיט גאָלד איז באַנייט,

דאָרט ווו די זון שיינט מיט דאָפּלטער פּראַכט,
דאָרט ווו דער הימל דער לויטערער לאַכט —
דאָרט אַהין ציט עס מיך, דאָרט נאָר אַהין,
דאָרט צו מיין ציון, אָט ווו נאָר איך בין!

אָפט ווען דאָס הארץ וויל מיר ברעכן פאר וויי,
שונאים פאַרפאָלגן מיך ווו נאָר איך גיי,
טויזנטער שרעקן פאַרווירן מיין זין,
טראָגט אַ געדאַנק מיך נאָך ציון אַהין.
דאָרט טרוים איך איבער מיין טרוים פון דאָס ניי,
דאָרט גיי איך ווידער מיין יוגנט פאַרביי;
דאָרט זע איך נאָך אַ מאָל בליען מיין פעלד,
טרוימען מיין נביא און קעמפן — מיין העלד;
דאָרט זע איך ווידער מיין היים ווי זי לעבט,
אויך ווען דער צויבער דער זיסער פאַרשוועבט;
דאָרט אַהין ציט עס מיך, דאָרט נאָר אַהין,
דאָרט צו מיין ציון, אָט ווו נאָר איך בין!

דאָרטן נאָך ציון נאָר גאר איך און שטרעב,
דאָרטן נאָך ציון ווי לאַנג נאָר איך לעב,
דאָרטן נאָך ציון די הייליקע שטאָט,
ווו איך האָב רואיק געוווינט מיט מיין גאָט,
ווו מיך האָט ליבלעך דער גורל געגלעט,
דאָרט ווו איך האָב אויף מיין לשון גערעדט,
דאָרט ווו די זיסע מוזיק פון מיין כאָר
פלעגט מיך באַגייסטערן דריי מאָל אין יאָר.
דאָרט ווו עס זיצט נאָך און וואַרט ביי מיין טיר
שטענדיק די ליבע די אַלטע אויף מיר —
דאָרט אַהין ציט עס מיך, דאָרט נאָר אַהין,
דאָרטן נאָך ציון, אָט ווו נאָר איך בין!

משה

גיי אַרויף צו דעם דאָזיקן באַרג עברים, דעם באַרג נבו... און קוק אָן דאָס לאַנד כנען וואָס איך גיב צו די קינדער פון ישראל פאַר אַן אייגנטום. און שטאַרב אויף דעם באַרג, װאָס דו גייסט אויף אים אַרויף... נאָר פון דער ווייטן וועסטו זען דאָס לאַנד, אָבער קומען אַהין וועסטו ניט. (דברים, ל״ב)

נו, שטייסטו אויף דעם העכסטן באַרג פון לעבן
און זעסט פון ווייטן יענעם ליבן אָרט.
דו זעסט ווי לייכטע רויזנוואָלקן וועבן
דעם וווּנדער־שיינעם מאָרגן־הימל דאָרט.

דו שטייסט און זעסט די הייסגעליבטע געגנט,
עס קלאַפּט דיר הויך און שטאַרק דיין העלדנבּרוסט, —
דו זעסט דאָס לאַנד, ווו גליק און ברכה רעגנט,
דאָך שטאַרבסטו אין דער וויסטע מיט דיין לוסט.

עס רייסן דיך מיט ווייטיק די געפילן,
דיין אויג פאַרטיפט זיך אין דער ווייטער פּראַכט,
דו הערסט דעם כאָר פון די לויִים שפּילן,
דו זעסט דעם טעמפּל, ווו די שכינה וואַכט.

דיין ריינער בליק האָט ניט גענאַרט דיין זינען,
ס'איז אמת, וואָס דו זעסט און האָסט געזען,
דיין פאָלק וועט רו אין יענעם אָרט געפינען,
אַזוי זאָגט גאָט, עס וועט, עס מוז געשען.

עס איז געשען, דאָך דו וועסט דאָ פאַרבלייבן
אין ווילדן מדבר, — זע, דיר ווייזט אַ האַנט!

אַן אַנדער פֿאַסטעך וועט דיין שאָף פֿאַרקלייבן
אַהין, אין יענעם אייביק־גרינעם לאַנד.

דאָך כאָטש דו קענסט מיט זיי דאָרט ניט אַריבער,
עס שלאָגט דיין לעצטע שעה, דער וועג איז ווייט,
דאָך בלייבן דיינע זיסע לערעס איבער
ביז אין דער ווייטסטער, ווייטסטער אייביקייט.

נו, זאָג דיין „זיי געזונט" צו יענע פֿאַלמען,
געזעגן זיך מיט זיי כאָטש פֿון דער ווייט!
דאָרט וועט אַ זינגער נאָך אין זיסע פּסאַלמען
פֿאַראייביקן דיך ביז דער יונגסטער צייט.

עס וויינט דיין פֿאָלק, ס'וועט מער קיין משה קריגן,
די פֿרייהייט קלאָגט, — דאָך איז דיין לוין ניט קאַרג:
יאָ, אמת, אין אַ טיפֿן טאָל דאָ וועסטו ליגן,
דאָך שטאַרבן שטאַרבסטו אויף דעם העכסטן באַרג...

ש. אַנסקי

שוין טויזנטער יאָרן

א

שוין טויזנטער יאָרן
ווי ס'ברענט אונדזער דאָרן
אין צער און צאָרן
און ווערט ניט פאַרברענט.

און גלות צו גלות
דורך טרערן, יללות,
דורך בייזע מפּלות
פון גויאישע הענט.

געפלויגן, געלאָפן,
אָן חייל, אָן וואָפן,
אָן הילף און אָן האָפן
אָן רוק און אָן לענד.

די נע־ונד־אומה,
די פּרה אדומה,
ביי יעדער מהומה
ווערט שיר ניט פאַרלענדט.

די הערשער, די גדולים,
די גרויסע ערלים,
פאַרוים מיטן צלם,
געברענט און געשענדט.

געלייגט אויף אונדז יאָכן,
געשריען: „פאַרקראָכן
אַ ברודיקער שכן
אין מיינע פיר ווענט!"

ב

און פּלוצלינג — אַ וווּנדער, וואָס טרעפט זיך גאָר זעלטן,
עס טראָגט זיך אַ בשורה פון מעכטיקע וועלטן:
— „ישראל! דערוואַך זיך! צו דיינע געצעלטן!
דיין נחלה וועט ווערן פאַרזייט!"

אין שטח פון יידישן גלות דעם ברייטן
עס פלאַטערן פאָנען און שאַלן טרומייטן,
עס ווערן צעריסן פון גלות די קייטן,
אַ פאָלק איז צום אויפלעבן גרייט!

עס ציען זיך יידן פון נאָענט, פון ווייטן,
עס איילן חלוצים פון אַלע פיר זייטן
צונויפקניפּן ווידער מיט ביבלישע צייטן
די יידישע גילדענע קייט!

ג

עס זיינען אין אָנהייב געווען נאָר חלומות
און העלדישע מעשים, פון הייליקע מקומות.

עס האָבן פון חלומות זיך אויסגעוועבט תפילות
אויף טויזנטער יאָרן, פאַר טויזנטער קהילות.

צעגאַסן זיך האָבן די תּפֿילות אין טרערן,
קלאָרע און צאַרטע, ווי לויטערע שטערן.

עס האָבן די טרערן געשאַפֿן פֿאַרלאַנגען
צו אויפֿלעבן צייטן, וואָס זיינען פֿאַרגאַנגען.

אויסגעשמידט האָבן פֿאַרלאַנגען אַ ווילן,
וואָס שטעלט זיך ווייט-גרייכיקע צילן.

אַ מעכטיקער ווילן וועט ווונדער באַשאַפֿן:
פֿון מדבר אַ לוסטלאַנד און העלדן פֿון שקלאַפֿן!

1920

ארץ - ישראל - לידער

א

האַט אויסגעשטעקט די ערד די פּולע בריסט
און ניט געוויזן ווער זאָל קומען זויגן,
האַט מיט דער קייט פון יאָרן זיך געצויגן
דער פלוך, און שטום געקיניגט אויף דער וויסט.

און פלעגט דער הימל ניט מתנות שפּאָרן,
דעם באַלזאַם-טוי, דער ברכות-פולער רעגן,
געלויערט האָבן רויבער איבער וועגן —
די ווילדע גראָז, דער שטעכעדיקער דאָרן.

פלעגט אָפט אַ וואַנדערער זיין פוס פאַרוואונדן,
און מיט אַ קללה פונעם פעלד זיך קערן,
און אונטן פלעגט פאַרשעמט די ערד אים הערן,
און האַלטן טויזנט אוצרות איינגעבונדן...

ב

געזעסן אויפן בראָכשטול איז דער צאָרן,
די שאַנד, דער ווייַ פון טויזנט לאַנגע יאָרן,
און ניט געוועזן קיין כוח צו געבערן...
און פלוצעם, זע! ווען אין דער ערד דער קערן
געוואָרן איז צעפוילט — אַרויסגעשאָסן

האָט אין דער זון אַ פּעלד פון יונגן קאָרן,
און רייך און פּרוכטיק איבער אַלע מאָסן,
אין איין פרימאָרגן זיינען מיר געוואָרן...

ג

זיי זיינען צו שפּאָטן געקומען,
און ווּ איז געבליבן דער שפּאָט?
זיי זיינען צו צווייפלען געקומען
און האָבן געפונען אַ גאָט.

האָט אויג אין אָן אויג זיך געבאָדן
און האַרץ צו אַ האַרץ האָט גענענט,
האָט רינג אין אַ רינג זיך געקייטלט
און ברודער האָט ברודער דערקענט.

און ווער האָט באַוויזן דעם ווּנדער,
און ווער האָט דעם שופר געשאַלט?
גיי פרעג ביי די ביימער באַזונדער:
אין וועמען פון זיי איז דער וואַלד...

ד

ווען די גרויסע שעה זיך נענט —
וועלן זיין געגרייט די הענט,
פּעסט דער פוס אויף אונדזער ערד,
קלאָר דאָס אויג און שאַרף די שווערד.

וועט דער כרם גרין מיט שטאָק,
וועט דער פרדס פול מיט סאָק,

וועט דאָס פעלד מיט קאָרן געל,
זאָגן אונדז מיט שטומער קעל:

איר געאַקערט און געגרייט,
איר געפלאַנצט און איר געזייט,
אייער מי און אייער ערד —
פריער — רידל, איצטער — שווערד...

ה

כ׳האָב געחלומט זיך באַפרייען
און אַלץ ענגער זיך פאַרקלאַמערט;
כ׳האָב אַליין מיין קייט געהאַמערט,
וואָס אַ טאָג אַ רינג אַ נייעם.

וועל איך איצט אין שטילע טיגלען
אַלע שווערע קייטן שמעלצן;
וועלן פאַלן אַלע שטעלצן,
אַלע צוגעקלעפּטע פליגלען.

וועל איך מאַרגעריטקעס קלייבן,
פליקן רויטע אַנעמאָנען;
וועט פון אַלע פאַלשע טראָנען
מער קיין זכר ניט פאַרבלייבן.

וועל איך אויף די פעלדער ליגן
און וועל בעטן ערד און שטערן:
לאָזט מיר א י י ע ר אמת הערן,
מ י י נ ע ר איז געווען אַ ליגן...

ו

האָבן טונקעלע ציפּערסן
מיר געזאָגט: דו וועסט דאָ בלייבן,
וועסט דיין יאָגד ניט לענגער טרייבן...
אונדזער טרונק און אונדזער עסן —
וואָרצלזאָפט און זונענשטראַלן —
וועלן מיר מיט דיר צעטיילן...
וועסט ניט פליען און ניט פאַלן,
רוען וועסטו און זיך היילן...

האָט אַ בין געדרייט אין ליכט זיך
און געזונגען מיר אין אויער:
אָפּן איז געוועז דער טויער,
עמעץ האָט אויף דיר געריכט זיך,
וועסטו אים אַצינד באַגעגנען...
וועט ער פון געהיימע שטראָמען
דיין נשמה פריש באַרעגנען,
וועלן שפּראָצן נייע זאָמען...

ח. נ. ביאַליק

בענקסט אויך נאָך דיינע קינדער

(פון ר׳ יהודה הלוי)

בענקסט אויך נאָך דיינע קינדער, מוטער ציון,
ווי זיי, צעזייטע און צעשפּרייטע, בענקען?
ווילסט אויך, ווי זיי פון דיר, אַ ליבן גרוס באַקומען?
דאָ האָסטו אים! אַ גרוס פון נאָענטע און ווייטע!
אין האַרצן דורות-לאַנג געוואַרעמט, טראָגט אים
פון אַלע עקן וועלט, דורך ימים און מדברות,
צו דיר אין שוים אַן עלנט קינד דיינס, איינער
פון די, וואָס זאָפן-אָן, ווי טוי דיין חרמון,
די פרעמדע בערג מיט ברענענדיקע טרערן
און שטאַרבן אין דער פרעמד פאַרליבטע און פאַרבענקטע...
מיך ציט צו דיר!... ביינאַכט אויף דיינע חורבות
בין איך דיין נאַכטאַיילע, דיין יאָמערליד,
און חלומט זיך מיר נאָך דיין מאָרגנשטערן — ווער איך
דיין נאַכטיגאַל, דיין קלינגענדיקע האַרפע...
מיך ציט צו דיר! מיין האַרץ גייט-אויס נאָך יענע ערטער
וווּ די אבות האָבן זיך באַגעגנט מיט מלאכים,
וווּ די שכינה האָט גערוט, וווּ דיין באַשעפער
האָט דיינע טויערן, די הייליקע, געעפנט
וווּ ניט די זון און ניט לבנה, שטערן —
גאָטס ערע זעלבסט האָט דיר באַשיינט מיט גלאַנץ...
איך גאַר, אַז אויסגיסן זאָל זיך מיין זעלע דאָרטן,
וווּ ס׳פלעגט אַמאָל גאָטס גייסט און גאָטס גענאָד זיך גיסן
אויף דיינע אויסדערוויילטע, מוטער ציון!

ווּ נעמט מען פליגל ?! שטיקערווייז וואָלט איך מיין האַרץ
ווייט-ווייט צעווישן דיינע בערג פאַרטראָגן,
כ׳וואָלט צוגעפאַלן צו דיין ערד, כ׳וואָלט אויסגעקושט
איר יעדן פוסטראַט, יעדעם שטיינדעלע באַזונדער,
און אומגעוואַנדערט וואָלט איך טאָג און נאַכט
אַ נאַקעטער, אַ באָרוועסער אויף דיינע חורבות,
כ׳וואָלט מיט מיין שטעקן אויסגעמאָסטן אַלע קברים,
מיט דיין נשמה-לופט זיך אָנגעאָטעמט,
זיך איינגעוויקלט אין דיין זיסן שטויב,
ביז צום בלינד ווערן באַוויינט דיין חורבן, ציון!
צי קאָן די שיין פאַר מיינע אויגן זיס זיין —
אַז שוואַרצע ראָבן פיקן דיינע אָדלערס,
צי קאָן מען לעבן אויף דער וועלט און צוזען,
ווי גאַסהינט שלעפן דיינע טויטע לייבן...
גענוג, לאָז אָפּ איין ווײַלע, כוס פון טרויער!
מיין האַרץ איז איבערפול מיט דיר פאַרביטערט,
כ׳האָב איינגעזאַפּט אין זיך דיין שוים מיט דיינע הייוון...
גענוג! איך וויל איין חלום זען און שטאַרבן...
כ׳וויל זען, אָ, גרויסער גאָט, נאָר איין שטראַל ליכט,
נאָר איין שטראַל ליכט פון יענעם מאָרגנשטערן,
וואָס דאַרף, וואָס מוז אַ מאָל נאָך העל און ליכטיק
זיך אָנצינדן אויף ציונס בלויען הימל,
באַנייען און באַפרישן זי מיט יוגנט...
גענוג, איין זיסן חלום לאָז מיך זען נאָך
און אויסגיין מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן...

פון ר׳ יהודה הלוים ים-לידער

א

כ׳האָב פאַרגעסן אַלע ליבסטע,
כ׳האָב פאַרלאָזט מיין אייגן הויז;

כ'האָב דעם ים זיך אָפּגעבן —
טראָג מיך, ים, צום מוטערם שוים!

און דו, מערב-ווינט געטרייער,
טרייב מיין שיף צו יענעם ברעג,
וואָס מיין הארץ מיט אָדלער-פליגל
זוכט שוין לאַנג צו אים א וועג.

ברענג מיך נאָר אהין בשלום —
נאָכדעם פלי זיך דיר צוריק,
גריסן זאָלסטו אַלע ליבסטע
און דערצייל זיי פון מיין גליק.

ב

אַנגעברוגזט האָט דער ים זיך
און געקנייטשט זיך און געקרומט —
פּלוצעם האָט ער זיך צעבייזערט
און ער וויגט זיך שוין און ברומט.

און אָט לויפן שוין אַנטקעגן
ווילד און בייז, מיט ווייסן שוים,
כוואַליעם-לייבן, כוואַליעם-שלאַנגען,
אויסגעוואַקסן פון דעם תהום.

אָט האָט זיך א טאָל געעפנט,
אָט שטייט-אויף א הויכער באַרג —
פּלאַטער, זעגל! בייג זיך, מאַסטבוים! —
דו, מיין הארץ, בלייבסט פעסט און שטאַרק.

האָסט אַ גרויסן גאָט אין הימל,
ימים שפּאַלט ער מיט זיין האַנט;
אויף זיין פליגל מיט זיין שטורעם
טראָגט ער דיך צום ליבן לאַנד...

לייב יפה

ס'איז פול מיין האַרץ מיט בענקעניש

ס'איז פול מיין האַרץ מיט בענקעניש,
עס ווערט פֿון שמאַרץ פאַרברענט;
צום הימל דאַרשטיק ציען זיך
די אויגן און די הענט.

ס'איז שווער מיר דאָ צו אָטעמען,
עס ציט מיין האַרץ אַהין,
ווּ ס'לייכטן דיונעס זאַמדענע
און גלאַנצן ווי בורשטין,

ווּ ס'ציט זיך, אָן אומענדלעכער,
אַ הימל בלוי און טיף,
אַ וואָלקן שוועבט אַ זילבערנער —
אַ שיינענדיקע שיף.

עס הייבט זיך אין דער פרילינג-לופט
און שוועבט צום הימל הויך,
ווי קטרת פון דעם כהנס האַנט,
אַ בלוי דורכזיכטיקער רויך.

עס שטייען דערפער יידישע,
אַ ליכטיק לעבן בליט,
עס ווערט די צוקונפט אונדזערע
געגאָסן און געשמידט.

אזוי ווי גלעקלעך זילבערנע,
אין פרישן גרינעם סכך,
קלינגט ווידער די פארגעסענע,
די אויפגעלעבטע שפראך.

פון אלטן לעבן לייכט זיך אפ
און פאלט אויף אלץ א גלאנץ —
די צוקונפט מיט פארגאנגענהייט
פלעכט אויף זיך אין א קראנץ.

עס רוישט דער ים און צארנט זיך
און שפריצט מיט פערל־שוים...
ביסט שיין, מיין לאנד, און שיינענדיק
און ליכטיק ווי א טרוים!

אן אדלער פליט, א מעכטיקער,
איך זע אים שוועבן לאנג,
אויף אדלער־פליגל הייבן זיך
מיין טרוים און מיין געזאנג.

*

מיין הארץ איז פול מיט בענקעניש,
עס ציט צו דיר, מיין לאנד,
נאך וווּנדער אומגעזעענע
איז אויסגעשטרעקט מיין האנט.

חלומות אלטע, גאלדענע,
זיי קומען אומגעריכט —
מיין הארץ איז פול מיט בענקעניש
נאך שיינקייט און נאך ליכט.

היימאַט - קלאַנגען

דער ערשטער שטראַל פאַרגאָלדעט קוים
פון ווייטע בערג דעם בלויען זוים,
דעם פייכטן, שמעקנדיקן צוים
פון צאַרטע ציטעריקע מימאָזן —
עס הענגט אויף זיי אַ כּישוף־ טרוים,
וואָס האָט די לבנה־נאַכט געלאָזן.

אין בליאונג שטייען יונגע מאַנדלען,
ווי אין אַ ווייסן חופּה־קלייד
מיט ראָזע שפּיצן אויסגענייט.
עס ציט דאָס האַרץ אין טאָל צו וואַנדלען,
פון בלומען בלוי און געל און רויט.

עס לייכט פון ים דער ווייטער שפּיגל,
עס גלאַנצט און הוידעט זיך דער שוים
ביי אַ פאַרזילבערט דיונען־היגל,
ווי אַ פאַרחלומט קינד אין וויגל...
ס'באַצויבערט אַלץ אַ יונגער טרוים,
ווי מיט אַ ווייסן זילבער־פליגל.

דער שטראַל פאַרגאָלדעט די געצעלטן,
וואָס שטייען איינזאַם אויפן פעלד;
מען הערט אַ רוף, אַ שטימע זעלטן,
ווי אַ גערויש פון ווייטע וועלטן,
און ווידער שווייגט און טרוימט די וועלט.

עס פאַלט דער טוי, ווי קינדער־טרערן,
אויף יונגע גרעזעלעך און צווייגן
און שפּיגלט אָפּ דעם מאָרגן־שטראַל.

די פעלדער חלומען און שווייגן
אין בלענדיק-פליסיקן קריסטאל —
מען קאָן די מאָרגן-שירה הערן,
די שטילע, ריינע תפילת-טל.

ווי קטורת פליסט אַ דינער רויך
פון זאַפטיק-פרישן, גרינעם פעלד;
עס קומען קלאַנגען זים און ווייך
און שווימען שטראַליק אין דער הייך
צום בלויען הימלישן געצעלט.
דער ווייטער ים איז שטיל מתפלל,
די גרינע טאָלן זאָגן הלל
און שירה זינגט די גאַנצע וועלט.

ביי די קברים

(דעם אָנדענק פון טרומפעלדאָר און זיינע חברים)

מיר באָדן זיך אין זון און גאָלד. די געגנט רוט
פאַרחלומט-שטיל. מען הערט נאָר ברומען
דעם וואַסערפאַל פון וויטן ביז מתולה.
פון רואיקייט און שווייגן אַ מינוט,
דאָס פעלד פאַרדעקן רויטע בלומען,
אַ ים פון סאַמעטענעם בלוט.

תל-חי, כפר-גלעדי,
ביים פוס פון שניי-געזאַלבטן חרמון.
אויף בערג און טאָלן בלאָנדזשען פּי,
עס ווערן דאָ געפלאַנצט מיט פרייד און מי
אויף היגלען גערטנער, לייכטנדיקע פערמען.

די בלומען לייכטן — טראָפּנס-בלוט.
זיי שימערן ווי רויטע שטראַלן, —
אַ יוגנט שטאָלץ און טריי און גוט
איז דאָ אין הייסן קאַמף געפאַלן.

איך שטיי אין פליסנדיקער גלוט
ביי קברים אויף אַ גרינעם היגל.
אין האַרצן ציטערט, ווי אַ ווייטער פליגל,
אַ טיפער טרויער, שטאָלץ און מוט.
געקנאָטן ווערן דאָ די ציגל
מיט פרישן יונגן קרבן-בלוט.

דאָ ווייסט מען ווי צו זאָגן פאַר דעם טויט:
„ס'איז גוט פאַר אונדזער לאַנד צו שטאַרבן".
מיט בלוט און טרערן איז דאָס פעלד געזייט,
מיט לידער בינדט מען דאָ די גאַרבן.

אברהם רייזען

שטילע שמונה־עשרהס

(געשריבן אין 1919, נאָך לאָרד באַלפורס דעקלאַראַציע)

שטילע שמונה־עשרהס
אין די לאַנגע יאָרן,
ווייטע תפילות — נאָענט
זייט איר מיר געוואָרן.

איך געדענק די ווערטער,
איך געדענק די טרערן:
„צו ירושלים
זאָלסטו אונדז אומקערן".

זיידעס פלעגן מורמלען,
ס'פלעגן ווענט זיך שטרעקן,
און ביי אונדז, די קינדער,
פלעגט עס וווּנדער וועקן.

אַלע טאָג צו דריי מאָל
מאָרגנס און פאַרנאַכטן,
פלעגן אונדז די ווערטער
טיף און ווייט פאַרטראַכטן.

און די קינדערס הערצער
פלעגן שטאַרקער שלאָגן,
אויף די ציונס בערגער
פלעגט עס אונדז פאַרטראָגן.

זאָגט ניט: אַ מתנה!
כ׳וויל עס גאָרניט הערן;
וואָס עס בעטן דורות
מוז מקוים ווערן.

היימלאַנד

איך ווייס ניט פון נאָענט,
איך ווייס ניט פון ווייט;
און וואָס זיינען יאָרן
פון טויזנטער צייט?

מעג ליגן מיין היימלאַנד
פאַר טויזנטער מייל —
איך זע זי, איך גרייך זי
אַט באַלד, אין איין ווייל!

און טויזנטער יאָרן —
וואָס האָט פאַר אַ ווערט?
מיר דאַכט: איך האָב נעכטן
געררוט אויף איר ערד.

ווי נאָענט! ווי נאָענט!
שטרעק אויס בלויז דיין האַנט,
און וווּנדער! גלייך גרייכסטו
דיין היים און דיין לאַנד.

און — וווּנדער! דו פילסט שוין
ווי ס׳רוישן איבער דיר
די ווינטן די לינדע
דורך פענצטער און טיר.

אין ארץ־ישראל

אין ארץ־ישראל איז ליכטיק,
אין ארץ־ישראל איז ריין;
און טאָמער פעלט אוים דאָרטן ברונעמס,
איז טרינקט מען דעם רעגן אליין.

אין ארץ־ישראל הערשט יושר,
גאָטס שטימע פון אומעטום רופט;
און טאָמער פעלט אוים דאָרטן שולן,
מאַכט קלוג דאָרט דעם מענטשן די לופט.

אין ארץ־ישראל הערשט חדוה
און ס'פילט זיך דאָרט גליקלעך דער ייד;
און טאָמער פעלט אוים דאָרטן פידלען,
רוישט שטענדיק דער ירדן זיין ליד.

אין ארץ־ישראל די הייזלעך —
איינשטאָקיק, מיט בלומען אין הויף;
און טאָמער פאַרוועלט זיך דיר העכער,
טאָ שטייג צום באַרג תבור אַרויף.

פ. מ. ראַסקין

דאָס לאַנד

קליין דאָס לאַנד און קליין זיין ישוב,
נאָר די פעלדער אייביק גרין...
זאָג, מיין הארץ, ווּ ליגט דער כשוף,
וואָס עס ציט מיך אַלץ אַהין?

הונדערט דורות, גאַנצע יאָרן
אַז איך אָטעם פרעמדע לופט,
און דער גלעד און דער שרון
אייביק צוּבערט, אייביק רופט.

נאַכט האָט שטערן מיליאַרדן,
ערד האָט שטראָמען אָן אַ שיעור,
נאָר איין הימל און איין ירדן
שטראַלט און גליט און פליסט פאַר דיר.

טויזנט בערג קאָן איך דערמאָנען —
גאָטס די שענסטע מייסטערווערק,
דאָך דער חרמון און לבנון
בלייבן אַלץ די ליבסטע בערג.

הארץ מיינס, זאָג, ווּ ליגט דער צויבער?
ווען איך ווענד אַהין מיין בליק
ווער איך נאָך אַ מאָל אַ גלויבער
אין מיין פאָלק און אין זיין גליק.

פיל איך ווידער זיך אַ גבור —
שטאָלץ מיין האַרץ און שטאַרק מיין האַנט,
ים און מדבר שפּרייז איך איבער,
ביז איך קום צו יענעם לאַנד.

ווּ איך האַלדז די אַלטע שטיינער,
און איך קוש דעם הייסן שטויב,
און מיין זעל ווערט צאַרטער, ריינער,
און איך האָף, און ליב, און גלייב.

און איך וויין, איך וויין פון פריידן,
ווי אַ קינד אין מוטערס שויס,
און די שטומע שטיינער ריידן
פון אַ צוקונפט העל און גרויס.

און איך בין געגרייט צו געבן
יעדן באַרג און יעדן טאָל
גייסט און האַרץ און קראַפט און לעבן,
נאָר ס׳זאָל בליען ווי אַמאָל.

קליין דאָס לאַנד און קליין זיין ישוב,
נאָר דאָרט ווייס איך ווער איך בין...
זאָג, מיין האַרץ, איז דאָס דער כשוף
וועלכער ציט מיך אַלץ אַהין?...

יעקב פיכמאַן

ירושלים

שטאַרבט אָפּ דעם טאָגס געזאַנג, טריפט באַלד ווי אָנגעצונדן,
די אַלטע פּראַכט פון אַלע גרויע שטיינער;
און גלאַנץ, וואָס איז אין טאָג, אין רוישיקן פאַרשוווּנדן,
אַנטפּלעקט אין שקיעה-פלאַם זיך געטלעכער און ריינער.

שטאַרבט אָפּ דעם טאָגס געזאַנג, און אין דעם ליכט דעם לינדן
בליען חורבות ניי פאַריונגט, ווי אויפגעלעבטע ביינער.
און רייטלען זיך די מויערן ווי רויזן און ווי ווונדן —
איז אייביקער פון דיר און מער געבענטשט נישט קיינער.

נאָר ווען אין גאַרבנטוי דאָס ליכט פון מאָרגן רייצט מיך,
און ווי אַ גרינער בוים, דער נייער טאָג פאַרפלייצט מיך —
מיין שוימענדיקן בעכער הייב איך אים אַנטקעגן.
אוי, בשורה-לידער, קלינגט אויף אַלע ווייסע וועגן!
גלי אויף, דו רויטער טאָג, און שטייג אויף בערג פאַרגרויטע —
און מיט געזאַנג גיי, האַרץ, פאַרביי דעם טאָל פון טויטע.

קבר־רחל

אין נאַקעט-געלן טאָג דו שטייסט פאַרטויבט אַנטשוויגן —
אַ הויפן הוילע שטיינער, אַ מדברשע רואינע.
און גלייכגילטיק פאַרשטומט אויף קעמלהאָרבן וויגן
אין היימען זאַמד פאַרביי זיך מידע בעדואינען.

נאָר קומט די רחמימדיקע נאַכט, אַראָפּגעשטיגן,
און שטערן בליען אויף ווי גאָלדענע בורשטינען, —
ביסט דו דער ווייסער רוף צו וואָגלענדיקע ציגן,
און שטראָמען גליק פון דיר אויף אַלע וועגן רינען.

פון וויטן דרעמלען בית-לחמס טונקלע גאַסן,
אין טוי פאַרזילבערט רוען אָליוון אויף טעראַסן,
דער טויטער סדום-טאָל ליגט אין נעפּלען טיף באַהאַלטן;
נאָר ס׳האַלטן אייביק וואַך די גרין-באַצווייגטע שטערן
און רעגענען מיט פרייד און רעגענען מיט טרערן —
און ווו דו ביסט — איז דאָרט די וועלט נאָך ניט פאַרשאָלטן.

אברהם אייסען

קידוש החמה

ישראל, דו לויכטיקע זון פון דעם מזרח,
מיר שטייען פאַרוואונדערט און ווינטשן: „תתחדש!"
און ווען דו צעשײַנסט זיך פאַר אונדז ווי פאַרצייטן,
מיר זיינען אויפסניי דיך מיט תפילה מקדש.

מיר טאַנצן אַנטקעגן דיר, גם פון די צייטן,
מיט אַלדעם דערפרייטן, באַפרייטן, דערמאַנטן:
און פונקט ווי דו טוסט אונדז דערפרייען פון ווייטן,
אַזוי זאָל דער פיינט דיך ניט גרייכן פון נאָנטן.

און אונדזער געבעט איז צום שומר ישראל:
באַשער אונדזער לאַנד מיט אַ שפע פון ברכות;
וואָס דו האָסט פאַרזיכערט דורך זכריה הנביא,
מקוים זאָל ווערן דיין צענדליק הבטחות.

יצחק קאַצענעלסאָן

מיר יונגע

(צום 10־יאָריקן יובילײ פון „החלוץ")

מיר יונגע, מיר די ייִנגסטע פון דער וועלט,
מיר פּשוטע, פּשוטסטע אויף דר'ערד דאָ,
מיר אומגעריכטע, מיר האָבן זיך באַוויזן פּלוצעם,
מיר האָבן שטעט פאַרביטן אויף אַ פּאַסטעכער־געצעלט,
און אויף שנײדמעסערס צעברעכן מיר די שווערדן —
מיר, חלוצים!

מיר זײַנען בלאַס ווי תורה־בחורים אין די ישיבות,
ווי די נזירים אָפּגעשײדט פון ווײַן און ניט געשוירן,
מיט קעפּ ווי בײַ די לײבן, קעפּ צעפּלאָשעטע און גריוועס,
און אײדל ווי די ווײַבער האָבן אונדז געבוירן,
און צאַרט ווי זײ און חנעוודיק ווי יענע ווײַבער,
נאָך ליגט דער מאַמעס מילך אונדז אויף די ליפּן,
דער מאַמעס גלעט און צערטל אויף די לײַבער,
די לײַבער דורכזיכטיק און קלאָר — קומט, צײלט די ריפּן.

מיר יונגע, מיר די ייִנגסטע, אַן געווער, אַן פּאַנצן,
אַ ליד, אַ לשון־קודשדיקס באַגלײט אונדז אויף די מאַרשן,
אַ ליד, אַ לשון־קודשדיקס זינגען דאַרף מען קאָנען,
אַ, לידער, אַ, נביאימשע ווי נביאים אָפּגעלאַכטע,
עס לײַכטן אויף די אויגן אונדזערע ווי קאַרשן,
און הימלען גיבן זיך פון דעם אַן עפן.
מיר גײען... וועגן אָפּגעצוימטע און פאַרמאַכטע

זיינען פאַר אונדז אָפן,
מיר האָבן זיך ניט אָפּגערעדט צו טרעפן
און האָבן זיך געטראָפן.

אונדזער וועג אין כנען —
אַן אַלטער ציל!
אַ ירדן צי אַ ים —
אַ חלוץ שפּרינגט אַריבער,
אַ חלוץ, וויל, וויל, וויל.

און וואָס ער וויל — דאָס טוט ער. און ער האָט ניט מורא,
אַ חלוץ ווי אַ לערנער ביי דער תורה,
הונגערט מיט אַ פרייד און פרייט זיך מיט אַ פיבער.

אַ חלוץ זאָגט:
אומעטום איז פינצטער — אין ארץ־ישראל טאָגט!
אַ חלוץ זאָגט:
טרעפסט אַ שטיין אין כנען — שפּאַלט אים!
אַ דאָרן — ברעך און מאַך אַ פלאַקער!
אַ שטיקל פעלד אַ הפקרדיק — פאַראַקער!
און טרעפסטו אויף אַ באַרג צי אין אַ טאָל
אַ גאָט אַן אַלטן
ווי מען האָט געטראָפן אים אַמאָל —
זאָג אים דו! דו! דויץ אים!
— — — — — — — —
מיר יונגע, מיר, די ייִנגסטע, מיר חלוצים!

מלכה לאָקער

די אַלטע שטאָט

ביסט רו און באַוועגונג.
זאַמד אין מדבר,
מאָנסטערבערג צופֿוסנס
די טויערן פֿון יריחו.
אַ גאַרטל פֿון געשטיין אַרום די לענדן,
פֿון פֿאַרמעט דײַן שטערן געבלענדט פֿונעם ווײַכער.
ביסט יונג ווי אַ כלה אין ליכט פֿון מאָרגנשטערן
און קאַלט ווי גאָטס צאָרן פֿאַר דער שלאַכט.

*

ירושלים, אַלטע שטאָט, דו ביסט אַלט פֿון באַגינען,
און זײַדיק ווי געזאַנג פֿון לוויים.
ווייך און געהויבן
ווי דער טאַנץ אין סאַנדאַלן
ראש־חודש נאָכן קרבן,
הײמלעך ווי טרערן,
און האַרב ביסטו, ירושלים, ווי תּפֿילות נאָכן חורבן.

*

ביסט פֿון פֿײַער אַרויסגעריסענער עפֿר ואפֿר,
הענגסט, אַ וואָרן־צייכן אין ראָד פֿון דער צײַט,
אײַנגעבויגן איבערן הר הזיתים.
הענגסט, אַ רעגנבויגן, אַ צייכן,
ירושלים, ביסט אַלט.

*

...און זי, די טאָכטער ירושלים, האָט פאַרלאָזן איר טורעם,
און לויפט אומרואיק אַנטקעגן דער זון
און לויפט אַנטקעגן דעם שטורעם,
מיט שריט פון אַ גאַזעל.
די רעכטע האַנט געשפּאַנט, —
ריכט זי אָפּ די שבתים וואָס דער מצרי איז מחלל.
און דער חאַמסין ער זינגט דעם הלל
פאַר דער שטאָט, דער אַלטער שטאָט...

*

אַ, אַלטע שטאָט, ווי גאָט איז געבוירן,
ווי דו ביסט עלטער, עלטער נאָך.
אַ, ווייסע שטאָט פון העלפאַנטביין,
פון איילבערטבוים און פון ראָזן שטיין.
שטאָט פון פאַרבאָרגענע קוואַלן
און שלמהס ברונעמס,
דו האָסט געטראָגן די שפע פון תקופות אויף דיין רוקן,
דו האָסט געזען אמונה און עבודה זרה,
און אַצינד זעסטו מיר זיינען נאָענט,
קומען נעענטער נאָך. זאָג אָן, אַז די טויערן זיינען אָפן, ירושלים,
און אַז אָט קומט די גוואַלדיקע שעה פון נצחון.

*

ברען אוים מיין הארץ און אין אים מיין ליד,
נאָר זיי מציל דעם גאָלדשמידס זון
און זיין רעכטע האַנט...
היט אָפּ זיין האַרץ,
זיין האַרץ וואָס זינגט דיין שבח פאַר דער וועלט.
אויף דעם מויער שטייט אפרים,

און אַ ציפּרעסבוים לעבן אים אויסגעשטרעקט
ווי אַ פינגער צום הימל.

*

דאָס ליכט בייט אוים דעם טאָג פאַר דער נאַכט,
אין אַ פעל באַקליידט, שטייט אַ בן-מלך
באַוואָפנט מיט אַ שפּיז.
שטייט אַ בן-משורר און ראַנגלט זיך מיט אַ ריז,
אין אַ מאַנטל פון שטאָל...
שטיל, זיי שטיל מיין קרוין, דו ביסט פון אַצינד
און ביסט פון אַמאָל.
האַלט דאָס קול, וואָס ברילט אין דער ברוסט,
זיי גוזר מיט דיין שווערד דעם גאַנג פון דער שעה,
זיי גוזר...
די לבנה, אַ זאַק מיט זילבער —
שיט זיך אַצינד אין לאַבירינט
פון ירושלים, דער אַלטער שטאָט...
מיין זון דוד שטייט אויפן מויער פון דער אַלטער שול,
לויערט, גאָט אין הארצן,
און קלאָגט נאָך יונתן דעם פּרינץ אין חלום
און וואַכט איבערן טאָל פון יהושפט.

*

רחל, רחל שטיי אויף פון דיין שלאָף,
לעש אוים מיין צאָרן און צינד אָן די שטאָט מיט ליבשאַפט.
נעם צו אַ תפילה פאַר מיין הויז,
אַ תפילה פאַרן הויזגעזינט פון מיין יורש,
נעם צו מיין הארץ ווי ווייַן וואָס געפינט זיך אין הענגל —
וואָרעם אַ בענטשונג איז אין אים.

צוואַנציק יאָרהונדערטער לייגן שטיינער אויף מיין שלאָף,
דער שטורעם וואַיעט אַרום מיין הויז,
דאָס אויג פון מיין זון איז הייס ווי די זון
און שאַרף ווי די שווערד אין זיין שייד.
אויפן באַרג שטייט די היטערין פון די ווייגגערטנער
און דער יונגער פּאַסטעך, אַ קינד,
צילט מיט שטיינער פון אַ זאַק...

*

ער וואַיעט, דער שטורעם, וואַיעט אַרום מיין הויז,
די בריקן רוקן זיך, נאָר די בויגנס האַלטן אויס
און מיין ליד איז צעריסן פון געברויז,
„פאַר די זעכציק גבורים געניט אין מלחמה”.
מיין תפילה פלאַטערט איבערן ים
פאַר דעם עלטסטן פון די פאַרבאָרגענע שיפן.

*

איבער טרעפּן ציט ער זיך,
דער לאַנגער, דער שטייניקער וועג,
צו דעם מויער, דעם ווידערשפּעניקן,
דער עדות פאַר ישראל...
צו דעם מויער, וואָס אויף אים ליגט
די קאַלטע לבנה און פאַרראַט די באַלאַגערטע.
„ליאַרעמט איר פעלקער, אָבער איר וועט צעבראָכן ווערן”...

*

דו ביסט חרוב געוואָרן, אַלטע שטאָט,
חרוב געוואָרן אין ירושלים,

חרוב געוואָרן אין די לאַגערן פון אייראָפּע,
חרוב געוואָרן מיט יעדער גזירה איבער אַ געשאָכטן פאָלק,
חרוב געוואָרן מיט יעדער איינציקער געפּייניקטער נשמה.
— — — — — — — — — — —

„דערוועק זיך, ירושלים, דערוועק זיך,
טו אָן דיינע פּראַכט־בגדים, הייליקע שטאָט“...

מאַרק שאַגאַל

צו ישראל

צי זאָל איך בעטן גאָט, וואָס האָט געפירט מיין פאָלק צום פייער,
צי זאָל איך מאָלן אים אין בילד פון פלאַם?
צי זאָל איך אויפשטיין פון מיין פלאַץ א ייד א נייער
און גיין אין קאַמף צוזאַמען מיט מיין שטאַם?

צי זאָלן מיינע אויגן קלאָגן אָן אָן אויפהער,
די טרערן זאָלן אויסגיין אין א טייך?
איך וויל ניט צולאָזן מיין טרויער
ווען איך וועל צושווימען צו אייך.

און ווען מיין מידער פוס וועט אָנטאַפּן דעם זאַמד —
וועל איך אַרויספירן מיין כלה פאַר א האַנט.
איך זאָל זי אָנקוקן — די הייליקע אין הימל,
ווי איך וועל חלומען מיט איר אין לעצטן דרימל.

אויף דער ערד פון ישראל

וווּנדער! וווּנדער איבער וווּנדער —
אַלץ אויף וואָס עס פאַלט דיין בליק;
און פון יעדער זאַך באַזונדער
וואַקסט דאָס הארץ אין דיר פון גליק.

אַז פון דורות-לאַנג דער חלום
האָט אין וואָר זיך אויסגעשפּינט.
לעבן-אויף די בערג און טאָלן,
און דער מדבר בליט און גרינט.

אַלע פון דעם שטאָם דעם זעלבן,
אַלע יידן שטאָלץ און פריי:
פון מאַראָקאָ, רוסלאַנד, תימן,
אינדיע, פּערסיע, סלאָוואַקיי.

איז פון יעדער זאַך באַזונדער
וואַקסט דאָס הארץ אין דיר פון גליק...
וווּנדער! וווּנדער איבער וווּנדער —
אַלץ אויף וואָס עס פאַלט דיין בליק.

עליזה גרינבלאַט

צום יום העצמאות

טראַקטאָרס זינגען אויף די פעלדער,
און פאַרוואָרן אונדזער טרוים;
ביימער זאַמלען זיך פאַר וועלדער,
יונג און פריש איז יעדער בוים.

ווייץ-און-קאָרנדיקע זאַנגען
און אַ זון וואָס איז ווי ניי;
ס'איז אַ לעבן אויפגעגאַנגען
אַזוי פול און אַזוי פריי.

פערד און אייזל אין די שטאַלן,
אויף די לאָנקעס — שאָף און רינד;
און ס'צעקוועלן זיך די קוואַלן,
און מיט בשורה איז דער ווינט.

ליגן קינדער אין די וויגן —
צערטלט זיי אַ מאַמעס האַנט
און פאַרוויגט זיי אין אַ ניגון:
זייט געבענטשט פאַר אייגן לאַנד!

חמשה-עשר בשבט

על פי רחל

פלאַנץ אַ ביימל דאָרט, מיין שוועסטער,
מיט דיין צאַרטער, ליבער האַנט;
ניט באַשערט געווען מיר, שוועסטער,
זיך באַהעפטן מיט מיין לאַנד.

ניט איך האָב דיין פעלד צעאַקערט,
ניט פאַרפלאַנצט אַ מינדסטע פלאַנץ;
כ׳האָב מיט ליבשאַפט ניט געפלאַקערט,
ניט גערעדלט זיך אין טאַנץ.

ניט איך בין אין שפּאַן געגאַנגען,
ניט אין אַקער זייט-ביי-זייט;
נאָר דיין טרוים האָט מיך געפאַנגען,
כ׳האָב באַגריסט דיך פון דער ווייט.

פריי איך זיך איצט, שוועסטער מיינע,
און באַהעפט זיך היינט מיט דיר;
נעם-צו מיין אָרעמע מתנה —
פלאַנץ אַ ביימל דאָרט פאַר מיר.

ה. לייוויק

צו ישראל

אויך דו זאָגסט — איך בין קיין מחותן,
כ׳דאַרף שטיין ביי דיין טויער פֿאַרשעמט, —
און איך זאָג: זאָל זיין דיר צום גוטן,
צו גליק וויפל ס׳האַרץ נאָר פֿאַרנעמט.

און מער נאָך — כטל־השמים
זאָל רוען די פֿרייד אויף דיין קאָפּ;
און איך וועל — מיין צער צו באַפֿרייען —
צעברעכן מיין האַרץ ווי אַ טאָפּ.

צעברעכן אויף שטיקער, אויף שטיקלעך,
נאָר ניט דאָס געזאַנג פֿון מיין ליד.
דאַרפֿסט ברכות כדי צו זיין גליקלעך,
און איך בין פֿאַר גליק שוין צו מיד.

מיין וואָרט — ניט צום תקיף, צום שפּאָטער,
מיין וואָרט נאָר צום ביין פֿון מיין ביין,
צו וועמען כ׳בין זון און אויך פֿאָטער
אפֿילו אין פּיין פֿון פֿאַרגיין.

די פּיין איז פֿאַר מיר נאָר. מיין שטומען
פֿאַרשמידט מיין באַשערטע מינוט;
פֿאַר דיר אָבער צינדט אָן מיין גומען
דאָס וואָרט פֿון בראשית: **ס׳איז גוט.**

איך ווייס ניט ווער ס׳האָט אין פאַרקערטקייט
אוועקגעשטעלט ס׳וואָרט מיינס בחוץ,
איך ווייס נאָר: אין ליכט פון באַשערטקייט
איך טראָג צו דיין שוועל לויטער גוטס.

איך ברענג עס אַ מתן־בסתר
און שלייך ביי דער וואַנט זיך אַוועק
אַהין, ווו אַ ווינטשטראָם אַ הייסער
פאַרטראָגט מיך — צו מדברשן העק.

דאָרט פאַל איך צום זאַמד מיט מיין פּנים
און לעק אויס זיין היץ מיט דער צונג,
און דאָרט הייב איך אָן ערשט דערקאָנען
דעם סוד ווי די אַלטקייט ווערט יונג.

און דאָרט צינד איך אָן די מינוטן
פון אונדזער געמיינזאַמער שעה,
און דאָרט ווער איך פולער מחותן
און זינג ביז פאַרגיין זיך: בין דאָ.

ביים כותל מערבי

ביסט הייליק און — אָנגעשוואָלן פון אַזוי פיל קושן,
פון אַזוי פיל טרערן;
מען קאָן די קושן און די טרערן ניט ציילן,
ווי מען קאָן ניט ציילן אויף דיין הימל די שטערן.
זעסט אויס אַזוי פּראָסט, אַזוי נאַקעט,
נאָך פּראָסטער פון אַלע נאַקעטע ערטער
וואָס זיינען דאָ אויף דער ערד. דאָס צו זאָגן
דאַרף מען האָבן נאָך פּראָסטערע ווערטער,

די אותיות ניט צערטלען, די אותיות ניט זיפן. —
צי איז נאָך ווער אַזוי ווי דו געווען באַרירט פון אַזוי פיל ליפּן?
די ליפּן האָבן אויסגעברענט אין דיר
צעקאַרבטע לעכער,
און דורך זיי דיין שטויב געטרונקען,
ווי מען טרינקט ווייַן פון הייליקע בעכער...
איך זע צום ערשטן מאָל דיך, און איך וויל
דיך אָנרירן מיט מיינע פינגער,
און —
איך ריר ניט אָן.
ביסט אַלט צוויי טויזנט יאָר, און איך — ניט יינגער — — —
אין ווינקל שטייט אַ בעטלער.
אַ צעריסענער, אַ צעפליקטער,
איז ער אין גאַנצן אָפן מיט זיין ליבשאַפט צו דיר,
אַ צעשטראַלטער, אַ צעגליטער.
ער גיט אַ פאַל צו דיר מיט אַלע זיינע גלידער,
מיט אַ הייסער גלוסטעניש אַזאַ,
אַז עס נעמט יאָגן פון אים מיט דערווידער.
איך דריק צונויף די אויגן מיינע,
איך דערהער פּלוצעם ווי עס שלאָגן
צעוויגטע אָדלערס מיט זייערע פליגל
איבער קעפּ, און טראָגן
אין זייערע קרומע נעגל
אָפּגעבלוטיקטע און שטילע לעמער.
די אָדלערס פליען גלייך אין האַריזאַנט אַריין
אין רויטן דעמער,
און הייבן אָן מיט נעגל-שנאָבל פּראַווען סעודה.
און אָט איז נאַכט און שטילקייט.
מיט אַ מאָל — אַ פאַסטעך אויף אַ דודע.
אַ קליינטשינק פאַסטעכל פאַרגייט זיך
אין געזאַנג-געיאָמער:

אוי, לאָמיר גרייט זיין,
אוי, לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר
מקבל פנים זיין דעם גאַסט,
דעם ליכטיקן שליח,
וואָס קומט מבשר זיין דאָס אָנקומען
פון מלך המשיח. — — —
אוי, לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר. — — —
און מיט אַ מאָל — געטופעריי:
עס קומען קאַראַוואַנען, קעמלען
מיט לאַנגע העלדזער, אויסגעצויגענע ביז העכסטע הימלען,
און אויף די קעמלען — אויסער האָרבן — גאָרנישט. קיינער.
גאָרנישט. קיינער. ניט קיין גוטס און ניט קיין רייטער.
די האָרבן שפּאַנען אָן אַ סוף און אָן אָן ענד
אַלץ ווייטער, ווייטער. —
וווּהין? אָ, גאָט, וווּהין? — — —
איך עפן אויף צוריק די אויגן.
דער בעטלער שטייט נאָך אַלץ צום כותל צוגעבויגן.
ער שלאָגט מיט דאַרער פויסט אין האַרץ
על חטא. די אַקסלען זיינע צוקן.
איך שפּיר באַשיימפּערלעך
דעם נחת־פיבער פון זיין רוקן.
זיינע באָרוועסע צעהאַקטע פּיס — זיי גיבן אַ צעשפּרייט זיך,
און אַ געבעט אַ הייזעריקס,
אַ תאוהדיקס פאַרגייט זיך:
אָ, איכה, איכה, איכה, איכה —
ווי אַזוי בין איך צו דיר געקומען?
פון מיין פּיין האָסטו מיין קול פאַרנומען,
און איצטער בין איך זוכה, זוכה, זוכה. — — —
אַ ציטער גייט אַדורך דורך אַלע שטיינער,
און ס׳דוכט זיך מיר איך הער
ווי ציינער, און ניט שטיינער, קלאַפּן זיך אָן ציינער.

אויך איך — איך גיב אַ ריס זיך פון מיין אָרט,
מיין גוף טוט זיך אַ הוידע,
און איך פאַל צו צו דער וואַנט און ריר זי אָן
אַ דורכגעגנומענער מיט זיסן גליק און שוידער.

צוויי זילבערנע בעכער

פאַר רבקה גובר אין כפר וואַרבורג

א

צוויי זילבערנע בעכער. אויף זיי אויסגעקריצט
די נעמען פון צוויי אומגעקומענע ברידער.
געווען אַ ישראל־מלחמה. און איצט? —
די שטילקייט פון נאָך ניט געזונגענע לידער.

די ברידער — זיי ליגן אין וואַרבורג דעם כפר, —
חלילה דיין קול פון צו אויפהייבן העכער, —
די מאַמע אַליין טראָגט פאַרשלאָסן איר צער
פאַרביי און אַרום די צוויי זילבערנע בעכער.

ב

די בעכער אין זכר פון אירע צוויי זין, —
אַלט זיבעצן איינער, אַלט צוואַנציק דער צווייטער, —
געווען איז אַיעדער, אין פרילינגשן גרין,
אין שלאַכט פאַר ישראל צו שטאַרבן אַ גרייטער.

די גרייטקייט האָט אָפּגעהילכט פייערדיק, בראַוו
פון אונטער די בונקערס אויף בערגלעך און דעכער;

און איצט — זייער נאָמען אויף דין דינעם כתב
פאַרקריצט און פאַרשניצט אויף צוויי זילבערנע בעכער.

ג

די מאַמע וואָלט קאָנען די בעכער די צוויי
ביז איבער די ברעגן פאַרטרינקען מיט טרערן,
זי וויל אָבער בעסער, להיפך איר וויי,
זיי זאָלן דעם יום־טוב פון פסח געהערן.

ביים סדר, ווען ס'קומט אליהו אַריין,
צו הייליקן יידן נאָך אַלע פאַרשוועכער, —
אַז טועם זיין זאָל ער ניט טרערן, נאָר וויין
פון אירע צוויי קינדערס געהייליקטע בעכער.

ד

פאַרהאַלט זי די טרערן. זיי שטראָמען אַרויס
ווען ס'זעט ניט קיין אויג, און אויך דעמאָלט אפילו
ביים גראָז און ביים בוים, וואָס באַשאָטנט איר הויז,
זי בעט פאַר איר צער, פאַר איר טרויער מחילה.

דאָס גראָז און דער בוים זיינען שותפים צום צער
און אויך צום נסיון צו אויפקלאָגן העכער,
נאָר אַלע פאַרנעמען דעם מאַמעשן גזר:
ניט טרערן, נאָר וויין פאַר צוויי זילבערנע בעכער.

דיביימער בליִען בלוי

די ביימער בליִען בלוי
ביים זוים פון פעלד מיט זאנגען,
דער טאָג געטונקט אין טוי
איז אָקערשט אויפגעגאנגען.

פון ביידע זייטן כביש
ישראל-יידן בויען
א וועג פאַר וואסער פריש, —
דעם מדבר זיך צו טרויען.

מיט מדבר-שטיין און זאמד
נאָך דאָרשטנדיקע ליידן —
זאָל זייענדיקע האנט
אויפסניי א בונד פאַרשניידן.

פון פעלזנשטיין דאָס גרוי,
דאָס געל פון ליים און דערנער, —
זאָל אויפבליִען אין בלוי
פון בוים, אין גאָלד פון קערנער.

די ביימער בליִען בלוי —
א וווּנדער פון א בליִען —
געטובלטע אין טוי
וואָס פאַלט פון הרי-ציון.

קבוץ - גלויות

זאַמד און שטערן קומען נאָענט זיך צוזאַמען,
עס ברענט ווידער גאָטס סנה אומפאַרמיידלעך,
און אַרום זיינע גליאיקע פלאַמען
קומען יידן און שטעלן אויף ביידלעך.

פון מאַראָקא, פון תימן, פון פּרס,
פון איראַק, פון בערלין און פון פּוילן
קומען יידן מיט וווּנדן פון כרת
אויף דיין זוניקן זאַמד זיי צו היילן.

וואָס דערקאָנען זיי איינער אין צווייטן?
ווי באַגעגנט זיך אָטעם מיט אָטעם?
אויף דיין העלקייט צי נעמט זיך ניט שפּרייטן
אַזאַ רוגז פון וויטלעכע שבטים?

אַז זיי קומען פון אַלערליי לענדער
און פון אַלערליי הויטן־קאָלירן —
ווער אין ווענען וועט ברענגען אַן ענדער
צו אַ ברודערשער גאַנצקייט זיי פירן?

אויף דיין פרייהייט, ישראל, גרוים־טאָג איז,
ווייל דער סנה אויף דיין ערד ווידער פלאַקערט,
און אַ יידעלע, זע נאָר, אַ מאָגערס
ביי זיין ביידל אַ גערטנדל אַקערט.

ער איז גליקלעך אין שוויים פון זיין פּנים:
מיט אַ מאָל גיט זיין פּנים אַ פּיבער;

ער וואַלט וועלן זיין שכן דערקאַנען,
און דער שכן קוקט פרעמד אים אַריבער.

ס'איז דאָס יידעלע־לעב אַן איראַקער,
און דער שכן — אַ סערב־ייד, אַ פּויער;
ביז דער סנה רירט זיי אָן מיט זיין פלאַקער —
שפּרייט אַן עלנט אויף ביידן זיין טרויער.

סוף־כל־סוף ווערן ביידע פאַרבונדן
דורך דעם גערטנדלס גראָזן און רויזן, —
אָבער ווען שוין, אין סנה־פלאַם געצונדן,
וועט דער טרויער אַליין זיך דערלייזן?

שאַקאַל־געוויין אין שטילקייט

אין מיטן דער נאַכט — אַ געוויין ווי פון קינדער,
דערנאָך אַ געקריץ, אַ געוואָי, אַ געביס
פון אַ חיהשער וועלט פון אַ הונגעריק־בלינדער,
וואָס נישטערט און זוכט מיט אָנצאָליקע פּיס.

אַ קינדעריש געוויין טוט מיט צער דיך באַפאַלן,
דער צער גייט גלייך איבער אין גרויליקן קלעם.
דאָס וויינען ניט קינדער, דאָס וואָיען שאַקאַלן
און שטעכן דורך שפּיזיק דיין נאַכטיקע ברעם.

אָט ברעכן זיי דוכט זיך אַדורך דיינע טירן,
אָט שפּאַרן זיי דוכט זיך אַריין זייער שנוק
אין שויב דיר; דו ליגסט, מיט קיין האַנט ניט צו רירן,
פאַרכאַפּט פון לבנהס אַ טויטלעכן קוק.

אַ לענגלעכער שנוק אַ פאַרשפּיציקטע מאָרדע,
אַן איבערגעגלוטיקסטער פּיסק כולו ציין;
אַ פּיסק פון אַ גאַנצער בלוטדאָרשטיקער האָרדע,
וואָס ציט פון געדערעם אַרויס אַ געוויין.

ווי קומט צו אַ חיה אַ מענטשנס געוויין?
איך ווייס, מיינע רייד זיינען לאַנג שוין ניט נייע.
צי איז ניט דער פּיסק פון דער אַלוועלט אַליין,
וואָס שפּאַרט אין מיין שויב אירע ציין פון אַ חיה?

אַריין איז אין וועמען אַ גלגול? — די נאַכט
דרייט פּלוצלינג אַלץ איבער, קערט איבער די שעהן:
כ׳פאַל צו מיט אַ מאָל, ווי אויפסניי אויפגעוואַכט,
צום ראַנד פון פאַרטאָג, וואָס לויכט אויף מיט חזיון.

ווי איינער וואָס גייט דורך דעם גיהנום אַליין
און פאַלט צו צום ליכטוועג, וואָס פירט צום גן־עדן,
אַזוי פאַל איך צו, נאָך שאַקאַלן־געוויין,
צו ערב־טאָג־מילדקייט, וואָס טוט אַזוי ריידן:

געטרייסט זיי, געטרייסט, ניט אין ליאַרעם איז גאָט,
נאָך מערער איז גאָט ניט פאַראַן אין געוואָיען;
נאָך טריט פון שאַקאַל הער אַן אַנדער מין טראָט —
דעם טראָט פונעם נביא פון שטילקייט־חזיון.

אָט דאָ אויפן כרמל איז לאַנג שוין געשען —
נאָך אויפרייס פון שטורעמס, נאָך רעשיקער ווילדקייט,
האָט נביא אליהו גאָטס אמת דערזען
אין קול־דממה־דקה, אין דין־דינער שטילקייט.

איך נעם אויף דעם אמת, איך נעם אויף די טרייסט,
אין וויס־בלויען אָנקום פון ערב־טאָג־שטראַלן,

כ׳בין טועם דעם טעם, וואָס עס מיינט זיין דערלייזט
פון קראַנקן צעקרימטן געוואָי פון שאַקאַלן.

צו אַ שטיין האָב איך צוגעלייגט מיין פנים

צו אַ שטיין האָב איך צוגעלייגט מיין פנים,
צו אַ שפּיציק גראַניטענעם שטיין, —
כ׳האָב געוואָלט אין אים עפּעס דערקאָנען,
נאָר וואָס — איז ניט קלאָר מיר אַליין.

אַ גראַניט אויף די בערג פון ירושלים.
און אַרום האָבן יידן געפּלאַנצט
גאַנצע וועלדער, די בערג צו באַניייען,
און דערביי האָבן קינדער געטאַנצט.

דער טאַנץ ציטערט דורך מיינע ביינער,
כ׳בין מקנא די קינדערשע טריט.
זיי טאַנצן, און איך — צערטל שטיינער,
און איך גלעט אַ קאַלטן גראַניט.

איך לייג צו צום שטיין מיינע ליפּן
און כ׳ווייס ניט אַליין צוליב וואָס;
צי וואַרט איך — עס זאָל זיך פאַרקניפּן
צווישן אונדז אַזאַ נס פון אַן אות

פון די ערשטע צעבראָכענע לוחות
וואָס דער מדבר אַליין האָט פאַרהיט? —
צי גלייב איך אַליין אַז איך זוך עס
אָט דאָ אויפן קאַלטן גראַניט?

איך וואַרט. יאָ, איך וואַרט צו דערהערן
אַ קול, אויך אַ פלאַם צו דערזען.
איך וואַרט ביזן אויפגאַנג פון שטערן
ווען אפילו ס׳טוט גאָרנישט געשען.

זיי קומען — די שטערן. זיי קומען,
און יעדער פון זיי לויכט און היט
דאָס טיפע פאַרבאָרגענע שטומען
פון העכסטן און קלענסטן גראַניט.

והיה

אויפן הר־הכרמלס רוקן
וואַקסן נייע, ווייסע שטיבער —
אויסגעשטרעקטע, און זיי קוקן
גלייך צום ים און ווייט אַריבער.

דאַכט זיך — וואָס? ווי אַלע שטיבער:
פענצטער, טירן און באַלקאָנען;
אָבער אַז דו זאָגסט עס איבער,
נעמסטו וווּנדערלעכס גאָר אָנען.

פון די טירן נעמט עס פלאַמען
מיט אַזוינע זיגזאַג־פליגל,
ביז אין זיי, מיט זיי צוזאַמען,
פּראַלן אויף אי שלאָס, אי ריגל.

יעדע וואַנט ווי קוים דערוואַרט זיך
אויף דעם וווּנדער דעם צעבלענדטן,
גיט אַ הייב זיך און צעטאַנצט זיך
אויף די זיילן פונדאַמענטן.

און באַלקאָנען — נאָך מער ווונדער —
טראָגן זיך אַוועק ווי שיפֿן,
אי אין איינעם, אי באַזונדער
צו די ימימדיקע טיפֿן.

איבער זיי די הימלען בלויע,
ווי אָט ערשט צעשפּרייטע, נייע,
און אויף זיי דאָס וואָרט והיה
פֿון דעם אַחרית פֿון ישעיה.

צופֿוסנס פֿון כרמל

צופֿוסנס פֿון ים — אַ בלוי־זילבערנע צונג,
צופֿוסנס פֿון כרמל ביים ברעג ים־התיכון;
כ׳בין נאַכטוואַנדלער היינט און ניט־דאָאיק יונג־יונג:
צום באַרגשפּיץ צו לאָזן זיך קלעטערן־קריכן.

די פֿולע לבנה איר ווייסקייט צעפּלייצט,
צעפּלייצט און פֿאַרפּלייצט ווי אויף בלינד מיר די אויגן.
איך שטרויכל, פֿון שיינקייט גערייצט און צערייצט,
און אָט אויף אַ שטיינפֿלאַך איך ליג אויסגעצויגן.

איך בין ניט בכוח צו גרייכן דעם שפּיץ,
באַנוגן איך זיך מיט אַן אונטערשטן היגל.
דער שפּיגל פֿון ים מיט אַ מאָל גיט אַ בליץ
און זע — ס׳איז מיין אייגענער נאַכטיקער שפּיגל.

איך נידער און טאָק מיין געשטאַלט אינעם ים,
און אויף מיינע אַקסלען איך טראָג די לבנה:
אַ קרוג פֿון פֿאַרקילטן ווייס־זילבערנעם פֿלאַם —
דעם כרמלס ברייטהאַרציקע גוטע מתנה.

וואָס ליגט אינעם קרוג? אַ פאַרחלומטער ווינט,
אויך אים טונק איך אָפּ אין דעם ימיקן שפּיגל,
ווען ערגעץ אַ שויב אויפן באַרג זיך צעצינדט
און ערגעץ צעוויינט זיך אַ קינד אין אַ וויגל.

איז נעם איך דאָס קינד אויך אין זילבערנעם קרוג
און שלעפּער עס איין מיטן נאַכטווינט צוזאַמען,
דער כּרמל האָט שטילקייטן איבער גענוג
אַ קינד איינצווויגן אָן הילף פון אַ מאַמען.

אַט ליג איך — דער וואַנדלער. איך וואַנדל ניט מער
אין אָנקום פון שלווה, אין שעה פון נחמה:
איך ליג — מיט קיין גליד ניט קיין ריר, ניט קיין קער,
פון שיינקייט פאַרכאַפּט ביז יציאת־נשמה.

אויף די כּרמל־בערג

שטיל אויף די בערג די כּרמלשע,
אין שלום דער שטיין מיטן דאָרן;
מיט זיי אויך דער בוים דער גרינצווייגיקער
איז שלומדיק־היימיש געוואָרן.

ער שפּרייט זיינע וואָרצלען די דאָרשטיקע
דורך ענגע, זיגזאַגישע שפּאַלטן,
צו קוואַלן, צו שטראָמען פון וואַסערן
וואָס ליגן טיף־פעלזיק באַהאַלטן.

דער בוים איז שוין מער ניט קיין איינציקער,
ער וואַלדיקט זיך, מערט זיך און שפּרייט זיך;

דער דאָרן בייגט איין זיינע נאָדלשטעך
צום בוים־שאָטן, שמייכלט און פרייט זיך.

צו זען ווי עס שמייכלט אַ דאָרנבוש
איז וווּנדער, איז זעלטענער ווונדער;
אַזוי אויך ווען פעלזשטיינער שפּיציקע,
אין גראָז באַקליידט, ווערן רונדער.

זיי אַלע מיט שמחה באַגעגענען
דעם אָנקום פון מאַרמאָר און ציגל,
וואָס ווערן באַלקאָניק און פענצטערדיק
מיט שויבן צום ימיקן שפּיגל.

דער ים גלעט די זאַמדפּים די כרמלשע
און רונצלט די ברעגיקע פלאַכן,
און וואַרט מיט געדולד אויף דער אָוונט־שעה
ווען כוכבי שמים דערוואַכן.

צו אָנצינדן נאָכאַמאָל, נאָכאַמאָל
דעם צייכן פון זאַמד און פון שטערן —
דעם צוזאָג פון גאָט צו אברהמען:
ווי שטערן און זאַמד זיך צו מערן.

די זון נידערט רואיק־מנוחהדיק,
פאַרגייט אין תפארת פון ספערן,
אַז גלייך איבער בערג איבער כרמלשע
זאָל אויפגיין דער ברית מיט די שטערן.

ליד צו עניוות

מיין האַרץ איז אין מזרח און איך בין אין מערב —
יהודה הלוים עלעגישע ווערטער;
פון יענע טעג אָן ציט דעם מערב צו מזרח,
זאָל דוכטן אַ חתן, וואָס זוכט זיין באַגערטע.

ער זוכט און געפינט זי. זי גייט אים אַנטקעגן,
באַגלייט פון אַ פידל און זוניקע טאַצן;
און פּלוצלינג — אַ האַנט גיט אַ שליידער די פידל
און איינע נאָך איינע די סטרונעס צעפּלאַצן.

און באַלד אומגעריכט טוט אַ בלענד פאַר די אויגן
די שווערד די גן־עדנשע פלאַמיק, צווייִשאַרפיק:
און נאָך אומגעריכטער אַ האַנט טוט אַ ציטער
און דין־ווייסע פינגער צעשפּילן זיך האַרפיק.

און גלייך נאָך דער האַרף — אַ געליאַרעם פון טרובעס
און ס'רייסן זיך אויף זיבן־פּויקיקע תהומען,
דער חתן פאַלט צו צו די טריט פון דער כלה
און שלינגט איין די שיין פון איר ליכטיקן נאָמען.

די כלה, אין פחד, צעשפּרייט אירע אָרעמס,
זי וויל עפּעס זאָגן, געפינט קוים די ווערטער,
זי בענקט נאָך דער פידל, וואָס גייט אויס אָן סטרונעס
אויף שטיין און אין זאַמד, וווּ עס קניט איר באַשערטער.

זי זאָגט מיט געפּליסטער: אויף וועגן פון ציון,
אויף בערג פון יהודה, מיין פריינד, זיי באַשיידן,

האַלט איין אַלע פּויקן, אפילו דיין אָטעם,
ביים קומען צוריק צום פאַרלאָזטן גן־עדן.

פאַרגעס ניט אָן יאָרן פון וויסטע פאַררעטן,
פון וועלפישע אָנפאַלן מיך צו פאַרצוקן,
פאַרגעס ניט מיין צער צוליב אייגענע ווייטע,
וואָס זיינען געשטאַנען צו מיר מיטן רוקן.

צו אויפשטעלן ווידער די פּראַכט פון בית־דוד
זאָל קומען איעדער. אוודאי, קומט אַלע.
נאָר היט דאָס עניוות און יראת־הכבוד
פון זינגער פון „ציון הלא תשאלי״.

ש. י. אימבער

געוואַנדערט האָט יאָרן מיין זעלע

געוואַנדערט האָט יאָרן מיין זעלע,
צעמאָסטן די וועלט אין איר גאַנג,
אָן פרייד געזען פריידפולע לענדער —
אָ, זעלע, געווען ביסטו קראַנק!

און אומגעקערט האָט זיך מיין זעלע
פון בליאיקע לענדער צוריק
צום לאַנד, וואָס איז אָרעם און הייליק,
ווי אָרעם און הייליק — די וויג.

ראָזשינקעס און מאַנדלען

ווייך וויגט זיך דער מאַנדלבוים איבער דער בייט,
די מאַנדלען קושט גאָלדיק די זון —
אוי, מאַמע, ס'דערמאָנט זיך די וויגלידער-צייט,
דו פלעגסט דאָך מיר זינגען דערפון.

דאָך וואָס ס'פלעגט מיר זינגען דיין נאַכטפויגל געמיט,
האָט זונפול אין מיר זיך צעגלאַנצט:
פון האַנדלען מיט מאַנדלען פלעגט קלינגען דיין ליד —
און איך האָב אַליין זיי **געפלאַנצט**.

עס ליגן די פעלדער יהודהס

עס ליגן די פעלדער יהודהס
און הערן אַ ליד נאָך אַ ליד:
אין צענדליגער לידער צעטראָגט זיך
די לויב פון דעם גליל, וואָס בליט.

עס ליגן די פעלדער יהודהס,
און קוקן פול קנאה אהין
— צום יונגן באַזונגענעם גליל
און ווערן פאַר קנאה אַזש גרין.

ווען כ׳זע די פולע שייערן

ווען כ׳זע די פולע שייערן אין פרעמדן לאַנד צו אָסיען-צייט,
דערמאָן איך מיך אָן טייערן, געליבטן לאַנד, וואָס איז מיר ווייט —
ווער וויים, צי דאָרט האָט אויך אַזוי באַצאָלט די האַרטע מי די ערד?
צי האָט דער אַקער ניט אומזיסט דעם פרילינגס אַרבעטסליד געהערט?

צי האָט דאָס דאַרשטנדיקע פעלד דער גוטער רעגן זאַט געטרענקט?
האָט מיטאָגגלוט, האָט אָוונטקעלט די צאַרטע בליאונג ניט געקרענקט?
צי האָט דער שונא ניט געשטרעקט נאָך אונדזער גוטס די בייזע האַנט?
צי האָבן שומרים ניט באַדעקט מיט בלוט דיין ווייסן זאַמד, מיין לאַנד?

צי פולט דעם גורן יעדע נאַכט דאָס יונגע פאָלק, וואָס טאַנצט און לאַכט,
דאָס יונגע אַרבעטסזאַמע פאָלק, די ברידער מיינע גאָט באַוואַכט?
צי וועבט זיך ליבע, וועבט זיך פריד, צי שוועבט דאָס יונגע אויפבלי-ליד
אין לאַנד, וווּ גאָט האָט זיי געשיקט, וווּהין מיין האַרץ אין טרוימען ציט?

און כ'קוק מיט ווי די פייגל נאָך, וואָס פליען איצטער צו דיין זייט,
דו לאַנד, וואָס ביסט מיין האַרצן נאָענט — און אויף דער ערד אַזוי ווייט!
און כ'ריים מיין זעלע האַלב אויף האַלב — אַ העלפט פאַרבלייבט און בענקט אָן שיעור,
די צווייטע העלפט פליט ווי אַ שוואַלב מיט טויזנט שוועלבעלעך צו דיר.

איר האָט אייך אין ווייטן פאַרבלאָנדזשעט

איר האָט אייך אין ווייטן פאַרבלאָנדזשעט —
דאָך בלאָנדזשען איז נאָך ניט קיין זינד;
און בענקט איר אַהיים צו דער מוטער,
דאַן זייט איר אין האַרצן נאָך קינד.

און קומט איר פון ווייטן פאַראָרעמט,
זייט קינדיש און פילט ניט קיין שאַנד —
איר ברענגט דאָך אַהיים טויזנט טרוימען,
איר קומט ניט מיט ליידיקער האַנט.

מ. באַסין

מיט שטערן און מיט גאָט

(פונוועגן רב ישראל בעל־שם־טוב)

איך האָב דיך קיינמאָל ניט געזען,
דיין, מיר פאַרהייליקט און דערוויטערט ערד, נאָך ניט באַטראָטן;
און נאָר דורך הייסע תפילות, אויפגעהיט
אין אַלטע ספרים און געבאָטן,
איז מיר באַשערט געווען
דיין נאָמען צו דערקענען, צו דערמאָנען און געדענקען.
דאָך שפּעט ביינאַכט אין פעלד — מיט שטערן און מיט גאָט,
מיט שווייגן און מיט סוד,
ווען יעדע ווידמונג זיינע שלאָפט שוין אין איר נעסט באַרוט,
הייבט אָן, מיט אַלע אויפגעוואַכטע פיבערן, מיין בלוט
נאָך דיר צו יאָמערן פון ניט געשטילטן בענקען.

איך וואָלט, אַ פריידיקער,
פון לאַנג שוין עולה־רגל זיין, געלאָזט זיך צו דיין טיר —
האָט מיך, מיט טויזנט וואָרצלען, דאָ
מיין שווער געפלאָגטע אומה צוגעבונדן;
אויף־אַלע־פיר וואָלט איך מיט איר געטראָגן זיך צו דיר —
איז יעדער אבר אירער פול מיט בלוטנדיקע ווונדן.

ווי שיין, ווי ליבלעך, מוזסטו, כלה מיינע, זיין,
אַז מלכים טוען מיר דיין ליבע ניט פאַרגינען;
אַז אַלע זיינען זיי פאַר דיר אין קריג,

דורך קויל און שווערד דיך צו געווינען.
און איך, איך קאָן נאָר מאָנען דיך פון זיי
מיט תפילות, מיט זכות-אָבות און געוויין,
דאָס אַלץ, דאָס אַלץ מיט וואָס איך קאָן דיר דינען.

און זיי — וואָס ביסטו דען פאַר זיי,
די אויפגעקומענע דורך רויב,
פון דאַנען און פון דאָרטן? —
נאָך אַן איידלשטיין אין זייער גליענדיקער קרוין,
נאָך אַ רויז אין זייער בליענדיקן גאָרטן —
און דו ביסט גאָר: אַ וואָרעם-לויכטנדיקע שויב,
אין ליכטטורעם, פאַר דיינע וואָגלער אין דער נאַכט,
געיאָגטע פון אַ בייזן שטורעם;
און דו ביסט גאָר: אַ האַרציק-וואָרקנדיקע טויב,
אַ באָרעם-שוועסטער איבער זיי, וואָס וואַכט,
ווען ס'ברעכן זיך די קני פון וואַנדן און יסורים.

איך האָב דיך קיינמאָל ניט געזען,
דיין, מיר פאַרהייליקט און דערווייטערט ערד, נאָך ניט באַטראָטן;
און נאָר דורך הייסע תפילות, אויפגעהיט
אין אַלטע ספרים און געבאָטן,
איז מיר באַשערט געווען
דיין נאָמען צו דערקאָנען, צו דערמאָנען און געדענקען.
דאָך הערט דאָס האַרץ ניט אויף צו פלאַטערן נאָך דיר,
פון תשוקהדיקן, ניט געשטילטן בענקען.

א. לעיעלעס

מדינת ישראל

א

„כ׳בוי צוריק דאָס לאַנד מיר״, זאָגט דאָס פאָלק פון וואַנדער,
כ׳מאַך דאָס אַלטע לאַנד מיר ווידער ניי און יונג.
הער דעם זום פון זעגן, זע דעם האַמערשווונג,
זע, ווי ס׳שפאַלטן בערג זיך, רוקן זיך פונאַנדער.
הער אויך קנאַל פון ביקסן, הער דעם וואָפנקלונג...
כ׳האָב ניט ליב קיין וואָפן, כ׳האָב געוואָלט גאָר אַנדערש —
נאָך פון צעזאַרס צייטן, נאָך פון אַלעקסאַנדערס.
ביטער אָט דער ווייַן מיר, נאָר איך מאַך דעם טרונק.

„כ׳האָב געחלומט חסד, כ׳האָב געטרוימט פאַרגיבשאַפט.
ניט פון שטאָל מייַן גבורה, מייַן געווער — פון הארץ,
און מייַן פייער — פלאַמען ווייס אויף פלאַמען שוואַרץ;
אויסלייז פאַר דער גאַרער וועלט, און שלום, ליבשאַפט.
„כ׳האָב חלומות — רעגנבויגנס פאַר דער ערד.
איז די ערד משוגע, און פאַר מיר — אַ שווערד״.

ב

ס׳טרעפט אין קאָך פון טאָג, אין מיטן זייַן געררודער,
זע איך יענע מחנות, ווי דאָס זאַמד אין צאָל,
די געטריבענע צו זייער לעצטן טאָל.
דענצמאָל — כ׳וויל צעברעכן פון דער וועלט דעם רודער.
כ׳ווער אַ צאַפּלדיקע סטרונע, לאַנג און שמאָל:
ס׳בלעזלט איבער איר דער גסיסה־שוויים פון ברודער,

ס׳רינט מיין שוועסטערס טרער; דעם שכנס לאַך־געגודער,
ס׳קלאָגט די אוממאַכט פון אַ פאָלק מיט טויטן קול.

זיבנפאַרביק איז דעם רעגנבויגנס מראה.
ס׳אומגליק פון מיין אומה האָט בלויז איין קאָליר.
היינט איז ווי אַמאָל. דורך פענצטער און דורך טיר
זעסטו ס׳מענטשן־פרצוף ווי אַ בייזע כמאַרע.

ביז די ערד, די דולע כלבטע, וועט זיין קלאָר —
קוש איך, פאָלק פון עלטסטן טרוים, דיין נייסטע וואָר.

יהודה הלוי

א

ניין, ניין, ער קאָן עס לענגער ניט פאַרטראָגן,
ער קאָן ניט וויינען בלויז און תפילה זאָגן;

ביי טאָג בלויז בענקען, האָפן, גאַרן, האַרן,
ביי נאַכט מיט דמיונס פליטערלעך זיך נאַרן.

ער וויל אים זען! זיין טרוים וויל זען דער דיכטער,
זען מיט די אויגן, אויף דער וואָר און ניכטער —

דאָס לאַנד פון קדושים, העלדן און פאָעטן,
ווו ס׳האָט רבי עקיבא שטאָלץ געטרעטן;

און זען די וווּנדערשטאָט פון גרויסן דוד,
ווו ס׳האָט אַ שבט וועלטן אויסגעכאַוועט.

עס מוז דער מערב־וואָגלער, מזרח־טרוימער,
זען דאָס לאַנד, וואָס איז דער וועלטס אי האַרץ, אי שומר.

גענוג געוואַרט. עס שטייען ניט די יאָרן,
ער איז אַ זקן, גרוי און שוואַך געוואָרן.

ב

עס קלייבט זיך אין וועג דער פּאָעט,
צו אַלע רייד סיי טויב, סיי שטום.
פאַרלאָזט דאָס לאַנד, וואָס האָט געגלעט
אים מיט דער בלענדונג־האַנט פון רום.

פאַרלאָזט די היים, פאַרלאָזט די פריינד,
וואָס האָבן אים געליבט אָן מאָס,
וואָס האָבן אים מיט טרייסט געשיינט,
ווען ס׳האָט געהעצט אים דער פאַרדראָס.

פאַרלאָזט די בלום, די צאַרטע קווייט,
זיין איינציק קינד, וואָס ס׳האָט געבראַכט
זיין ליבע־גאָרטן, איצט פאַרשנייט,
גאָר לאַנג צוריק — געבליט מיט פּראַכט.

ס׳פאַרלאָזט אַלצדינג דער אַלטער באַרד,
און שמייכלט בלויז צו וואָרנונגס שטים,
אַנטלויפט אַנטשלאָסן, איינגעשפּאַרט
פון רו, וואָס האָט פאַרשלעפּערט אים.

ער לאָזט זיך דרייסט און אָן באַקלער
דורך לענדער, ימען אומבאַקאַנט,
פאַריונגט פון איינציקן באַגער:
צום לאַנד, וואָס איז דאָס איינע לאַנד!

ג

אויף דעם ים, דעם ענדלאָז־טיפן,
אויף די כוואַליעס, הויך און בלינד,

טוט אַ שיף זיך שיפן, שיפן,
אָנגעטריבן פון דעם ווינט.

צו דעם לאַנד פון שאַרלאַך־מאָרגן
שווימט זי שוימיק דורך דער נאַכט.
אַלץ איז טיף אין שלאָף פאַרבאָרגן,
איינער אויף דער שיף נאָר וואַכט.

איבער דעם פאָרענטש געבויגן
שטייט יהודה אויף דעם דעק,
איינגעגראָבן זיינע אויגן
אין דעם וויטן סוד אַוועק.

ניט די מורא צוגענומען
האָט ביי אים די רו און שלאָף.
אַלע שרעקן מוזן שטומען,
יעדע אַנגסט הערט איצטער אויף.

ס׳ריזלט פרייד דורך זיינע גלידער,
חסד העלט אויף יעדן ריר:
ס׳איז דאָס לאַנד פון זיינע לידער,
ס׳איז זיין אויסגעבענקטער שיר.

קלאַנג מיט קלאַנג נעמט לויטער פלעכטן
אַ געזאַנג פון לויב און דאַנק
צום באַשעפער דעם גערעכטן,
וואָס דערפילט איצט זיין פאַרלאַנג.

ענדלעך ווערט דאָך וואָר זיין שטרעבן,
ס׳גאַנצע לעבן זיניק ווערט.

באַלד, אָט באַלד וועט ער דערלעבן
זען די הייליק־גוטע ערד.

ענדלעך... ענדלעך... האַרץ, הער זינגען,
הער אויף, טאַנצן הער שוין אויף,
ס׳וועט די אַלטע ברוסט צעשפּרינגען
פון דער פרייד אָן ברעג, אָן סוף.

ניט געוואָלט האָט פרייד זיך צאַמען.
ווען די זון האָט אויפגעגליט,
האָט זי קלאָר באַשיינט דריי ימען:
אויבן, אונטן — דריטס אין מיט.

*

אָ, יהודה, זעער, דיכטער,
ווילסט דאָס אוממעגלעכע גאָר?
ווילסט אַ לעבן דערנערט אויף בענקשאַפט,
ברענגען אויג אויף אויג מיט וואָר?

הערסט ניט ס׳קול, וואָס רופט און לערנט
זינט דער מענטש טרוימט אויף דער ערד:
פאַר דעם טרוימער — בלויז זיין חלום,
דאָס און גאָרנישט מער באַשערט?

זעסטו ניט די האַנט פון תקופות,
ווי זי שרייבט פאַר יעדן דור:
קיינער זאָל ניט וואַגן מאַכן
פון אַ חלום קאַלטע וואָר?

ד

פון לענדער צו לענדער,
דורך טייכן און ימען —
יהודה הלוי
פאָרט לאַנג און פאָרט פיל.

עס שלײדערט דער גורל
פיל שטיינער אין וועג אים,
און שטערט אים און לאָזט ניט
אים גרייכן זיין ציל.

ער קאָן ניט גלייך קומען
אַהין, וווּ ער איילט זיך,
אויף אומוועגן קרומע
ער רייזט אָן אַן ענד.

ער קומט קיין מצרים,
וווּ ס'האָבן די שבטים
ליים פּרעהן געקנאָטן
מיט וווּנדיקע הענט.

ער קומט אין דמשק,
פֿאַרפֿאָרט צו דעם פּרת-טייך,
וווּ ס'האָט אויפגעלויכטן
דעם פֿאָלקס ערשטער שטראַל.

און אומעטום זיינען
פיל ברידער פֿאַראַנען,
ס'שלאָגט אומעטום ליבשאַפט
צו אים מיט אַ קוואַל.

נאָר ערגעץ ניט בלייבט ער,
אין ערגעץ ניט זאַמט ער —
עס פיבערט יהודה,
ער גליט נאָכאַנאַנד:

אָ, גיכער, שוין גיכער,
אָ, לאָזט אים שוין גרייכן
דאָס איינע, דאָס ליבסטע,
דאָס טייערסטע לאַנד.

ה

פון דעם מערב קומט צו בלאָזן
שטיל אַ ווינטל, הערט זיך קוים.
טיפער נעמט די זון זיך לאָזן
צו דעם ים- און הימלס-זוים.

פון דעם ירדנס-וואַל, וואָס שטורמען
הערט ניט אויף, ביז מערב-צו,
פון דעם חרמונס שנייען-טורמען
ביז די שעיר-בערג — איז רו.

אויבן הענגט נאָך בלוי דער הימל,
שטרעקט זיך פויל אין לענג און ברייט.
און עס דאַכט זיך: אין אַ דרימל
וויגט ער איין זיך מידערהייט.

פלוצעם ווערט דער מערב ברוגז,
צינדט זיך אָן מיט צונטער ווילד,
און ווי גרייכיק נאָר דאָס אויג איז
ווערט עס אוים מיט בלוי און מילד.

אויבן פינזלען זיך פיגורן,
לויטער פייער, לויטער פלאַם.
ס׳ברענט אַן אויסשפּרייט פון פורפורן —
פון דעם ירדן ביז דעם ים.

נאָר ס׳איז אַלץ ניט מער ווי דאַכטונג,
ס׳שפּילט די זון אַ שפּיל בלויז דאָ,
שפּילט מיט פאַרבן פלינק, פאַרנאַכטיק,
זי וויל שלאָפן, שפּעט די שעה.

זון פאַרשליסט איר רויטן טויער.
טאָג נעמט זיך אַרום מיט נאַכט...
ווער ליגט דאָרט פאַרהילט אין טרויער,
צו דער ערד געקניט, פאַרשמאַכט?

ווער וויל וויינען ניט אויפהערן,
וויינט אָן אויפהער מיין און מיין?
ווער באַנעצט מיט הייסע טרערן
איטלעך זעמדל, יעדן שטיין?

ס׳איז יהודה, ס׳איז דער זקן,
וואָס געקומען איז פון ווייט
פול מיט גלויבן אומדערשראָקן
זען זיין חלום — אָוונטצייט.

ו
ניט פון שמחה טרערן גיסט ער,
ס׳איז זיין גרויסע פרייד צעשטערט,
ווי ער קוקט אויף דער פאַרוויסטער,
זאַמדיקער, פאַרלאָזטער ערד.

„גרונט געגלוסטער, ווער פאַרשעמען
האָט אַזוי געקאָנט דיך שווער?“
ס׳נעמט זיין אינגעווייד אים קלעמען,
ס׳קאָרטשעט זיך זיין גוף אַלץ מער.

טוליען צו דער ערד זיך טוט ער,
ווי צו מאַמעס ברוסט און שוים.
צו דער לאַנג באַגערטער מוטער
פליסט זיין שטיל געבעט אַרוים:

„ציון, היימלאַנד, וועסט ניט פרעגן
אויף די קינדער דען ביי מיר,
וואָס אויף אַלע, אַלע וועגן
זוכן זיי דעם וועג צו דיר?

וועסט ניט פרעגן, ווי די קינדער
קאָנען אויסהאַלטן דעם צער?...“

— — — — — —

אָ, יהודה, גיך, געשווינדער,
לויף, אַנטרין פון דער געפאַר!

ז

באַוואָפנט פון פוס ביז דעם קאָפ,
ניט קוקנדיק קיינמאָל אַראָפ,
געריטן אין הייסן גאַלאָפ
איז דאָרט אַן אַראַבער — א וויכער.

עס רייסט זיך דאָס שוימיקע פערד
פון אייזערנעם צוים, קוים מען הערט,
ווי ס׳רירט מיט די פיס אָן די ערד,
עס יאָגט זיך מיט אימפעט אַלץ גיכער.

ווי קאָן עס גאָר ליגן אין זין
אַ הפקרניק און בעדואין,
וואָס אײַלט צו אַזיסן גרין —
צו קוקן אַראָפּ אין זײַן רײַטן?

ער זעט ניט דעם גרײַז־גרויען ייד,
דעם אײדלסטן דיכטער, וואָס קניט
און תּפילהט דאָס רירנדסטע ליד
פון פעלקער און לענדער און צײַטן.

ער צוימט ניט, ער שרײַט ניט אויס: „האַלט!"
ער זעט ניט די אומעט־געשטאַלט,
וואָס פאַלט צו דעם באָדן און פאַלט,
און יאָמערט און איכהט דאָרט ביטער.

אַ שפּאָרן דאָס פערד גיט ער בלינד.
אַ זאַמד־וואַל שפּרינגט אויף און צערינט.
דאָס פערד טרעט אַריבער, פאַרשווינדט —
עס קוילעט יהודהן דער ריטער.

ח
מיט אַ חושך פאַרכטיק־שטומען
האָט דאָס לאַנד זיך באַלד פאַרהילט,
ווען יהודהס צונג און גומען
האָט די בייזע שעה פאַרשטילט.

שטיל. נאָר ס'האָט געהילכט אַ בת־קול
ווי פון ערשטן אור־קאַיאָר,
וואַגערס וועלן שטענדיק וואַגן —
טרוים זאָל ווערן וואָרע וואָר.

ענטפּער פון תל־אביב

„די כוואַליעס זײַנען בלוי בײַם ברעג פון תל־אביב",
שרײַבט קורץ מײַן יונגער פרײַנד — לאַקאָניש און ידידיש.
„טאָ קום אַהער". עס ריזלט זון־באַגילדט זײַן בריוו
מיט מאָנענדיקער בענקשאַפט. „ס׳רעדט דער ים דאָ יידיש".

כ׳וועל קומען. נאָר איך בין שוין דאָרט סײ־ווי פאַראַן.
כ׳האָב מיט דעם תשבי פײַנט געהאַט די פרעמדע במות.
בײַ מיכהן זיך געלערנט שׂכר פון רײַנעם שפּאַן.
געקריגט אויף צביעות צווישן נאָכגייערס פון עמוס.

כ׳וועל קומען, און וועל מיטברענגען דעם העלן טרוים,
וואָס ס׳פּאָלק האָט אויסגעגליט פון טרערנדיקן פיבער —
אַ וועלט מיט הימל אײנציקן, אָן לענדער־צוים,
דעם טרוים, וואָס האָט אַ צונג געפונען און אַ דיבור.

כ׳וועל קומען בענטשן די באַנײַטע טאָלן, בערג,
און יעדן דאַך, און יעדן ווינקלשטיין באַזונדער;
און מער נאָך ס׳פּאָלק, דעם חלומער פון וווּנדער־ווערק,
דעם אומבײַטער פון אַלטער וווּנד אין יונגן וווּנדער.

י. ד. קאַמזאָן

ביים ברעג פון ים המלח

מיר האָבן צונויפגענומען ראָר און גראָז, פאַרשלעפּט פון ירדנס שטראָמען,
און אָנטקעגן „טויטן ים" אַ פייער אָנגעצונדן.
איז הינטער אונדז געוועז די נאַכט שוואַרץ ווי טויזנט תהומען
און ווי פאַקעלן אונדזערע געזיכטער אין העלן קרייז אין רונדן.

ווי גאָלדענע פישעלעך האָבן געפינקלט אין ים די שטערן,
די בערג פון עין־גדי און מואב פאַרשוווּנדן פון מיינע בליקן.
די נאַכט פאַרהאַלט איר אָטעם, קיין הויך איז ניט צו הערן,
און די פלאַמען־צונגען אויפן ים ווי פייערדיקע בריקן...

אומעטיקע ברידער, וואָס זוכן וואָס, פאַרבענקטע אייערע אויגן,
זוכן זיי חלומות פון אַמאָל, ניט געשטויגן, ניט געפלויגן,
וואָס זיינען חרוב אונדז געוואָרן ווי עמורה און ווי סדום, —

אָדער טראַכט איר אַ געדאַנק איצט, שוואַרצער פונעם תהום:
צי זיינען מיר ניט אַ מצבה דאָ, אַ באַלויכטענע פונעם פלאַם,
אין די־אָ אומענדלעכע סטעפּן ביים ברעג פונעם טויטן ים?!

קבר רחל

דער וועג קיין בית לחם
חלומט אורעלטע צייטן.
אין לבנה-ליכט די אײלבײמער
בלישטשען פון ביידע זייטן
ווי אַ קייט אַ זילבערנע,
געפלאָכטן רינג אין רינג.
שטרעק אויס אַ האַנט, נעם אָן,
צעשאָקל זי און קלינג.
נאָר שאַ, שטיל, ניט וועק
אין שטילקייט הייליקער קיין קלאַנגען.
ירושלים שלאָפט. קבר-רחל אויף איר האַלדז
ווי אַ קמיע אָנגעהאַנגען...

אין לאַנד

פינקלט רויט אויף ווייס און בלוי,
בוי און היט און היט און בוי.
ווייס דער זאַמד און בלוי דער שטראַנד,
רויט דער שטורעמווינד אין לאַנד.

ווייס די ווייטקייט, הויך און ברייט,
ערגעץ שטייט אַ וועכטער גרייט;
בלוי דער הימל, ווייס די שאָף,
זײַ אין רוי און גלייב און האָף.

בלוי זיין העמדל, רויט איר קלייד,
שטראַלט אַרוים פון אויג די פרייד.
זייט געטריי און שטייט צוזאַמען —
ס׳קומט אַ שיף אויף בלויע ימען...

אַ זון פאַרגייט פון בלוי אין רויט,
ערגעץ פאַלט אַ וועכטער טויט...
פינקלט רויט אויף ווייס און בלוי,
בוי און היט און היט און בוי.

אין די טעג פון סיני־שלאַכט

טראָגט זיך איצט ווידער
פון האָרץ ווי פון סידור,
אַ תפילה אַ שטילע,
איינציק און ריין:
ה׳ עוז לעמו יתן.

נאָט זאָל ישראל איצט שטאַרקייט פאַרשאַפן,
שטאַרקייט אין ווילן און שטאַרקייט אין וואָפן,
און שטאַרקייט אין אחדות, סיי אַלט און סיי ניי,
סיי פרומע, סיי פרייע, צוזאַמען געטריי.

און ליבשאַפט זאָל פליסן פון האַרץ ווי אַ שטראָם,
פון יעטווידן יידן באשר הוא שם.
ליבשאַפט, וואָס עכט איז און שטראַלט פון פאַרטרויען
אין סאַמע געפערלעכער שעה פון נסיון,
געטריי ווי אַ מוטער און טיף ווי דער תהום.
וה׳ יברך את עמו בשלום!

ביים ים אין שבי־ציון

שרייט אַ שטורעמדיקער ים
צו אַ שווייגנדיקער נאַכט;
שרייט עקשנותדיק מיט פלאַם,
שווייגט די נאַכט, פאַרטראַכט און וואַכט.

ווערט דער ים צערייצטער, ווילדער,
הערט די נאַכט אַלץ שטילער, מילדער.

ליג איך וואך און הער זייביידן,
הער איר שוויגן, הער זיין ריידן...
קלינגט זיין שטורעם פרעך און פרעכער,
זינגט איר שטומקייט פיינער, העכער.

אברהם זאַק

איבערן כביש

ס'איז אָוונט. מיר שוועבן אויף גלאַנציקן כביש,
אַלץ ווייטער, אַלץ טיפער אין מלכות פון ייד.
פון דאָ און פון דאָרט גריסן דערפער און שטעט
מיט ליכטיקע פענצטער פון שלוה און פריד.

עס ווינקען זיך איבער די שטערן פון הויך
מיט פייערלעך שטילע דורך גרינקייט פון סכך.
ס'איז אָוונט. די הימלען אין קריאת־שמע פאַרטיפט.
עס דרימלען פרדסים ביים שטיינערנעם שליאַך.

מיר שוועבן, מיר שוועבן אויף גלאַנציקן כביש,
דאָס הארץ ווי אַ פויגל עס רייסט זיך פון טיף...
אַט ברענגט אונדז די נאַכט פון אַנטקעגן אַ שטאָט —
צעשפרייט און צעלויכטן — עס איז תל־אביב!

אין נגב

צעווישן מדבריות פון נגב
אַ ישוב אַ נייער זיך שפרייט.
דאָ בויט מען, דאָ גראָבט מען, דאָ שאַפט מען,
דאָ ווערט שוין געאַקערט, געזייט.

זעמט פנימער ברוינע, פֿאַרברענטע
פון זון, פון חמסין און פון ווינט;
תימנים מיט פּיאות געדרייטע,
תימנים מיט ווייב און מיט קינד.

דאָ לאָקט אין דער שורה פון הייזלעך
אַ גרינער, אַ שלאַנקער ציפּרעס;
און דאָרטן — אַ פּאַלמע צעשפּרייטע
דערציילט פונעם יידישן נס —

פון יידישן נס אין דעם מדבר,
ווו ס'גייט אויף אַ לעבן אויף ס'ניי.
דאָ בויט מען, דאָ גראָבט מען, דאָ זייט מען —
און וויסטקייט צעבליט זיך ווי מאַי.

אפרים אויערבאַך

פון דער פּאָעמע „ווייסע שטאָט"

א

ווייסע שטאָט, איך בין אַ באָרוועסער געטראָטן
אויף די זאַמדן דיינע, — בלאָנד און הונגעריק און יונג.
כ'האָב דיין זאַמד געזיפּט, דיין ליים האָב איך געקנאָטן,
אין אַלייען דיינע האָב איך איינגעפלאַנצט דעם קילן שאָטן
און אַליין, פאַרהאָרעוועט, געזוכט אַ קאַלטן טרונק.
שוין פאַרגרויט, געהויקערט דיינע שטיבער פריע,
שיילט פון זיך די הויט די באַיאָרטע הרצליה,
נאָר אָרום איר יונגע, ווייסע הויטן בליען
און מיט ליבשאַפט קושט די זון די פרומע, ווייסע ווענט.

ב

ווי צעוואָרפענע שאָף, אויסגעוואַשן ריין,
האָבן וואָלקנדלעך געבלאָנקעט פון באַגינען,
ניט געוווּסט פאַרשעמטערהייט וווהין צו גיין,
ביז אין זון וועט זיי באַשערט זיין צו צערינען.

תל־אביב האָט זיך געפעדערט.

— וויפל האָבן מיר, איך בעט אייך, היינט אין אייר?
— אפשר אויפגעשטאַנען מיט אַ חודש פריער?
— אין דבר, הכול בסדר.

אויפֿן מזרח האָט די זון דעם קאָפּ אַרויסגערוקט
און די וואָלקנדלעך פֿאַרחידושט אָנגעקוקט.
ס׳האָט אַ צי געטאָן אַ ווינטל פֿונעם ים
און צעקעמט דאָס זאַמד מיט אַ קילער קאַם.

ג

בריאַזגען לאַסט-אויטאָס פֿול מיט געזאַנג,
גראַציעז יאָגן נאָך ביצאָקלעטן,
אַזוי שטאַרק איז די יוגנט, און שלאַנק,
אַזוי ערדיש אויף ערד טוט זי טרעטן.

פֿון מתולה, אַראָפּ צו אילת,
איבער בערג, איבער זאַמדן און פֿלעינען,
האָט די יוגנט פֿאַרשריבן דאָס בלאַט
פֿון דערפֿרישטע געזאַנגען-געוויינען.

פֿונעם זומער תש״ח ביז תש״ט,
און נאָך זומערן, ווינטערן, פֿריער,
האָט די יוגנט געהאַמערט דאָס בלאַט
פֿאַרן טאָג, פֿאַרן אָנהייב פֿון אייר.

כאַפּ זיך אויף, ווייסע שטאָט, און דערוואַך,
גיי אַנטקעגן די סאַברעס, די בליער,
ס׳קומט צו דיר הגנה און פּלמ״ח
מיט תש״ח, מיטן פֿינפֿטן אין אייר.

כאַפּ זיך אויף, ה׳ באייר, תש״ח,
קומט צוריק מיטן גילדענעם שליאַך.

ד

אין אַ זײַדענעם צילינדער, אין אַ קאַטאַוועי, לאַקירקעס,
גייט אין שול אַרײַן צו תּפֿילה בן־גוריון, ישׂראל־פּרעמיער;
אויפֿן פּנים אײַנגעשניטן טעג פֿון פּיאָשן און פֿון קירקעס,
אויף די ברייטע אַקסלען טראָגט ער יאָך פֿון עזרא און נחמיה.

גייט שזר, דער בעל־קבלה, דער חבדישער מיניסטער,
ווי צום ריקוד י״ט כּסלו אויף ליובאַוויטשער הילולא,
אין מיטן וועג קומט אים אַ רעיון: איז מדינה נגלה, נסתּר?
איז זי אָנהייב פֿון גאולה, צי אין זיך אַליין אַ פּולע?

מיטן אימפּעט פֿון אַ חריף, מיט דער שטרענגקייט פֿון אַ כּהן,
גייט הרב יוד למד מיימון, מאַרקולעשטער בן־הסופֿר,
איך געדענק אים נאָך אַ בלאָנדן און איך זע אים איצט אַ גרויען,
נאָר עקשנות אין די אויגן ברענט, ווי יינגלווייז, אָן אויפֿהער.

די רבנים ראשיים — הערצאָג און עוזיאל — זייד־פֿאַרהילטע,
מיט אַ יום־טובֿדיקן אומעט אין די שטערנס אײַנגעטיפֿטע,
אין דער חכמה און אין לומדות איז די פֿרייד אָן אָפּגעקילטע,
מיט מלוכהשאַפֿט נאָך יונגער, נאָר מיט עלטערער מתיבֿתּא.

שטעל רבייאישער, מיט באָרד־און־פּאות מלכותדיק צעקעמטע,
מיט אַ גאַנג, ווי נאָך אים וואָלטן די חסידים נאָכגעגאַנגען,
טראָגט רב איטשע מאיר פֿלאַקערדיקע דורות פֿאַר׳בעל־שם׳טע,
אויסגעטובלטע אין פֿײַן, אין פֿאַרדביקהטע געזאַנגען.

מיט אַ טראָפּעלע הומאָר פֿון וואָנצעס שאָטענען די ליפּן,
נאָר ליריזם הענגט אַרונטער איבער אויגן פֿון די ברעמען,
גייט שפּרינצאַק, דער ראש־הכּנסת, ווי ער וויל אַריבערהיפּן
אַ פֿאַרפֿלאָנטערט־קלוגע מימרא וועגן יפֿתן און שמען.

אויפֿן פּנים גאָלדעם לויכטן זיבן חנען פֿון אַ מאַמען
אויף דער חופּה פֿון אַ טאָכטער, אַ געשמאַקע בת־יחידה,
נאָר די שטוב איז זיך צעוואַקסן, ס'איז נאָך דאָ אַ סך צו ראַמען, —
אָך, מלוכה־טאָכטער, דיינע קלעזמער שפּילן פֿריילעך־מידע.

אַ פֿאַרפֿויערטער און שטאַלטנער טאָפּטשעט אליעזר קאַפּלאַן,
אויפֿן וואָכעדיקן פּנים ברענט אַ האָרעפּאַשנע פֿייער,
אין די ניכטערע פֿינאַנצן טוט אַ וואָרעם הארץ זיך צאַפּלען, —
קיין עין־הרע, פֿאָלק ווערט גרעסער, אָבער לײדיקער דער שייער.

שטאָט דו ווייסע, לויטער־אויפֿגעוואַכטע גאַסן תל־אביבער,
ים דו חלומער, צעגאָלדיקט זאַמד און ביימער — שטילע בליער,
יאָר דאָס ערשטע און דער בנין ווערט געשטאַלטיקער, מאַסיווער, —
די מלוכה גייט מתפּלל־זיין און דאַנקען, — ה' באייר.

קומט צוֹאיילן אַ פֿאַרבלייכטער ייד. פֿון וואַנען? אָ, פֿון דאַנען.
אַז איר ווילט — פֿון דאָרטן. סיי־ווי־סיי, אַ פֿראָסטער ייד געקומען.
ניט אויף שיפֿן, ניט אויף באַנען, ניט אויף היינט — די עראָפּלאַנען,
נאָר אויף פֿערד־און־וואָגן, טאָמער פֿעלט אייך אוים אַ ייד דאָ צום מזומן.

ווי צום דוכענען צעשפּרייט די הענט, די אויגן זיינע פֿינקלען,
זאָגן זאָגט ער, דאַכט זיך, גאָרנישט, נאָר אַ קול גייט אים אַפֿריער,
און צעשלאָגט אַ ווידערקול אין אַלע ווייסע גאַסן־ווינקלען:
שהחינו וקימנו — צו דעם טאָג, צו ה' באייר.

ה

ווייסטו וואָס? אַזוי ווי מיר דאָ שטייען —
אויף דער זון און אין געדרויש — לאָמיר נעמען
און דערמאָנען זיך אַליין, אין צווייען,
ווי צעבליט האָט זיך אַ ביימל אין בן־שמן.

אַז ניט מיר, וועט קיינער ניט דערמאָנען,
ס'איז דאָס ביימל אַ צונויפבונד אונדז געוואָרן,
תל־אביב איז פול מיט לידער און מיט פאָנען,
פון דער זון ברעך אָפּ פאַר זיך אַ דינעם האָרן.

אויף די יאָרן, ווי אויף אויגן צו דער עלטער,
לאָזן מיר אַרונטער ברעם־געדיכטע דעקלעך,
און ווי דו, בין איך אַ ביסל אַ פאַרשטעלטער,
אויפן טרויער טו איך אָן זילבערדיקע גלעקלעך.

נאָר אַ מאָל, אַז די אויגן ווערן לויטערער און בלויער,
הייבט זיך אויף דער צודעק איבער אונדזערע געמיטער,
אַ צעפּאָכעטער, אויף פליגלען פליט דער טרויער,
ביז צום אָנהייב, צו דעם זויבערן, דערפליט ער.

און ווו האַלטן מיר? ביי יידישער מדינה,
ביי פאַראַדן, ביקסן, עראָפּלאַנען, טאַנקען, —
ס'איז אַ שפּיל אַזאַ, מיר קוקן אויף אַ בינע,
ווו אין ציטער גייען אויף, ווי שיין, געדאַנקען.

מיר פאַרשפּילן זיך, — אָ, מיר די דורכגעשפּילטע,
די פאַרטרויערטע, פאַרפריידיקער פון דער געשיכטע,
די פאַרטראַכטער פון געדאַנקען, — ריינע, אָפּגעקילטע,
די פאַרטרינקער, אויף צו בלייבן וואַך און ניכטער.

אַז מיר האָבן שוין פאַרטראַכט דעם אָנהייב רעיון,
איז דעם אויסגעדאַכטן סוף ווער וועט אונדז צעצינדן?
נאָר איך רייד און קען אַליין ניט דעם געדאַנק צעקייען,
כ'בין דער שניטער, וואָס די גאַרבן קען ער ניט פאַרבינדן.

אַז מיר קומען קריק צום ביימל דעם צעבליטן,
פֿאַלט אַראָפּ דער יאָרן־צודעק פֿון די ברעמען,
לאָמיר ביידע ווידער ריינע ווייסקייט היטן,
ווי אַמאָל געהיט אין שטייניקן בן־שמן.

אָנגעקרוינט מיט בליעכץ, אָנגעשנייט מיט טרויער,
איז דאָס ביימל איין־אַליין אַ וואָך אַזוי געשטאַנען,
ווי אַ כלה אַ יתומה שטייט און וואַרט ביים טויער
אַז אַ חתן זאָל שוין קומען זי אַ מאָל באַמאַנען.

איז צו וואָס וויל איך דערגיין? אָ, אַלטער חבר,
ביי די אויגנווינקלען לויפֿן אונדז שוין שטרעמלעך,
ס'איז דער גאַנג נאָך כלומרשט אַ זשיוואַווער,
נאָר סע וואַקסן אויף די הענט אָדערן ווי שוועמלעך.

נאָך אַ וואָך האָט אויפֿן ביימל ווייסער צוויט געפּלאַטערט
און דערנאָך האָט זיך אַנטפּלעקט אַ קרומער רוקן,
אויף צעקנייטשטער הויט האָבן בלאָטערלעך געיאַטערט, —
ס'איז יסורימדיק געווען אויף דעם צו קוקן.

איז די מעשה ווידער — וואָס איז מענטש, דער יחיד?
אינעם כלל פֿאַרקנויליקט, נאָר אַליין פֿאַרעלנט,
איבער אונדז האָט זיך די פֿרייד שטורעמדיק צעפּאָכעט,
נאָר מיט זיך — אַ פּרשה טרויער לאָמיר קנעלן.

און דער סוף? ניטאָ. גערעדט צו דיר אַזוי נאָר,
פֿון אַ קנויל — אַ פֿאָדעם נאָר אַרויסגעוויקלט,
ס'איז באַשערט צו זיין די צוקוקער, דערשטוינער,
און פֿאַרהוידען זיך אויף וואַקלדיקן בריקל.

ו

זיי זיינען זיך צונויפגעקומען אכציק יונגען שטארק,
ווי פייגל פון א פייער, מיט פליגלען אפגעברענט,
ארויפגעפלויגן מידיקע אויף סאמע שפּיץ פון בארג,
זיך נעסטן אויסצובויען אין שטיינערנע פיר ווענט.

צופוסנס וועלדלעך איילבירטן, דער כרמל אין דער הייך,
דער ברונעם בארג־ארונטער איז מיט צווייגן צוגעדעקט,
פעלאכן־שטיבלעך ליימענע, א הויז פון שטיין — דעם שעיכס,
זיי האבן, מיד־דערפלויגענע, דעם אומעט אויפגעוועקט.

די ווייבער ווי דער ווײנרעב אויף א שאטנדיקער וואנט,
די הענט נאך ניט דערוואַרעמט, די פיס נאך ניט דערשניצט,
די בריסט, ווי בערגלעך שפּיציקע אויף פלאכע שטרעקעס לאנד,
נאר טרויער אויסגעצייטיקטער אין שטערנס איינגעקריצט.

ארויפגעקומען זיינען זיי צום בארג ביים סוף תש״ח,
די ערד צעאקערט פאסנווייז, צעדריבלט שטיין אויף שטויב,
די שפּראצלינגען אריינגעזעצט און צוגעדעקט א דאך,
צום רעגן הענט צעשניטענע געהויבן מיט א לויב.

גייט־אויף א בינטל גראזיקייט, ווי האר אויף מאנצבילס לייב,
פון שפּראצלינג שניידט זיך אויס א צווייג, ווי ערשטער צאן ביים קינד
צעוואַקסט זיך קיילעכיק דער בויך ביים שעמעוודיקן ווייב,
און וואסער, נאר א פאסיקל, צום בארג־ארונטער רינט.

א מאל צעוואַקסט זיך אין דער נאכט דער אפקלאנג פונעם טיק, —
אין לאדנס טעמפּער סטוק און טריט, ווי טשוועקעס אויף א ברעט,
דאס ברעט ווערט קאלט, דער קאפּ ווערט וואך, פארטונקלט זיך צוריק,
דער פּחד פאלט אראפּ פון דאך און קריכט אריין אין בעט.

וואָס איז? ווער איז? ראַטעווע. אַנטלויף. דו קענסט דעם טעמפּן סטוק,
ער ציילט דיר אוים די נאַכט ביז דריי און גיט אויף דיר אַ שפּרונג.
ס'איז גאָרנישט. שטיל. די נאַכט איז דאָ באַריידעוודיק און קלוג,
זי רעדט פון שלאָף מיט וואַסערלעך, מיט זילבער־קלאַנגער צונג.

די נאַכט אַ מאָל רייסט אָפּ דעם שלאָף, ווי שטיקער פון דיין הויט,
די שעהן וואַקסן אָן אויף דיר, ווי בלאָטערס, רוי און האַרט,
צינדסט אָן אַ לאָמפּ מיט קאַלטע הענט, נאָר טרוקן איז דער קנויט,
און ווידער בלייבסטו אין דער נאַכט מיט זיך אַליין פאַרשפּאַרט.

נאָר אַז אַ שייבל עפנט אויף דער בישן, דער קאַיאָר,
און גיט אַ לאַך מיט פולן מויל, מיט בלישטשענדיקע ציין,
דערזעסטו ווי דער כרמל שטייט באַטויט, באַגרינט און קלאָר,
דו הערסט דעם טאָג פון ווייט אין סאַמעטענע מעשטעם גיין.

פאַרהאָרעוועטע היים שיינט אויף אין זיידנם אָנגעקליידט,
דאָס ביימל זייגט די טראָפּנס טוי מיט קינדערישן מויל,
אַ פולן טרונק גיט אין דער פרי די טרינקערין, די בייט,
די זון, מיט שפּיזלעך גילדענע, שפּינט פעדעם פון איר קנויל.

קום, ווייב מיט פולן בויך, מיט לעבן וואָס צעוואַקסט,
מיר האָבן בוים פאַרפלאַנצט און גרינס פאַרזעצט, נאָר מיר אַליין, —
נעמסט שאָטנס פון געדיכטער נאַכט און אויף דער זון צעהאַקסט,
אַריינצוּוואַקסן זיך אין באַרג, — געלייטערט, גאַנץ און ריין.

די גילדענע מעשה אויף דערנער

ווער גייט אויף די דערנער ביים פערצענער אַקער
די ערד אויפצושניידן, צעמוליעווען שטיינער?

די באַרוועסע יונגען, די זינגער, די וויינער,
די ייִדענע טראַכטערס, די קלוגע באַלאַקערס.

פאַרבלאָנטערטע הענט און די פיס מיט געשווירן,
אין אויגן דאָס געלבלעכע פייער פון פיבער,
דאָס לייב איז דיר אייגענער, ווונדיקער, ליבער,
אַז האַרץ פון דער ערד מיט די הענט קאָנסטו רירן.

ווער וויל זיך דערגראַבן מיט הוילע צען פינגער
צום לייב פון דער ערד, וואָס איז שטעכיק פאַרהאַריקט?
ס'איז דער, וואָס איז צוואַנציק און לעבט טויזנטיאָריק,
וואָס זיך האָט באַצווונגען דאָס לאַנד צו באַצווינגען.

די באַרוועסע יונגען פאַרשרייבן אין רודעס
די גילדענע מעשה פון האַרעוואַניע,
וואָס שפּינט זיך אין גדרה, רחובות און דגניה,
אויף בערג פון דעם גליל, אין זאַמדן יהודהס.

די מעשה דערציילט זיך אין בלויע באַגינענס,
אַ מעשה מיט רויערד מיט בלוט אויפגעריסן,
מיט זונען צעברענטע און מאָגערן ביסן,
מיט פרייד אין דעם טרויער צוריק צו געפינען.

גראָבט טיפער די ווערטער, די מעשה דערציילן
וועט תבואה אין גליל און בוים אין יהודה,
אַ מאָל וועט זי הערן אַ ווונדיקער ברודער
ביז טיף אין דער נאַכט, — זיינע ווונדן צו היילן.

ס'וועט אויפגיין פון רודעס, וואָס איר האָט געזונגען
ביים אַקערן, פלאַנצן, ביים רייסן די שטיינער,

און גילדענער ווערן, געלייטערטער, רייגער,
מיט לייבער צעפּאַסעוועט, — באָרוועסע יונגען.

ס'איז איצטער באַגינען, שעפּט וואַסער אין קאַנען
די ערד אָנצוטרינקען און זיך צו דערפרישן,
דאָס ברויט מיט דער טיי ביי די נאַקעטע טישן
אַ זופּ טאָן, אַ ביס טאָן און ווייטער צו שפּאַנען.

פאַרהאָרעוועט טעג, שטילע נעכט אָנגעוווירן,
דאָס אָפענע פּנים פאַר גאָט צו אַנטפּלעקן, —
ווער קומט מיטן אַקער דעם מדבר צו וועקן,
ווי זיידעס אַמאָל צו עבודת הבורא?

די באָרוועסע יונגען, בית־מדרש לערנער,
וואָס שינדן די הויט פון די אייגענע לייבער,
צו ווערן די שפּינער, אויף אייביק־פאַרשרייבער
פון גילדענער יידישער מעשה אויף דערנער.

ואתחנן

פאַרטאָג. די נידער איז אין בלוי פאַרהילט,
כפר בלום איז צו דער אַרבעט אויפגעשטאַנען,
לבנונס קאָפּ ווערט פּאַממעסוויז באַגילדט,
אַ לאָנקע וואַרעמט און אַ שאָטן קילט, —
זינג, טרויער מיינער, — ואתחנן.

פון חרמון הייבט זיך אויף אַ זילבער־טוי
און דאָ — צום אַקערפעלד אַ יונג טוט שפּאַנען,
מיט אויסגעבלויטע אויגן, האָר ווי שטרוי, —

פאַרוואָס זע איך, ווי משה אויפן באַרג נבו
שטייט עלנט מיט אַ ואתחנן?

קיין משה בין איך ניט, נאָר סתם אַזוי,
אַ ייד, וואָס קומט פון וואַנען און פון דאַנען,
וואָס גיט אַ מאָל אַ לויכט און ווידער ווערט ער גרוי,
נאָר תמיד שטייט ער אויפן באַרג נבו
מיט ניט-דערוויינטן ואתחנן.

ס'איז דאָ אַ שטילקייט וואָס איך גלייב איר און געטרוי,
ס'איז דאָ אַ פולקייט פון אָנגעמעלקטע קאַנען,
ס'איז דאָ אַ טרויער און אַ פרייד אין בוי, —
ס'איז איין געזאַנג, כפר בלום און הר נבו,
פון אייביק אָן ביז אייביק — ואתחנן.

מיטן ערשטן שניט פון אַקער

מיטן ערשטן שניט פון אַקער אין יהודה
האָט זיך אונדזער אויסלייז אָנגעהויבן.
אַז דער פּיאָש האָט אויפגעהאַקט אַ רודע,
האָט געשיינט די זון אויף יידנס שויבן.
אַז אַ האַנט האָט אויסגעריסן דערנער,
זיינען טראָפּנס בלוט געוועזן די קערנער
פונעם אויסלייז וואָס זי האָט פאַרזייט.
אַז אַ קירקע האָט דעם שטיין צעפּיצלט,
האָט געקלונגען שוין: מיר ווערן ניצול,
האָט אַ קול אונדז אָנגעזאָגט: משיח גייט.

מיט פאַרהאַרטעוועטע פיס איז ער געגאַנגען,
מיט צעוווּנדיקטע לייב און הויט פאַרברענטער,

אין די שמאָטעס איינגעהילט געזאַנגען
און פֿאַרוויקלט חלום אין געווענטער.
אין דער ערד אַריינגעשניטן פרישע ברונעמס,
אין דער ערד אַריינגעשניטן בייטן־זונען,
פון דער ערד אויסגעשניטן פרישע ברונעמס,
און געקושט די הייסע קנייטשן אירע,
ווי אַ מאַמעס פּנים, — ער, דער שפּירער
אין דער טיפעניש איר יונג געמיט.

אין די טעג האָט ער געגראָבן קוואַלן,
אין די נעכט איז ער געווען דער היטער,
אויף געוויין פון אייזלען און שאַקאַלן
האָט ער שטיקער חלום אויסגעפּיטערט,
אויף די בערג האָט ער אָנגעצונדן פונקען
און אַליין דאָס פייער אויסגעטרונקען
מיטן דאָרשט פון אומקער אין דעם לאַנד, —
ער איז דאָ מיט אונדז, דער ערשטער בויער,
מיט דער פרייד זיינער און מיט זיין טרויער,
און ער שפּאַנט נאָך ווי ער האָט געשפּאַנט.

דער אייזלטרייבער פון גאולה

א

אַ מענטש אויף דער עלטער פון זיך וויל דערציילן,
פון אייגענע יאָרן אַ מעשהלע שפּינען,
און פעדעמווייז צווישן קינדער צעטיילן
דעם זילבערנעם אויסשפּרייט פון זיין באַגינען.

ניט שייך צו זאָגן, צי אויסטראַכט, צי אמת,
אַז אמת וויל זיך גאָר אין אויסטראַכט פאַרשווענדן, —

אַ שטיק פון מיין לעבן, זע, זון, ווי איך נעם עס
און וועב דערפון אויס, נאָר פאַר דיר, אַ לעגענדע.

אַ מוילאייזל־טרייבער, אין קראַך פון האַרמאַטן,
אַרויף, צו דער פעסטונג, וואָס הייסט סעד־על־באַכער, —
וואָס זאָגסטו ניט, זון, צו דיין עלטערן טאַטן,
ווי ער איז אַ קריגער געווען אַזאַ וואַכער?

אַ ביקס אויפן אַקסל, צוויי מוילאייזל־ציימלעך
פאַרקרעמפּט אין די הענט, אַזש די הויט איינגעשניטן,
אויף באַרגיקע וועגן פון געקאַרטשעטע ביימלעך
צוויי מוילאייזלען שפּאַנען, דיין טאַטע — אין מיטן.

וועסט לאַכן אוודאי, אַז איך וועל דיר זאָגן,
ווי הויך ס'האָט דאָס האַרץ מיינס געזונגען מיט גלויבן;
ניט איין מאָל האָט רעגן דעם קאָפּ מיר געצוואָגן,
און בליצן — אין הימל געעפנט מיר שויבן.

איז ווו איז דאָס מעשהלע? וועסטו דאָך פרעגן:
דער טויט, און דער גלויבן, די וויסטע טראַנשייען,
דער גאַנג אין די נעכט אויף די שטעכיקע וועגן,
אין פייער דאָס בילד פון צעשפּאָלטענע פה'ען.

די דריבנע שראַפּנעלן, די בלוטיקע שוימען
פון מוילאייזל־קעפּ אויף די הענט מיר גערונען,
די איינציקע שטוב מיט פאַרעלנטן קוימען,
די חרובע נעסטן, וואָס איך האָב געפונען.

אַ מוילאייזל־טרייבער, דערטרייבן זיך וויל ער
צום אייזל, וואָס רייטן אויף אים וועט משיח, —

די נעכט ווערן עלטער, די טעג ווערן שטילער,
פֿאַר דיר, מײַן בן־יחיד, דעם פּאָדעם דערצײ איך.

ב

די פֿינגער האָבן געשמעקט מיט חלומות גרינע,
די אויגן — מיט וואַכיקייט האָבן געבליט,
מיר זײַנען געגאַנגען אין יונגן, אין פֿריען באַגינען
און אייגענעם ציטער אין זיך אויפֿגעהיט.

גאַליפּאָלי האָט זיך פֿון נאַכט ערשט אַרויסגעוויקלט,
צום בלוי־ים האָט סעד־על־באַכער אַרונטערגעקוקט,
אַריבערגעגאַנגען אַ שאָקלדיק הילצערן בריקל
און נענטער האָט זיך דער טאָג צו אונדז צוגערוקט.

די מוילאײזלען — ווײַסע און קלוג־אײַנגעשפּאַרטע, —
געטראָגן האָבן אויף רוקנס דעם אָנלאָד פֿון טויט.
צו מזרח, די וואָלקנס, ווי שפּיצגעוועבן צאַרטע,
פֿאַרצויגן האָבן דעם הימל מיט דינער, ליכטיקער הויט.

פֿאַר אונדז — אויף אַן אומרואיק פֿערד איז געריטן
דער האַרט־בלאָנדער שווײַגער, קאַפּיטאַן טרומפּעלדאָר,
דאָס פּנים איז יונג, נאָר מיט קאַרבן צעשניטן,
אַרײַנגעאַקערט אין זײ דער צער פֿון אַ דור.

אײן אָרבל אויף האַלץ, אויף הייסן פֿלייש דער צווייטער,
דער קאָפּ אויפֿגעהויבן אַריבער דעם אייגענעם מום, —
אין שפּאָרן — די פֿיס, ווי אויף אַ לייטער,
דער ווײַט אָנצוזאָגן: איך הייב זיך אויף העכער און קום...

ער דרייט זיך אום אויפֿן זאָטל, זײַן קול גיט אַ שניט: ימינה...
מיר נעמען זיך רעכטס, — באַפֿעלער ביסטו קאַפּיטאַן.

אויף יענער זייט בריקל דיביימער — פרישער און גרינער,
און יינגער און גלייביקער ווערט אונדזער שפּאַן.

הער דאָרט, קאַפּיטאַן, בייג־אָן דעם קאָפּ, די לופט איז אַ פּולע
מיט קוילן־געוויין, מיט היים־צעשאָטענעם שראַפּנעל...
מיט קאָפּ געהויבענעם, זאָגט ער, גייט אַ ייד צו גאולה,
נאָך העכער הייבט ער אים אויף ביים טויט אויף דער שוועל.

דו זיצסט, קאַפּיטאַן, אַזוי הויך אויפן זאָטל,
אַ קויל האָט דיין היטל אַ קראַץ שוין געטאָן...
ער גיט אַ שמייכל: אָ, יינגלעך, דער טויט אַליין ווערט בטל,
אַז יידן גייען צום אויסלייז, מיט קאָפּ אין דער הייך, ווי אַ פאָן.

מיר גייען נאָך זינגענדיקער ווי פריער,
פאַר אונדז — דער חלומער־רייטער, טרומפּעלדאָר.
אַזוי דערגאַנגען צום יאָר תש״ח, צו ה׳ באייר,
די מוילאייזל־טרייבער, מיט שיטערע, גרויע האָר.

גשר הזיוו

גשר הזיוו, — מיטן פּנים צום ים,
בערג איבער אים, און פאַרגרויטע טעראַסן, —
שניידט זיך אַריין ווי אַ ליכטיקער שראַם,
מיט די צעאַקערטע, ליימיקע פּאַסן.

שטייסט ביים שטראָם, וואָס איז שמאָל און פאַרדרייט,
צווישן די בייטן אַ וואַסערדיק ליקל,
ציטערדיק זיינען די פּשוטע רייד
דאָ, אויפן הייליקן, הילצערנעם בריקל.

יונג מיט זיין טרויער איז גשר הזיוו,
ערשט האָט זיין פרייד זיך געטאָן אַ צעוויקל,
נאַכט האָט אַרונטערגעקוקט אַזוי טיף
דאָ, אויפן הייליקן, הילצערנעם בריקל.

שטערן, צעפינטלטע, ווי אין אַ בריוו,
טונקל די שריפט און פאַרהוילן צעציקלט,
לויערן אויף בויער אין גשר הזיוו,
דאָ, אויפן הייליקן, הילצערנעם בריקל.

קליין איז דאָס בריקל, צעווייקט דאָס געהילץ,
היטסט מיט געוועט, מיט צעשאָרכעטן אויער,
הערסט אין דער נאַכט אַ צעשויבערטן גרילץ,
פייער האָט פינצטערניש דורכגעבויערט.

וואָס איז אַ בריקל? נאָר האָלץ און געשטעל,
ברעטער צעוואַקלט אויף מאַכיקן דריקל, —
שטייסט ווי אויף ליכטיקער, אייגענער שוועל
דאָ, אויפן הייליקן, הילצערנעם בריקל.

שטום און אָן ווערטער, מיט מיסטישן כתב, —
זיבן די נעמען, נאָר זיבן מאָל זיבן,
ווי אַ געכפּלטער נייער באַשאַף,
איז זייער טויט אויפן בריקל פאַרשריבן.

אַקערט דאָ איינער, דער ווינט גיט אַ שטיף,
דרייט אים די האָר ווי פלאַקסעדיק שטריקל, —
גאָט, גיב מיר שטילקייט אין גשר הזיוו,
דאָ, אויפן הייליקן, הילצערנעם בריקל.

א. אַלמי

איך בין איינס מיט דיר

א

מיין וויג געשטאַנען איז אין פּוילנס הויפּטשטאָט וואַרשע,
נאָר וואַרשע איז געלעגן אויפן חומשדיקן שליאַך;
די טעג אין וואָכן — ווי אַ פּרשה נאָך אַ פּרשה,
ווי בלעטער פון תנך.

דער הימל איבער מיר — מיט שטערנליכט מיליאַרדן —
באַלויכטן האָט דעם שווערן דורותדיקן גאַנג;
די ווייסל האָט פאַר מיר געפלאָסן, ווי דער ירדן —
מיט תהלימדיק געזאַנג.

ב

ווי ס'איז אין יעדן קלאַנג דער סוד פון אַלע לידער
און ווי אין יעדן וואַסער-טראָפּן איז דער ים,
אַזוי ביסטו אין מיין געמיט, אין מיינע גלידער —
דו לאַנד פון עבֿרים-שטאַם.

איך האָב געטראָגן דיך אין זיך, ווי גאָטס פּיקדון,
דורך אַלע גלותן — פון טיגרים ביזן רהיין;
און ס'האָבן דיינע טיפע הימלען און דיין באָדן
געגעבן זין מיין זיין.

דער איינס, וואָס כ'בין מיט דיר זינט מיינע קינדער-יאָרן,
איז אויסער שליטה פון פאַרגייענדיקער שעה;
ווי לאַנג דער הימל קושט דעם חרמון און דעם שרון
בין איך אַליין אויך דאָ.

ה׳ אייר, תש״ח

די שעהן — שעהן, אַנגעפּראַפּט מיט כח פון צוויי טויזנט יאָר,
מיט דבורהס ליד און איכה־צער און לידער פון חלוצים־דור —
זיי האָבן אימפּעטיק, ווי אייזבערג, ווען צעגליט אין זוניק ליכט,
ווי שרפה־פלאַם, וואָס שפּרינגט פון בוים צו בוים — אין וואַלד געדיכט —
אַראָפּגעלאָזט אויף מיר זיך מיט גערויש און רעש — אויף מיינע ווענט;
די שעהן, אויסגעבענקט אין סידור און אין פייערן געברענט,
די שעהן, ווען די וואָר ווערט חלום און דער חלום ווערט אַ וואָר,
ווען נס און חורבן שטייען אונטער גאולה־חופּה, ווי אַ פּאָר.

געשאַל פון שופרות פון די הרי־ציון און פון יעדן לאַנד,
ווי ס׳קלאַפּט אַ יידיש האַרץ און דאָרט, ווו קראָען קראָקען נאָכאַנאַנד
אויף דעם מיליאָנען־גרוב פון אונדזער פאָלק פון קינד און מאַן און ווייב,
אויף טויט, וואָס לעבט אַצונד אין איטלעכן פון אונדז, אין אונדזער לייב.
איך הער אין מיינע דלד אמות איצט דאָס מאַכטיקע געשריי
געמישט פון גאולה־יובלעריי און גרוילנדיקן גסיסה־ווי — — —
פאַרוואָס זיץ איך אַן איינזאַמער אין שטוב איצט, צווישן גרויע ווענט,
ווי כ׳וואָלט דעם אַלטן סיני־גאָט, דעם גאָט פון נסים ניט דערקענט?

צי האָב איך ניט מיט אַלעמען געהאָפּט, געבעטן און געגאַרט,
מיט אַלע דורות דורך נסיונות שווערע אויפן נס געוואַרט?
פאַרוואָס בין איך אַליין מיט זיך איצט און פאַראַבלט אין געוויין?
פאַרוואָס?... און כ׳שריי אַרויף צום הימל און נאָך מער צו זיך אַליין:
דער גאָט פון דער עקדה, וואָס האָט איובן מיט קרעץ געשענדט
און זעקס מיליאָן איובס היינטיקע ווי בלינדע שאָף פאַרלענדט,
דער גאָט, וואָס שפּרייט דעם וועג צום נס מיט מאַסנטויט אויף יעדן שפּאַן,
איז פרעמד מיר, פרעמד ווי ס׳איז מיר פרעמד דער ייד פון פעץ און קורדיסטאַן.

איך רייד צו זיך – איך בעט צו זיך – מיט תהלים-תפילהדיקן וואָרט:
אַנטלויף, אַנטלויף, געפּייניקטער, אַנטלויף פון דיין פאַראייַנזאַמט אָרט,
פאַרגעס דעם חורבן-וויי און טרייב פון זיך אַרויס דעם וויסטן טויט,
וואָס יאָמערט פון דיין בלוט אַרויס, פון דיינע נערוון און דיין הויט,
און לאָז זיך פריידיק אין אַ האָראַ-טאַנץ מיט יונג און אַלט אַצונד!
איך גיב מיטן גאַנצן כח זיך אַ ריס, ווי פון דער קייט אַ הונט – –
און פאַל צוריק צום דיל, ווי ס'פאַלט פון הויכן באַרג אַראָפּ אַ שטיין – – –
טרעט, טרעט מאַרשירערס, איבער דעם, וואָס בלייבט אין דורות-מאַרש אַליין.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

יינגעלע פון חומש

א געזאַנג פון ערשטע צייטן, הערט זיך ניגון, יונגע שטים —
זיצט אַ יינגעלע ביים חומש: — בראשית ברא אלהים.

ויהי ערב, ויהי בקר — אַוונט־פרי, כי טוב, ס'איז גוט —
ווייטער, ווייטער — קומט אַ הונגער, קנעכטשאַפט, מדברשער מאַרשרוט.

יינגעלע פון חומש. לערן: וווּנדער, וואַנדער, זון און בראַנד,
ציט אַ מחנה מיט אַ משכן, מיט אַ חלום פון אַ לאַנד.

מתי מדבר. איינער — קיינער, „גאָט — ער היט פאַר דיר דיין אַרב,
דו, נאָר זע דיין טרוים פון ווייטן, בלייב אין וואַלקנזייל און שטאַרב".

ניסים פון די אַלטע צייטן — שפּרינגט אַריבער טויט און מת!
יינגעלע פון חומש, זע נאָר, ווי עס בייט זיך נס אויף נס.

מישן זיך די אַלטע בלעטער, מישט זיך אויף אַ נייע בלאַט:
גייט אַ שיף איצט דורכן ים־סוף, גייט זי, שווימט זי קיין אילת.

פירט זי נאַפט אין פולע פעסער, פירט פון האָפענונג אַ פלאַם,
פאַר די קינדער פון ישראל, פאַר די ברידער פון מיין שטאַם.

טאַנצן איר די פיש אַנטקעגן, און די כוואַליעס — שפּרונג נאָך שפּרונג,
דוכט זיך, קאָפּ גאָר פון לויתן גיט זיך קיניגלעך אַ טונק...

גייט די שיף צום מפרץ שלמה, גייט זי דורך אַקאַבאַ־גאָלף,
און דער שונא אויף די פעלדזן הויערט, לויערט ווי אַ וואָלף.

שטאַמט דער שונא פון עמלק, שפּיז פון בלוטיקן אַגג, —
ייִנגעלע פון חומש, העכער שריי: חזק ונתחזק!

דאָ געזונקען איז דאָך פּרעה מיט זיין רייטוואָגן געשפּאַנט:
— לאָז די קינדער פון ישראל גיין צום צוגעזאָגטן לאַנד!

דאָ האָט דוד אויפגעפּעסטיקט אונדזער גרענעץ, אונדזער טיר —
און אויף האַרף געשפּילט צום בורא: — למנצח, מזמור שיר!

דאָ אַמאָל האָט מלך שלמה מיט זיין קענטשאַפט זיך געשטעלט,
אויפצוזעגלען זיינע שיפן צו די פעלקער פון דער וועלט.

דאָ האָט ער אַמאָל געמשפּט צווישן מאַמעס צוויי, פון זינד,
און געוויזן אַז די פאַלשע זי נאָר וויל צעשניידן קינד.

דאָ האָט ער זיך דאָך געלערנט פון די פייגל זייער שפּראַך
און גערעדט צו זיי מיט קלוגשאַפט, ווי עס זאָגט זיך אין תנך.

דאָ האָט שלמה אויפגעצויגן ווי אַ שטערן דודס פאָן
און געקיניגט לאַנג אין פרידן פון באר־שבע ביזקל דן.

ייִנגעלע פון חומש, ווייטער — ווי דער ים־סוף טיף און העל
לויכטן מעשיות פון פאַרצייטן — קיין זאַך, קיין זאַך ניט פאַרפעל.

הערט די מלכה שבא פון ווייטן פון זיין חכמה און זיין פּראַכט.
לאָזט זי זיך אין שיפן שווימען — שווימט דורך טאָג און שווימט דורך נאַכט.

און דער אויערהאָן צעפליגלט פליט פאָרויס — אַ רויטע פלאַם,
פירט ער זי דורך גוסן־פלוסן ביז צום ברעג פון אונדזער שטאַם.

ברענגט זי פּימסנהאָלץ פון קיטור, ברענגט זי טייערן געשטיין, —
קומט זי, זאָגט זי: — קיניג שלמה, וואָס דו ווייסט פון אַלץ דעם מיין,

וואָס פון דיר אין אַלע לענדער ריידן פעלקער אַ גערייד —
איך וועל רעטענישן פרעגן, הער און גיב מיר דעם באַשייד.

— זאָג, וואָס קומט אַרויס פון ערדן און ווי וואַסער גיסט זיך אויס,
קען אַ מאָל אָבער פאַרלענדן, אויפעסן דאָס גאַנצע הויז?

ענטפערט שלמה: נאַפט, ווי וואַסער, קוועלט פון טיף, פון טיפסטער שיכט,
נאַפט קומט אָן מיט מזל-ברכה, נאַפט קומט אָן מיט פרייד און ליכט.

אָבער אַז מען וואַרפט אַ פייער — ווײ צו רויבערישע הענט! —
קען דאָס הויז פאַרטיליקט ווערן — פונעם דאַך ביז פונדאַמענט.

זאָגט די מלכה: קיניג שלמה, ווייסטו נאָך און ווייסטו מער?
וואָס איז ליכטיקער פון שטראַלן, וואָס איז ריינער נאָך פון טרער?

ענטפערט שלמה: ליכט פון חכמה העלער איז פון יעדן שטראַל,
ליבשאַפט צו מיין פאָלק ישראל איז ביי מיר דער ריינסטער קוואַל.

חידות אַלטע, קומען נייע — ווער האָט פּתרון. ווער האָט פשט?
גייט אַ שיף איצט דורכן ים-סוף, גייט זי, שווימט זי קיין אילת.

ייִנגעלע פון חומש, דוכט זיך, ס'איז דער סוף שוין — תם נשלם,
איז געווען אַזוי מיט פעלקער, ניט אַזוי מיט אונדזער שטאַם.

איז פאַרגאַנגען דער באַפרייער, מיט דער קרוינונג פון דער זון,
אויפגעשטאַנען איז יהושע — „שטאַרק זיך, שטאַרק זיך, זון פון נון!"

מישט זיך סוף צונויף מיט בראשית, עפנט זיך דער אַלטער שליאַך,
ווי געזען האָט אין חזיון גרויסער נביא פון תנך.

אין די טעג פון אומקום, חורבן, ווילנע—וואַרשע — טרערן־טייך,
איכה ישבה בדד — יאוש קומט מיט האָפענונג צוגלייך.

אין די טעג פון דיינע יאָרן, וואָס מיט טרויער זיינען זאַט —
גייט אַ שיף איצט אויפן ים־סוף, גייט זי, שווימט זי קיין אילת.

בלוי־אויגיקע קינדער

די הימלען:
בלוי־אויגיקע קינדער.
פֿאַרשפּיל איך מײַן בליק אין די קינדער.
און טרעפֿט זיך:
מײַן בליק שלאָגט זיך אָן אָן בערגיקע שפּיצן,
וואָס וויגן זיך אום אין די הייכן;
דערזע איך:
בלוי־אויגיקע קינדער,
מיט לאָקן צעוואָרפֿענע
און ניט אויסגעקאַמטע,
וואָס קוקן אויף מיר ווי יתומים.

די הימלען:
בלוי־אויגיקע קינדער.
און בערגיקע שפּיצן,
ווי לאָקן צעוואָרפֿענע
און ניט אויסגעקאַמטע.
פֿאַרשפּיל איך מײַן בליק אין די קינדער
און שפּילנדיק הער איך:
די ציטריקע טריט פֿון אַ מאַמען,
וואָס בלאָנדזשען
און קאָנען דעם וועג ניט געפֿינען.

און שפּילנדיק פֿיל איך,

אַז אַט־אַט, און זי וועט אַ ווייסע
אַהער זיך באַווייזן,
אין איין האַנט אַ גאָלדענע קאַם וועט זי האַלטן,
די צווייטע געשטרעקט צו די קינדער,
און אַט־אָ־די לאָקן, צעוואָרפּענע
און ניט אויסגעקאַמטע,
וועט זי אַזאַ גוטע
פֿאַרגלייכן, פֿאַרקאַמען.

אַ בלודנע שאָף

און אַט אַזוי איז דאָס געווען:
אַ בלודנע שאָף
האָט אויף אַ פֿעלד אַ וואָלף דערזען.

עס פֿאַלט דאָס בוך אַרויס פֿון מיינע הענט
און לייגט זיך אויף די קני,
און גלייך אַ כּישוף־שטעקעלע
וואָלט זיך געטאָן פֿאַר מיר אַ צי
און מיינע אויגן מיר פֿאַרבלענדט,
איז מער ניטאָ פֿאַר מיר:
דאָס בוך, דער טיש און אויך דאָס הויז.
נאָר אַזאַ ווייסע־נאַכטיק־דרעמלדיק לאַנד
שפּרייט כּישופֿדיק פֿאַר מיר זיך אויס.
און כאָטש איך בין אין אָט דעם לאַנד
דאָס ערשטע מאָל אַצינד,
איז דאָך מיר אַלץ דאָ פֿיינלעך נאָענט און באַקאַנט
איך ליג אַ שווינדיקער אויף דער ערד
און הער זיך איין

צו עפּעס אַזאַ אומעטיק געוויין,
וואָס הייבט זיך אויף פון טאָל
און ווערט צעגאַנגען אין דער נאַכט,
און הערנדיק,
צעוויינט זיך אויך אין מיר מיין האַרץ.
עס דאַכט זיך אויס,
ווי אַלץ אַרום
וואָלט עמעצן באַקלאָגט,
און אַט דער עמעצער
איז לאַנג, שוין לאַנג צוריק
אַמאָל,
אַמאָל
פון נאָך אַן עמעצן
געוואָרן, ווי אַ הונט פאַריאָגט;
און ערגעץ אין אַ וויַיטן לאַנד
זיצט דער פאַריאָגטער ווּ, ווי איך אַצינד
און טראַכט
פון עפּעס, וואָס איז ווען
אַמאָל,
אַמאָל
מיט אים געשען: —

אַ בלודנע שאָף
האָט אויף אַ פעלד אַ וואָלף דערזען.

א. לוצקי

מדינת ישראל

ווער האָט אונדז צוריקגעגעבן אונדזער לאַנד ישראל?
די פעלקער און די לענדער?
— ניט אַלע, ניט איינער, ניט קיינער.

ישראל האָט צוריקגעקערט ישראל —
צו ישראל.

האָט פּאַסירט אַ נס מיט אונדזער פאָלק ישראל?
— ניט קיין נס, און ניט קיין כּישוף
אין דעם לאַנד פון אונדזער ישוב.

ווער דאַרף זאָגן „על הנסים"?

— אַראַבּאַנער,
סיריאַנער,
יאַרדענאַנער,
איראַקאַנער,
עגיפּטאַנער,
און די רעשט דאָרט פאַראַנער.

אַלע יענע פעלקער דאַרפן זאָגן „על הנסים".

על הנסים — וואָס ישראל האָט פאַרהיטן זייערע לעבנס.
על הנסים — וואָס ישראל איז דער הערשער אין ישראל.

על הנסים — וואָס ישראל וועט באַגליקן יענע פעלקער.
אַלע יענע פעלקער דאַרפן זאָגן „על הנסים".
מיר, ישראל, זינגען: „על ישראל".

על החכמה,
על התורה,
על העבודה,
על הגבורה,
בישראל.

אונדזער ווילן —
שאַפט.

אונדזער גלויבן —
האָפט.

פאָלק געליטנסטער,
פאָלק געלייטערטסטער.

מיר, ישראל, זינגען: „על הנסים".

פאָלק צעשפּרייט אין אַלע לענדער —
זאַמלען איין אין לאַנד ישראל.

אַלע וויסנס פון די לענדער —
זאַמלען איין אין לאַנד ישראל.

לאַנד ישראל איז דער מזרח
פאַר דער וועלט פון אַלע פעלקער.
אונדזער מדינת ישראל.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

ירושלים

אויפֿן גרענעץ פֿון אין־סוף
שטייט די שטאָט ירושלים.
האַלב של מעלה,
האַלב של מטה,
בשותּפֿות מיט מלכות שמים.

פֿעלדזן־בערג באַשיצן זי,
ווייסע שטיינער זאָגן תּהילים
מדבּרדיק און אימהדיק
מיט גרויע בערד פֿון די נפֿילים.

פֿאָרט מען אַהין טויזנט יאָר
און מען קומט כּהרף עין —
שטייט אַ שטאָט
ווי אַלע שטעט —
און דאָס איז ירושלים.

שטייט מען שוין אין מיטן שטאָט
און מען בענקט קיין ירושלים.
וויל מען וויינען — קאָן מען ניט,
ווייל ס׳איז דאָרטן גרויס די שמחה.
וויל מען לאַכן — טאָר מען ניט,
ווייל דער הימל דאַוונט מנחה.

שטייט אַ מענטש, און וויים ניט ווו,
און אַלע ביינער זיינע זאָגן:
גרויסער, רחמימדיקער גאָט,
שווער מיט דיר אַ שותפות טראָגן.

אַ גאָט בארוטע שטייט ירושלים,
אַ פאַרברענטע — בליט זי אין די תפילות,
אַ פאַרלאָזטע — היטן זי די היילן,
הונגעריקע פעלקער קומען צו איר ברויט אנטלייען,
און דער פיטערער, דער מלך,
וואַכט איבער די קרוינען
פון ירושלים.

און ווען באַלאַגערט איז די שטאָט
גייט דאָס פאָלק ישראל שורה נאָך שורה —
ווילנע, ניו יאָרק און עין־חרוד
אויסלייגן דעם כביש פון גבורה.
און שבעים לשון ווערט געהייליקט
און שמע ישראל — איז יעדער שמועס.
און יעדעם וואָרט — איז אַ קאַפּיטל תהילים
און יעדער אות — אַ צייכן פון נבואות.

ותחזינה עינינו — עס איז נעכטן געווען.
מיט פאָרכט און מיט ווייטיק דעם וווּנדער געזען
עין בעין
אויפן גרענעץ פון אין־סוף
אין ירושלים.

אַ קאַפּיטל תהלים

איבער מדבר־זאַמדן אַנגעגליטע
גייט אַ ייד אַ באָרוועסער פון ליטע
מיט אַ בליק אַ בלאַנדזשענדיקן, שטילן
און ער זאָגט זיין אייגענעם קאַפּיטל תהילים:

גאָט, עס איז אמת דיין ערד איז דאָ הייליק,
טאָ פאַרוואָס איז מיין יעטווידער טראָט מיט יסורים?
און דיין פאָלק — אויסדערוויילט, דיין פאָלק איז אייביק —
נאָר איך בין אַ בלעטל געיאָגט פון אַ שטורעם?

און דיין הימל איז בלוי, ווי מלאכים
זאָלן אויסשפרייטן אים מיט די פליגל,
טאָ פאַרוואָס איז דאָ נאַקעט מיין גוף,
אָן אַ שטוב, אָן אַ דאַך, אָן אַ ריגל?

און גאָט האָט זיין פשוטע תפילה דערהערט
און גערופן צו אים פון אַ שטיין אין די זאַמדן:
קום, לעג זיך אַן,
ווי ס'האָט יעקב געטאָן
אין אַן עלנטער נאַכט אין זיין וואַנדער.

דער באָרוועסער ייד איז געפאַלן צום שטיין,
צום אייביקן קישן פונעם מענטש אין דער נידער.
די ערד אַרום אים האָט געטראָגן געוויין,
פאַר חורבנס אַ סך, און פאַר פאַרעלנדטע ברידער.

פאַרביי אים האָבן גאוותדיק רעדער געפייפט,
געפירט חכמה און עזרה און רחמים און בינה.

און דער באַרוועסער ייד האָט זיך געטוליעט צום שטיין,
צום אייביקן קישן פון יעקב אבינו.

די ווייסע ציג פון כפר סבא

די ווייסע ציג פון כפר־סבא
האָט באַוויזן וואונדער:
זי האָט געגעבן מילך פאַר כפר־סבא
הונדערט קוואַרט און נאָך אַ מאָל הונדערט.

איז מען געקומען
מיט טעפּ און מיט קריג
און געשעפּט און געשעפּט
פון דער מילכיקער ציג.

איז מען געקומען
מיט עמערס אין ריי,
די קינדער פאַרויס
און די מאַמעס נאָך זיי.

און מען טרינקט,
און מען שלינגט,
און מען קוויקט זיך ביז גאָר,
אַז עס וואַקסן ביי קינדער
גאָר העלער די האָר.

איז מען געקומען פון דאָרף
און פון שטאָט
זען די שמחה, די גדולה,
איז מען געקומען אַזש פון ירושלים
און אַ שליח געשיקט פון עפולה.

אַז ער האָט געגרייכט אין עמק צוריק,
זיינען מענטשן געגאַנגען, געלאָפן אים הערן,
און ער האָט דערלאַנגט אַ באַריכט פון דער ציג,
אַז זי פיטערט זיך דעמאָלט, ווען עס שיינען די שטערן.

און אין לענדער מרחקים, ווו נאָר אַ יידישע שטוב,
האָט קינד און קייט, טאַטע-מאַמע, און זיידע, און באָבע,
דערציילט און דערציילט, און אַ שמחה געמאַכט
לכבוד דער ציג פון כפר-סבא.

מען האָט פאַר דער ציג אַ שטעלכל געבויט, —
אַ ציגענער פּאַלאַץ ביזן הימל, —
מיט אַ שייבל אין דאַך און אַ לעכל אין טיר,
און צוועלף קאַמערם פאַר קעזלעך מיט קימל.

און די ציג האָט זעקס ציגעלעך קליינע געהאַט,
אַלע ווייסינקע, ווייסינקע סאַמע;
און אַלע זעקס זיינען מילכיקע ציגן געוואָרן,
יעדע איינציקע פונקט ווי די מאַמע.

און די ווייסע ציג האָט באַקומען אַ קרוין
פון בלימעלעך רויטע און ראָבע,
און יעדן ראש-חודש שפּאַצירט זי אַרום
אַ געקרוינטע אין מיטן כפר-סבא.

איז די משפּחה פון דער ווייסער ציג
סאַמע יחום און גדולה אויף דורות להבא.
אלה תולדות — דאָס איז די געשיכטע פון דער ווייסער ציג,
פון דער ווייסער ציג פון כפר-סבא.

קמץ אַלף

איך בין אַ האַלצהעקער,
אַ וואַסער־טרעגער אין ישראל,
און האַק די שווערע עברי
פון די שווערע טעג.
קמץ אלף, קמץ בית,
גימל, דלד, יוד און למד.
טייטל איך די שווערע עברי
פון די שווערע טעג,
ווי אַ דרדקי מלמד.

אָטאָ גייט אַ צאַברעלע —
אַ קליידעלע אַ ראָזע,
פאַרשרייב איך דאָס אין פשוטער
און וואָכעדיקער פּראָזע.

אָט רייט אַ ייד אַ תימנער,
זיין אייזעלע איז קליין און דאַר,
פאַרשרייב איך דאָס מיט ערלעכקייט
ווי עס האָט געהייסן גאָט, מיין האַר.

און אָטאָ אַ קיבוצניק גייט,
אַ למד־וואַיק מיט פייערדיקע האָר,
פאַרצייכן איך מיט רשי־כתב
דעם ערשטן וואונדער פון אַ דור.

די עמערס מיינע זיינען פול,
די אַקסלען זיינען שוואַך,
און אָפטמאָל ציטערן די הענט.

איך רוף דעם געטלעכן הלוי:
קום מיט דיינע אייזערנע קאַראַמיסלעס,
און שטעל מיר צו אַן אָנשפּאַר
און אַ לענד.

און ער באַווייזט זיך
אויף דורות-ווייטן האָריזאָנט.
ער פאַלט פון שווערער ליבשאַפט,
נאָר איך הער ניט זיין געשריי.
מסתם איז ער געקומען
דאָרט ווו מען שטאַרבט פון גליענדיקן קוש,
מסתם איז ער געקומען —
צום שפּיץ פון באַרג נבו.

אין לאַנד ישראל

כ'בין געקומען אין דעם לאַנד ישראל,
האָט אַ פּאַסטעכל אַ מתנה מיר געגעבן —
אַ שאַלעכל אַ הימל-בלויען
כ'זאָל אים טראָגן דאָס גאַנצע לעבן.

און ער זאָגט: מיין אייגן שאָף געשאָרן,
און ער זאָגט: מיין אייגן וואָל געוועבן —
אַ מתנה פאַר אַ בת-ישראל,
זי זאָל עס טראָגן אויפן גאַנצן לעבן.

כ'וויל אים דאַנקען. כ'בלייב אין שרעק,
מיין אָטעם אַ דערשעפּטער —
עס שטייט אַנטקעגן מיר אַ מלך
און אין האַנט האַלט ער אַ סצעפּטער.

ווײל איך פֿאַלן אין געבוקונג,
ווי מען מוז דאָך פֿאַלן פֿאַר אַ מלך;
שמײכלט ער צו מיר אַ וווּנדערלעכן שמײכל,
און ער זאָגט דערהויבן און פֿאַמעלעך:

כ׳האָב לאַנג אויף דיר געוואַרט,
געוואָלט דיך זען, דײן שטים דערהערן.
ניט וווּנדער זיך — דער פֿאַסטעך־שטעקן אין מײַן האַנט,
קאָן יעדן טאָג אַ סצעפּטער ווערן.

דאָס איז געווען לעם שטעטעלע רחובות,
אַ סימן — דער פּאַסטעך איז לעם מיר פֿאַרבײַגעגאַנגען,
אויף אַ גרויען שנירל דער פּאַסטעך־שטעקן
אויף זײן הויכן אַקסל איז געהאַנגען.

און נאָך אַ סימן: דאָס שטעטעלע רחובות,
און אַרום אַ יידיש לאַנד,
און דאָס שאַלעכל דאָס הימל־בלויע
וואָס ליגט נאָך איצטער אויף מײַן האַנט.

י. מ. ניימאַן

אַ ישראל־פּאָעט ברענגט אַ ליד

ער קומט מיט שטויב פון די וועגן,
מיט שטאָלענער קראַפט אין די מוסקלען.
מיט זיסער מידקייט אין גלידער
און ברענגט אַ פּעקל לידער.
קוקט אים נאָר אָן! —
האָט גאָרניט קיין יידישע מראה,
זעט אוים ווי צען גויים, רחמנא ליצלן.
אַ קוטשמע האָר ווי ביי אַן אַפּאַש,
וואָנצעס געפוצט ווי ביי אַ בעדואינער.
ס׳פּנים — צעאַקערט און ווונדערלעך אָפן
און אויף די ליפּן — אַ נאָך מער אָפענער שמייכל.
כאַקי־הויזן. האָר אויף די פּיס,
ווי ביי אַ באַוואָקסענעם בער.
דאָס העמד צעכראַסטעט, די הויט צעשיילט.
„איך בין דאָרשטיק!״ — איז דאָס ערשטע וואָרט פון דיכטער.
גייט צום קראַן, בייגט דעם קאָפּ,
די טראָפּנס גיסן זיך אַריין אין קעל,
און ער זשליאָקעט און באַלעקט זיך פונעם וואַסער,
ווי אַ געניטער שיכור פון י״ש.
מיט די פינגער ווישט ער דעם שוויים פון פּנים
און די טראָפּנס פונעם מויל.
אַזוי אומדערצויגן — אַ פּחד און גרויל.
ער נעמט אַראָפּ דאָס שטויביקע רענצל פון רוקן
און וויקלט עס פּאַוואָליע אויף, מיט אַ „סדר״,

ווי אַ באַלעבאָסטע אין קאַמאָד די קליידער.
ער נעמט אַרויס די מימיה, דעם קליינעם וואַסער־ברונעם,
און גיט אַ זופּן.
און דערנאָך אַ פּאַרביקע מושליע פון אילת,
און ס׳שפּילן זיך אין דער מושליע
די רויזן און קאָלירן
פון ששת ימי־בראשית.
ערווישט דעם שווייס, און דער שווייס איז
אים זיס, ווי די ערד, וואָס פּרייכט
און דאַמפּט פון טוי און עס ווערט איר לייכט.
דערנאָך וויקלט ער אויס פון רענצל אַ פליגל
פון אַן אָדלער, וואָס ער האָט ווי אַ געניטער יעגער
אַראָפּגעשאָסן אין מיטן פלי.
ער וועט דעם פליגל־טראָפּיי באַווייזן
אויפן געלעגער זיין מיידל
און לאַכן און דערציילן וווּנדער פונעם פאַנג
און צעטרילער׳ן זיך מיט אַ ווילד געזאַנג;
וואָס פאַר אַ פלי מיטן דזשיפּ, יאַבאַיע, *
דראַפּען זיך אויף בערג,
און טראַמפּלען איבער תהומען.
אַ מחיה.
אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען.
מען שעפּט נחת און מען קוועלט.
מען האָט זיך שיער ניט אַריבערגעקייקלט
אויף יענער וועלט.
אַ מחיה צו לעבן אין שפּיל מיטן טויט.
און קלעטערן, שפּרינגען ווי אַ ווילדע אינד.
אַזוי איז שוין אַן ארץ־ישראל־קינד.

* אַן אויסגעשריי פון התפעלות (אין אַראַביש)

(ווי זאָגט די באָבעשי:
אָט די „באַנדיטן" וועלן בויען אַ יידישע מדינה?
פריער וועלן זיי חרוב מאַכן אַ גאַנצע וועלט).
דער יונגער פּאָעט ציט אַרויס פון רענצל
אַ פּאַפּיר, צעקנייטשט, צעקנאָדערט
מיט געשריפטס ווי קאָטשערעס.
ווען האָט ער דאָס ליד געשריבן?
פליענדיק אין דזשיפּ
צי ביים ליכט פון דער מדורה,
האָט ער דאָס געבראָקט אַ שורה נאָך אַ שורה?
ער דערלאַנגט דאָס ליד דעם רעדאַקטאָר אין האַנט,
און זאָגט חוצפּהדיק און זיכער:
— נאַ!
און ס'נעמען ציען ווייטער זיינע טריט.
ער טראָגט זיך אָפּ מיט אַ להית...*
און לאָזט איבער אַ וויכער.

איך האָב דאָס ליד ניט געלייענט,
אָבער פאַרוואָר,
פון די ווערטער שפּרודלט מיט הייסן בלוט.
ס'וועט קומען אַ טאָג
און דער לויב פונעם פּאָעט וועט שאַלן,
און זאָגן וועט דאָס פאָלק:
דאָס ליד איז גוט.

* להית... (ערשטער טייל פון וואָרט „להתראות" — צום ווידערזען).

שטיל און פשוט

דאכט זיך אַזוי שטיל און פשוט:
אָפּגעגעסן און פאַרקאַמט זיך,
און אַ קוש געטאָן דער מאַמען —
און אַ האָרעלע פאַרזאַמט זיך.

דאכט זיך אַזוי שטיל און פשוט:
אונדזער ברכה מיטגענומען;
אויסגעקושט „שלום" דער מאַמען —
און שוין ניט צוריקגעקומען.

גייען זעלנער

גייען זעלנער, ציען זיך פאַרשוויגן —
דו, מיין קינד, דו גייסט שוין אין דער ריי ניט.
ביקסן זינגען אויס אַ שטומען ניגון, —
דו ביסט שוין, מיין קינד, מיט זיי ניט.

זעלנער קלעטערן און שפּרינגען מיט געזאַנגען, —
צום נצחון וועלן זיי דערגרייכן.
דו, מיין קינד, נאָר ביסט שוין ניט דערגאַנגען
און דו זעסט שוין ניט דעם צייכן.

קומען זעלנער נאָך צוריק צו היימען, —
דו נאַר, קינד מיינס, ביסט ניטאָ שוין.
פון אַוועקגאַנג און ניט־שרעק־גאַנג דעם געהיימען,
הערט זיך שוין ניט מער דיין לשון.

עפנט זיך אַ טיר דאָ און פאַרמאַכט זיך —
קומסט ניט און דו ביסט ניטאָ מער.
עפנט זיך די טיר און ס׳דאַכט זיך, דאַכט זיך:
טאָמער?

די ראַדיאָ שפילט?

„די ראַדיאָ שפּילט?"
„די ביכער גאַנץ אין אָרדענונג?"
די ערשטע פראַגן דיינע
אין שטוב ווי דו ביסט נאָר אריין.
געוויס, מיין זון — אין אָרדענונג,
ווי קאָן עס אַנדערש זיין?
די ביכער דיינע בלעטערט שוין ניט קיינער,
ס׳קוקט קיינער ניט אין זיי אריין,
מען קומט זיי ניט אַנטלייען...
פאַרשלאָסן איז דיין ביכערשראַנק,
וואָס איז אַן ארון־קודש
פאַר טאַטע־מאַמעס טרערן,
אַן ארון־קודש, וווּ עס לאָזט זיך הערן
דיין נאָמען אין אַ שטיל געבעט...
און אויך די ראַדיאָ איז אין אָרדענונג,
נאָר שפּילן שפּילט זי שוין ניט מער
די מאָרגן־מעלאָדיען,
וואָס פלעגן צערטלען דיין געהער

ווען דו פלעגסט אויפשטיין אין דער פרי:
די שירי־ציון,
די היימלאַנד־לידער,
וואָס פלעגן דיך מיט זייער ניגון
יעדע נאַכט פאַרוויגן...
מען הערט שוין ניט דאָס ליד פון „מיין כנרת",
וואָס דו האָסט מיטגעזונגען מיט דיין זיסער שטים.
די ראַדיאָ שווייגט. די ראַדיאָ שטומט.
זי טרויערט דאָ מיט אונדז צוזאַמען,
מיט דיין באַטריבטע טאַטע־מאַמען.

מלך ראַוויטש

נאַכט פון תחנון און בטחון איבער תל־אביב

(פראַגמענט)

ווי אַ מאַמע, וואָס טוליעט דאָס לעצטע קינד אירס,
ווען אין שטאָט גייט אַרום די קינדערפּעסט,
האָט די שטילקייט געטוליעט די שטאָט
פעסט צו איר ברוסט און געמורמלט
מיט דינע מולד־ליפּן,
זילבערוויים פון זאָרג און שרעק —
איר תפילה, איר סוד
אין די אויערן פון גאָט.

מיט לעצטע, שטילע זיפצן האָט געאומרואיקט נאָך
דאָס קינד, די שטאָט,
די יינגסטע פון אַלע יידישע שטעט,
די אויסגעבעטענע אין לעצטער האָפענונג,
מיזינקע תל־אביב.
און שוין האַלב אין שלאָף
געשעפּטשעט — לילה טוב — — —

האָט אין יענער רגע פון די דרום־מערב־הימלען, פון יפוער נמל,
אַ פּייף געטאָן אַ שטראַל
פון קלאַנג און רעש;
אַ גרום פון ווייטע וועלטן־ברידער,
אָנשווימענדיקע מיט אַ שיף.

אָבער די מיזינקע אין דער מאַמעס אָרעמס
איז שוין געווען אין שלאָף פאַרזונקען טיף.

צוויי שאָטנס אונטער מיין באַלקאָן,
אַ סאַברע־יינגל און אַ סאַברע־מיידל
האָבן, קלאַנגלאָז און פלינק
זיך צעזעגנט,
ער האָט שוין פון ווייט אַ חוצפּהדיקן פייף געטאָן,
זי איז ביי איר פענצטער שוין געשטאַנען, ווי אויף פליגלען גרינג.
עס אַ צינד געטאָן,
און ס׳ליכט האָט, ווי מיט דינעם נאָדלשפּיץ
אויפן שוואַרצן טאָוול פון דער נאַכט
געטאָן אַ העלן קריץ.

ווילד און גיך און ראַשיק, דורך די שלעפעריקע גאַסן,
גיט אַ וואַלגער זיך שווער־לידיק און שווער־לייביק דער לעצטער אויטאָבוס
און רעדערט גיך זיין גרוס:
להתראות
מאָרגן אין די קליינע שעהן, ווען אפילו גאָט
וועט שלאָפן נאָך —
נאָר קיינער ענטפערט שוין ניט מער.

ערגעץ אין שוואַרצן גאָרטן, אונטן
אין געדיכטע ביימערקרוינען,
שוועבן שאָטנדיקע, שטנדיקע פלעדערמייז,
וואָס וווינען
אין די צווייגן מחנותווייז,
אויפגעשראָקענע פון לעצטע, שאַרפע ווערטער פון אַ פּאָר,
וואָס באַהאַלט זיך, פּונקט ווי זיי,
צוליב אַ סודותדיקער סיבה,

אין דער פינצטערניש
מיט זייער ליבע.

אויף אַ ווייטן לעצטן, איינזאַמען, ליכטיק נאָך געבליבענעם באַלקאָן,
ווי אַ לאָמפּ
אויפגעהאַנגען אויף דער וואַנט פון דער נאַכט,
לייגט עמעץ צונויף אויסגעשפּילטע קאָרטן
און געגעצט אַרונטער
אין פינצטערן גאָרטן,
ווו צווישן שלאָפנדיקע רייען ביימערקעפּ
שימערן קוים-קוים
שיטערע שטעפּ
פון קליינע גאַס-לאַמטערנעס.

איינגעטונקען אינעם טונקל האָט די וועלט זיך —
און נאָר ערגעץ אויפן ראַנד,
ווייט-ווייט, אַזוי ווייט,
אַז אפשר שוין אין אַן אַנדער לאַנד,
נאַכטיק לויערנדיק מיט חשד,
ראַדיאָ-טורעמס לייכטן,
רויט
געצונדן,
שטערן מיט בלוטנדיקע ווונדן;
און ווינקען און וואָרענען, אַז ניט אָפּגעשאַפט איז נאָך
פון דער וועלט דער האַס פון ברידער,
וואָס איז נאָך פינצטערער ווי פינצטערסטער טויט.
און דערווייל קומט נענטער חצות
און אַלץ האָט אַן אַנדער פּנים באַקומען.
— — — — — — — — —
און געבליבן זיינען איצט
אין דער גאַנצער שטאָט

און אפשר אין דער גאַנצער וועלט,
דריי,
וואָך,
פּאַרטאָן אין אייביקן וויכוח:
אלוה,
אויפֿן גרויסן וואָגן אין הימל,
וואָס איז איצט געשטאַנען מיט די רעדער אַרויף,
ווי איבערגעקערט
פֿון אַ ווילדן געיעג.
און זיינע אומגעזעענע פֿערד
רייסן אַראָפּ, אַראָפּ דעם האָר פֿון הימל
צו דער ערד.

און אין קליינעם וואָגן
סנדלפֿון, דער מלאך פֿון פֿייער, דער גלגול
פֿון נביא פֿון פֿייער,
דער אייביקער סניגור
צווישן אלוה און זיין קינד —

און אונטן,
אויף זיין פֿינצטערן פֿענצטער־באַלקאָן,
אַן אַלטער משורר אַ ייד,
דער בעטער, פֿול מיט אייביקן בטחון,
פֿון דעם דאָזיקן תּחנון
אויף תּל־אָביב,
דער שרייבער פֿון אָט־אָ דעם ליד.

און אַוועק זיינען שעהן, ווי רגעס גרינג,
און רגעס, ווי שוואַרצע שעהן שווער,
און ווידער אַ שעה ווי אַן אויגנוווּנק,
און ענדלעך האָב איך פֿון פּנים אַראָפּ

גענומען די הענט
און צונויפגעלייגט זיי ווי אַ שאָל אויף אַ דאָרשטיקן טרונק
פון אַ דינעם קוואַל,
און מיט מיין ברענענדיק מויל האָב איך
ווערטער ווי ווידוים אין לעצטער היץ
אין איר אַריינגעגליט,
און אַ ווינט איז געקומען און האָט זיי געבלאָזן אַרויף,
וואָרט־איין און וואָרט־אויס,
און האָט זיי אין שוואַרצן לוח פון הימל געקריצט,
און סנדלפון אינעם קליינעם וואָגן
האָט זיי, וואָרט־אויס און וואָרט־איין,
פאַר כביכול פירגעטראָגן:

אוי,
אלוה, אלוה,
אויב דיין שׂר פון מות האָט טויזנט אויגן,
האָסטו, שׂר פון חיים, טויזנט מאָל טויזנט —
עפן זיי אויף און צייל
אין אָט־אָ דער שטאָט די נפשות חמשים רבוא,
עפן און זע
ביי יעדן קאָפּ, וואָס דאָ ליגט אין שלאָף,
צוועלף שאָטנס זיך וואַלגערן און וואַרפן
אין אייביקן נע־ונד אויף די שטיינער לעבן דעם בעט.
אויב דו קענסט ציילן — צייל,
אויב דו קענסט פאַרשטיין — פאַרשטיי,
אויב דו קענסט פילן — פיל,
אויב דו קענסט היילן — הייל!
און אויב דו קענסט זיין גערעכט — זיי גערעכט,
און אויב דו קענסט זיין גוט — זיי גוט,
ווייל ווי עס איז שטאַרקער פון מענטש — זיין בלוט,
און ווי עס איז שטאַרקער פון מלאך — די צייט,

אַזוי איז איבער דיר
דאָס געבאָט, וואָס איז פאַרן ערשטן געבאָט,
און זיין נאָמען איז גערעכטיקייט.
און דאָ איז דאָס אָרט,
און איצט איז די צייט.

זע, מיין האַר,
יעדער גרעסטער חכם אויף דער ערד,
און יעדער גרעסטער נאַר
פון דער ערד פאַרשטייט עס שוין,
זאָל דאָס מעגלעך זיין, אַז דו, די קרוין,
פאַרשטייסט
עס ניט,
אַז דיין אייגן בלוט און דיין אייגענער גייסט
איז אין אָט די צוועלף שאָטנס ביי יעדן קאָפּ אויף דער ערד
פאַרגאָסן געוואָרן, געוואָרן פאַרברענט?
און ווייסטו דען ניט, וואָס אַ קינד שוין ווייסט,
אפילו אַ קינד אין שלאָף,
אַז אַזאַ מין פאַרברעכן האָט ניט קיין שטראָף,
ווי אַזאַ צער — ניט קיין טרייסט.
זיי לעכצן נאָר, די חמשים רבוא
אין אָט אַ דער שמאָט,
נאָך רו!
גיב זיי די רו!

דיין אַלטע וועלט איז שוין מיד
און קלוג גענוג,
מיד איז די וועלטנשיף,
וואָס דו ביסט איר ערשטער פּאַסאַזשיר,

און דער צווייטער איז אדם, און דער דריטער איז ייד;
זי וויל שוין פֿאַרוואַרפֿן דעם אַנקער,
פֿאַרוואַרפֿן אין אַזאַ מין טיף,
אין לעצטן האָפֿן —
אין תּל-אביב,
אַז ער זאָל קיינמאָל שוין מער ניט אַרויס.

אוי גאָט,
ווען אַלע פֿענצטער אפֿילו,
אין דער-אָ גלוביקער שטאָט,
וואָס שטייען איצט אָפֿענע, שטילע,
וואָלטן ווי אַלע וועלטשטעט איבערנאַכט
געשטאַנען פֿאַרמאַכט,
וואָלסטו דאָך מיט דיין אויג, וואָס לא ינום,
דיין אויג, וואָס וואַכט,
אַלץ דערזען;
אָבער דאָ זיינען אַלע פֿענצטער אָפֿן
מיט אַזאַ מין הפקרדיק, האָפֿערדיק פֿאַרטרויען —
אויף וועמען, וועמען — אויב ניט אויף דיר,
און דעם וואָס איז איבער דיר,
און האָט נאָך וויניקער דמיון, ווי דו,
נאָר פּשוט איז
גערעכטיקייט.

אָ, זע דאָס תּמימותדיקע שלאָפֿן
פֿון שוואַנגערע פֿרויען
אין אָט דער שטאָט. דערהער אין זייער טיפֿן אָטעם דאָס פֿאַרטרויען
אין דיר און אין דעם, וואָס איבער דיר;
זיי שלאָפֿן ווי זיי וואָלטן אַליין געווען
זייערע אייגענע, נאָך ניט-געבוירענע קינדער.
בייג דיך טיפֿער איין און הער,

אַ חלק שאַרפֿט דאָ נאָענט ווער,
און אַ צווייטער שאַרפֿט אַ ברכה.

באַשיץ און באַהיט,
אַז זיי זאָלן זיך ניט אויפֿכאַפּן אין מיטן נאַכט,
ווי פֿון אַ מראה, געבאָדן אין אַ קאַלטן שווייס —
געבאָדן אין וואַרעם בלוט
פֿון אַ פּלוצלינגען איבערפֿאַל
פֿון ברידערהאַס.
שפּרייט אויס אַ קאָבריץ פֿון רו,
און שפּרייז אויף אים אַהער, און שפּרייז אויף אים אַהין,
און פֿאַרגיי מיט דיינע געטלעכע טריט
דעם שרעקלעכן ריס, דעם געפֿערלעכן שניט
צווישן ברודערפֿאָלק און ברודערפֿאָלק.
וויל זיין דער,
וואָס מיר האָבן דיך
באַשאַפֿן אויף דער ערד
און געשיקט אין הימל.
וויל זיין גאַנץ פּשוט גוט!
פֿיר די האַנט פֿון אַלע דיינע קינדער
אייביק צום אַקער און קיין מאָל צו דער שווערד.

ל. אָליצקי

ירושלים

איך האָב אין דעם געבירג וואָס רינגלט דיך אַרום
באַטראַכט די פעלדזן-בלאָקן איינגעקלאַמערט שטום,

פאַרביסן איינער אין דעם צווייטנס ברוסט און שווים.
אַ ווילן אַ האַרטנעקיקן זיי שטומען אוים:

מיר ווילן עקרם בלייבן, אויסגעגליט און הויל,
דעם הימל אָפּשרעקן מיט מדברדיקן גרויל,

אָקעגנשטעלן אונדזער קללה זיין געבענטש.... —
נאָר ס'האָט מיט מי און שוויים באַשטיגן זיי דער מענטש:

מיט גלי אין האַרץ און אויג, מיט פעסט פאַרקלעמטע ציין,
מיט מוסקלען שטאָלענע געראַנגלט זיך מיט שטיין,

געריסן אים פון אָרט און פעלדז פון פעלדז צעשיידט,
מיט קללה, וואָס איר תוך איז ברכה, זיי באַגלייט,

און ווי נאָר ער געפינט אַ זכר פון אַ שפּאַלט,
אין אים אַ ברכהדיקע זריעה ער באַהאַלט.

און אין דעם שטיינערדיקן טויט לעבט אויף אַ טרוים:
סע שפּראָצן גרעזעלעך אויף פליכן — גרינער שוים,

און אינעווייניק שפּאַרן וואָרצלען, נאָגן זאַפּט
און שיקן צו די שטעמלעך אויבן שפּייז און קראַפט,

און צווייגעלעך צעצווייגלען זיך מיט קנאָספּ און בלאַט,
וואָס זייגט דעם הימלס טוי, די זון און ווערט ניט זאַט,

און שפּרייט זיך ווי אַ נעץ אַקעגן זאַמד און גלי,
ביז אונטער זיי אַ שאָטן שטעלט זיך אויף די קני...

און פעלדזן אין בהלה שטומען-שרייען: „גוואַלד!
די שאָטנס מערן זיך! ס׳וועט ווערן דאָ אַ וואַלד!" — —

יאָ, וואַלדער-שאָטן וועט פאַרדעקן בראַנד און שאַנד
פון דיין עקרהדיקן אויפגעלעבטן לאַנד,
ירושלים!

אין בית-ביאַליק

מיר גייען — צוויי דיכטער — באַזוכן דאָס הויז,
פאַרנייגן די קעפּ פאַר זיין ליכטיקער שוועל.
ס׳טראָגט יעדער זיין האַרץ אים — אַ פלאַמיקע רויז,
און ס׳בלוט אין די אָדערן כוואַליעט זיך שנעל.

מיר קומען אַריין און דעראָנען: זיין זעל —
די פליגל צעשפּרייט ווי אַ טויב אין געשוועב —
הענגט ווייך אין דער לופט איבער אונדזערע קעפּ,
שטראַלט דורך אונדזער האַרץ מיט אַ בלענדיקן העל.

אונדז דאַכט זיך: מיר שטייגן אויף לופטיקע טרעפּ,
מיר וועלן דערגיין צו אַ באַרגיקן שפּיץ,
וואָס ציטערט אין דונער, באַלויכטן פון בליץ...

אַט שטייט ער, פֿאַרבליקט אין אַ כוואַליע פֿון קעפּ,
און ס׳גליט אויף זיין ליפּ דאָס נביאישע וואָרט — —
די שיך וואַרפֿט אַראָפּ, ווייל ס׳איז הייליק דאָס אָרט!

אויפֿן קבר פֿון רחל

ס׳כנרת-וואַסער שפּילט מיט פֿאַרבן צאַרטע
אַרויף צום שטילן קבר פֿון רחל.
די זון לייכט דורך זיין ערד די שטייניק-האַרטע,
און ס׳לייכטן דורך זיך די תכריכים העל.

ווי דורך אַ לויטער גלאָז איך זע זי ליגן —
ניט נאַזנדיק, נאָר צום כנרת אויף אַ זייט;
זי דרימלט, ווי סע וואָלטן זי פֿאַרוויגן
די צויבער-פֿאַרבן אין צעשפּילטער בייט.

די שערבלעך פֿאַלן אָפּ... אין אירע אויגן
צעשימערט זיך פֿאַרבענקט אַ רעגנבויגן —
אַן אָפּגלאַנץ פֿון געליבטן שפּילנדיקן ים.

איר יעדעס אויג איז אַ כנרת-שפּיגל.
זי טוט אַ הייב די צאַרטע הענט ווי פֿליגל,
און צווישן זיי איר האַרץ גייט אויף — אַ פֿלאַם.

אין נגב

ווער האָט עס פֿון דער ערד די הויטן אָפּגעשונדן
מיט בלייכן, ביז אויף אַשן אויסגעגליטן זאַמד?

רציחהדיק באַשאָטן אירע ווײ־און־ווונדן
מיט בלייכן, ביז אויף אַשן אויסגעגליטן זאַמד?

„פאַר וועלכן איז געקומען מיר מיין לייב פאַרשעמען,
פון צינגער ווינטישע צו ווערן בייז פאַרצערט
פאַר וועלכן?...‟ — איז דעם אויער פיינלעך צו פאַרנעמען
די יאָמערלעכע שטים פון טיפעניש פון דר׳ערד.

„איך ח־ל־ש...‟ — לעכצטסו אין געמיט מיט איר צוזאַמען,
און ס׳וואָלט דיין אויג באַנעצט זי האַרציק מיט אַ טרער,
ווען קאָנען וואָלט אַ מענטשנס טרער פאַרלעשן פלאַמען.

„איך ח־ל־ש טוי!...‟ — גייט אוים איר שטים אין מיין געהער.
נאָר אַט גרויט־אויף אין גליעניש אַ קליינער ישוב,
און דאָ, און דאָרט — באַגראָזטע ערד, ווי גרינער כישוף.

אַן עולה־חדש

אַז אין דער מאַמעס ברוסט די מילך איז קנאַפּ און שיטער,
צי וועט דאָס קינד דאָס פּיסקל פון די וואָרצלען רייסן?
ס׳וועט פּישטשען בלויז און מיט די שוואַכע יאַסלעס בייסן;
דער מאַמעס האַרץ וועט טאָן פון זיסן ווי אַ ציטער...

די מאַמע מיטן קינד — באַהאַפטן ווי אַ צווילינג;
דער מאַמעס, צי דעם קינדס — ס׳איז וועמעס ווייטיק טיפער?
די מאַמע שמייכלט: אוי, איז דאָס אַ ווילדער שטיפער!
און ס׳קינד, אין בלינדן וויסן, שפּירט שוין די דערפילונג...

אויב ס׳איז דער עולה נאָר אַ קינד, דאָס לאַנד — זיין מוטער,
לעם אירע ווייכע ברוסטן, ווי אַ צווייגל, רוט ער,
אפילו ווען מיט זאַפטן קאַרגע זיי אים נערן;

דאָס לאַנד מיט צער אין שמייכל דריקט אים צו צום האַרצן!
אַז וויפל ס׳זאָלן די יסורים דיך ניט שוואַרצן,
דורך דיינע אויגן בליאַסקען מיינע שאַרפע שטערן...

צום יידישן חלום אַקעגן

איך וועל אַרויפֿגיין
אויפֿן באַרג המוריה
און זיך לייגן, לייגן
צווישן זיין היגלדיק געשטיין;
זאָל דער וואָס האָט מיך געשטאַלטיקט
צונעמען צוריק מיין געביין.

זיין וועט עס פֿאַר מיין מידער נשמה
דער קירצסטער וועג אַהין אוועקצוגיין,
זיך אַנידערצושטעלן — אַ פּוס־בענקעלע
פֿאַרן סאַמע כסא־הכבוד אַליין, אַליין, אַליין,
זאָל דער וואָס האָט מיך געשטאַלטיקט
צונעמען צוריק מיין געביין.

איך וועל אַרויפֿגיין
אויפֿן באַרג המוריה
און זיך לייגן, לייגן, לייגן
צווישן זיין היגלדיק געשטיין,
צום יידישן חלום אַקעגן.

די מעכטיקע פעלדזן פון דער וועלט
ריידן צום קליינעם שטיינדעלע פון ישראל

טוריסטן וואָס ציען זיך קיין ישראל, דער יונגער ציון!
זייט וויסן, אַז ביים ערשטן דרייטאָן אייער פוס
אויף אַ קליין שטיינדעלע זאָלט איר זיך ניט כעסן;

אדרבא, ס'איז אַ זכיה פאַר אייך ווי פאַר אונדז צו דערמאָנען:
דאָס שטיינדעלע איז אַן אור-אור-אייניקל
פון די בית-המקדש טרעפּ, אַ קרובֿל צום פּאַסטעך דודס שטיינדעלע.

אַ, דערמאָנט זיך אין די טראַגישע שטיינער פונעם גלות;
זיי זיינען געפאַלן טאָג-טעגלעך אויף יידישע קעפּ!

די פאַרשנייעטע פעלדזן פון די אַלפּן וויינען;
די שטיינער פון אַלע פעלדזן זיינען פול מיט קנאה
צו דעם קליינטשיקן אור-אור-אייניקל, אבן אבנים,
פון די גדולי הדור, די סיני-שטיינער, כרמל-שטיינער,
וואָס האָבן זוכה געווען אַז זייערם אַ געדעכעניש:
זאָל ליגן בלייבן אינעם הייסן ישראל-זאַמד זינט אברהמען
ביזן היינטיקן טאָג פון מפא"י, מפ"ם — אַ צדיק-שטיינדעלע!

די פעלדזן פון דער גאָרער וועלט וויינען און קלאָגן:
מיר האָבן אַזוינס ניט זוכה געווען, ווי צו אונדזער שטיינעריי,
אונדזערע אור-אור-אייניקלעך זיינען שטיינער-רשעים,
אַוועק פון אונדז אויף אַלע שלעכטע וועגן פון איראָפּע,
ווו יידן האָבן געוווינט און אויף זייערע קעפּ געפאַלן;
וואָס פאַר אַ נחת איז עס פאַר אונדז אויף דער וועלט?!
אונדזערע אור-אור-אייניקלעך זיינען קאַלטע רוצחים!

בלוט פון יידישע קינדערלעך איז אויף זיי פאַרטריקנט!
דערימעך טוען מיר אוים בושה אונדזערע קעפּ צודעקן מיט שניי...
אַ, קליין שטיינדעלע פון ישראל, מיר זיינען דיך מקנא שטאַרק.
מיר, די מעכטיקע פעלדזן, אַלפּן־בערג, קאַווקאַזער בערג, די ראָקים,
זיינען טויזנט מאָל נעבעכדיק קעגן דיר, קליין שטיינדעלע!
קעגן דיין שטאָלצן, ריינעם אָפּשטאַם און זעלאָטישן יחוס!
ווער ווייס צי מיר וועלן ווען דערלעבן אונדזערם אַ גליד־
גליד־גליד־שטיינדעלע זאָל זיך קייקלען אין זונזאַמד ישראלס.

אַ, גרויסער גאָט, פאַרשעם ניט דאָס שטיינערנע האַרץ פון די פעלדזן!
אינעם טאָג פון רעכנשאַפט — רעכן עס ניט צו צו אונדזערע זינד:
מיר זיינען דאָך ניט מער ווי נישטיקע פעלדזן, נישטיקע...
דערבאַרעם זיך אויף אונדזער קליינוואַרג, די גלות־שטיינער,
וואָס פון אונדזער אָפּשטאַם קומען זיי און אונדזער מעכטיקייט
געמאַכט האָבן זיי צו קליינשטיינערדיקן בזיון...

טוריסטן וואָס ציען זיך קיין ישראל, די יונגע ציון:
ביים ערשטן דרייטאָן אייער פוס איבער אַ קליין שטיינדעלע,
כעסט זיך ניט, בייגט זיך אָן און טוליעט עס צו אייערע ליפּן.
לערנט זיך פון אונדז, די מעכטיקע פעלדזן,
וואָס האָבן אַזוינס ניט זוכה געווען
און באַהאַלטן מוזן מיר אונדזערע קעפּ
אונטערן דאַך פון שניי — — —
אונטערן דאַך פון אייביקן שניי.

הר־הכרמל

אויפן הר־הכרמל
ליגט די רו פֿאַרשטיינערט אין ווייסע געצעלטן.
ביי זיין פוס — דער ים־התיכון,
האַלט אין זיינע אָרעמס
די בלוי פון אַ הימל,
וואָס האָט זיך דערטרונקען.

דאָ וויל איך וואַנדערן
ביי דיין צופוסנס הר־הכרמל;
אין דיינע זאַמדן
צעשיטן
מיינע יאָרן.
כ׳וויל ניט געדענקען די לענדער
וואָס האָבן מיין טרויער געכאָוועט, —
כ׳וויל גאָרניט געדענקען.
צו דיין בלוי־התיכון,
צום דערטרונקענעם הימל —
ציט מיין זכרון.

מאיר זימל טקאַטש

ירושלים ביינאַכט

ירושלים חלומט אונטער הימלען אויסגעשטערנטע,
ווי אירע הימלען איז איר חלום אַ געלייטערט-קלאָרער —
נאָך פון אברהמס גאָט-דערקענטעניש אַ וווילגעלערנטע,
זי לערנט ווידער, אַז דער בורא-עולם איז אַ וואָרער.

אַ גאָט ניט קיין געזעענער, נאָר אַ באַוויזענער —
די שטערן די אומצייליקע דערציילן פון זיין כבוד.
ווי וויל זי וויים דאָס, נאָר מיט אויגן אויפגעריסענע
און תהלימדיקע ליפן גאַפט נאָך אַלץ די שטאָט פון דוד.

און ס׳זעט ירושלים: ערד און הימל אָנגעהערן זיך —
דער מילכוועג דאָרט ווי טוי און דאָ דער טוי ווי שטערנליכט,
און ס׳גריסט ירושלים מיט די לויכטנדיקע שויבן
די שטערן-פענצטער פון ירושלים, וואָס איז אויבן.

צפת

אין צפת די שטערן זיינען גרעסער.
ס׳איז שויבן-שיין פון בלויע שלעסער,
ווי ס׳וואַכט און בענקט די כלה שבת.

און צפת פון אַלע שטעט איז העכער —

אַ באַרג מיט דעכער איבער דעכער,
ווי שטיגן צו דער כלה שבת.

ניטאָ אין צפת קיין אין דער וואָכן.
פאַראַן אַ פלאַטערן, אַ פאָכן,
זעקס טעג אין צפת איז ערב־שבת.

אָט נאָך אַ מאָרגן, נאָך אַן אָוונט
און די באַגעגעניש איז נאָענט —
אַנטקעגן גיי דער כלה שבת.

די בענטשליכט ברענען ווי די שטערן
און פייערלעך די צפתער ווערן,
ווען ס׳קומט צו גאַסט די כלה שבת.

איר שטעט פון גאָר דער וועלט פאַריאָכטער,
היט אָפּ ווי צפת דעם הימלס טאָכטער
און ס׳בלייבט אויף דר׳ערד די כלה שבת.

אין זכות פון די קדושים

אַ דריטל פון פאָלק איז אַוועק מיטן רויך.
מיר האָבן געקויפט פאַר אַ פּרייז, וואָס איז הויך,
אַ לאַנד, וואָס זיין מילך און זיין האָניק פאַרזיסט
דאָס בלוט, וואָס איז ביטער, ווייל ס׳גיסט זיך אומזיסט.

מען זאָגט: ניט אומזיסט איז געפלאָסן דאָס בלוט —
דאָס האָט זיך גאָטס פינגער פאַרשטעלט פאַר אַ רוט,
איין דריטל דערשלאָגן, צוויי דריטל דערלייזט...
אָ, פּאָרכטיקער פינגער! אָ, גרויזאַמע טרייסט!

און דאָך האָט אונדז גאָט מיט אַ נס איבעררּאַשט —
דאָס דריטל פון פאָלק ניט אומזיסט איז צעאַשט —
דער אַש איז געוואָרן פאַרוואַנדלט אין ערד,
דער בראַנד האָט געשמידט פאַר קנאים אַ שווערד.

געפּעסטיקט די ערד האָט פון גלויבער דער שטויב,
און אַז אין איר שפּאַלט פון דעם פעלדז זאָל די טויב
ניט זיין צווישן אָדלער און שלאַנג אין אַ קלעם,
די שווערד איז געשטאַלט מיט על-קידוש-השם.

אָ, לאַנד פון ישראל מיט דער אייגענער פאָן,
פאַרגעס ניט דעם אָנדענק פון זעקס מיליאָן,
געדענק, אַז דיך האָבן די מתים דערלייזט
און האָבן מיט דיר די אבלים געטרייסט.

לאַנד פונעם חומש

אַ לאַנד פונעם חומש, דו מוטערלאַנד מיינע,
כאָטש כ׳בין אַ געבירטיקער גאָר פון אוקריינע,
נאָר איך האָב דיין מילך און דיין האָניק געזויגן.
מיין ערשטער פאַרגאַף פון די קינדישע אויגן
געוועזן איז אויף דיר — אויפן שטויב פון דיין באָדן,
וואָס האָט זיך אין טוי פון גאָטס משל געבאָדן.
און איך האָב באַקוקט דיינע אַלע פיר זייטן,
אַזוי ווי אברהם אבינו פאַרצייטן,
און ס׳האָט מיר אין קינדישן אויער געקלונגען
גאָטס בשורה, וואָס האָט אין דער שטילקייט געזונגען:
— דיין זאָמען, אברהם, ווי שטויב וועל איך מערן,
דאָס דאָזיקע לאַנד וועט דיין זאָמען געהערן. —
און איך בין ווי ער גר-ותושב געוואָרן,

אין הייל פון מכפלה באַערדיקט זיין שׂרהן,
געפירט אין נסיון זיין זון קיין מוריה
און ווען עס האָט יצחק פאַרלוירן די ראיה
כ׳בין דעמאָלט מיט רבקהן געווען זיינע אויגן —
עס זאָל אים ניט אַרבן דער זון מיטן בויגן.
נאָר יענער, וואָס פּאַשעט די כשרע לעמער
און זיצט אין די פרומע געצעלטן די שם׳ער,
פאַרקויפט ניט פאַר לינדזן די בכורה ווי עשו.
און איך האָב באַגלייט אין זיין גלות דעם תושב,
געשלאָפן אויף שטיינער, די ביינער צעבראָכן,
נאָר איך האָב געזען אויף אַ לייטער מלאכים.
אָ, לאַנד פונעם חומש, דו מוטערלאַנד מיינע,
כאָטש כ׳בין אַ געבירטיקער גאָר פון אוקריינע,
נאָר זי איז מיין שטיפמוטער, דו ביסט מיין מאַמע, —
מיט יעקבן בין איך פון לבן־הארמי
שוין איינמאָל געגאַנגען אַהיים, און אַצינדער
אַליין וועל איך טרעפן, אפילו אַ בלינדער.

ל. ראָזאָף

אין נגב

זיי זיינען געקומען פון גיהנומישן פלאַקער,
אויף וויסטע, פאַרשרפעטע פליינען געשפּאַנט,
באַצווינגען דעם מדבר אויף פעלדער צום אַקער,
מיט יונג־גרין פאַרמעקן פאַרעלטערטן זאַמד.

איז דאָרט ווו דער זאַמד איז אין פלאַכטעס געלעגן,
ווו בערג האָבן סתם אין דער פוסטקייט געשטערקט,
ווו ס׳איז יעדער סימן פון סטעזשקעס און וועגן
געוועזן פאַרמעקט און מיט פּאַסטקעס באַדעקט —

האָט מדבר זיין טרוקענע טראַכט אויפגעעפנט,
און האָט פאַר די ליידן, עקשנות און מי,
באַלוינט מיט דער ליכטיקער וואַרעמער שפע
פון דונאַמס צעגאָלדיקטן ווייצענעם בלי.

איצט הויערן שטיבלעך אין רו צווישן ביימער,
ווי לעמער געזעטיקט, אין שאָטן געשיצט;
מען שאַצט שוין, אַזוי ווי פאַרצייטן, דעם עומר,
פון פעלדער, ווו זאַמד האָט ווי זונשטויב געבליצט.

איצט הערט מען פון ווייטן דעם ביל פון אַ הינטל,
און אָפט פון אַן עופעלע ס׳הילפלאָז געוויין;
ביינאַכט, אין אַ שייבל, גייט אויף ווי אַ פינטל,
אַ ליכטשיין, וואָס ווינקט אַז מ׳איז ניט אַליין.

און טריט פון די אבות, וואָס ברענגען ישועה,
דערהערן זיך ווידער נאָך טויזנטער יאָר;
און ווידער צעשאַלט זיך דאָס וואָרט פון נבואה,
וואָס זאָגט אָן דעם שלום פון חלום און וואָר...

פרץ מאַרקיש

פון דער פּאָעמע „דער לעצטער"

עס טליען אומעטיק די כנרת-בערג פון גליל,
און אויף די שפּיצן טרויערן די בלויע רוימען;
אַ דאַ, אין די פאַרטרויערט-טרוימערישע טאָלן,
האָט, ווי אַ שאָף, זיך פיטערן געמוזט אַ בלאָנדער טרוימער!

אין רויטע פּאָמעראַנצעווע פאַרנאַכטן
זיך ליכטיקט נאָך אַ שיין פון בלאָנדן באַרוועס;
ווער טראָגט דעם מולד אויפן נאַקן, ווי אַ לעמעלע צום שלאַכטן,
ווער גייט מיט פיס מיט גאָלדענע דאָס גלילדיקע דאָרף אויס?

די טאָלן טרויערן נאָך טל, און דאַווענען אויף גראָז,
אין האפּנס זוניקע פון ווינטן —
פאַרפליען טעג,
ווי פּאַוועס גאָלדענע, און שטיל פאַרשווינדן.

גלילער בערג! כנרת! זון! און טענדלער!
פאַרוועלקטע רוימען — איינזאַם און פאַרלאָזענע, —
ס'איז מיר נאָך אַלץ ניט קלאָר און ניט פאַרשטענדלעך:
נאָך וואָס איז אין הימל אויפגעגאַן דער בלאָנדער נזיר?...

ס'פאַרנעמט שוין ניט די טריט דער דאָרשט פון מדבר ברענענדער,
און ס'פּאַלט שוין ניט ווי טוי ס'געטרויענדיקע וועג-הארץ;
טאָג-מאָל-טאָג, און נאַכט-מאָל-נאַכט, און ענדלעך-מאָל-אומענדלעך!
ווי זעגט מען אויס פון הפקר-פיס — דאָס בראָנדזענע געזעגעכץ?...

צו ווינטן זאַמדיקע אויף נאַכטלעג און אויף טאָגן,
זיך אויסשפּאַנען פון יעדן וועג, פון יעדער רגע זיך צעשטאַמען,
און אונטערוואַרפן ס'האַרץ — די הימלען מיט די זאַמדן,
ווי אונטערגעוואָרפן ס'האָט איר קינד די שוואַרצע מאַמע הגר.

דער מדבר פינעט געל, עס בלאָטערן אים בונטע בעדואינישע פּאַלאַטקעס,
עס בייסן ווינטן אים, ווי רייטוואָגנס מיט זון געלאָדענע;
נאָר ס'טרויערן פון ווייט אַ פּאַלמע צו אַ פּאַלמע,
און טעג, ווי קעמלען אָפּגעקראָכענע, זיך פּיטערן און האָדעווען.

קעמלען, דאַוונענדיקע קעמלען אין דער נאַכט,
באַלייבטע מיט טליתים, אויסגעבליאַקעטע ווי קאָרע,
גייען איבער גאָלד — אַרויסגעפירטע פון תנך,
און שטראַלנדיקע שטרעקעס לייענען פון זכרון...

קעמלען איינזאַמע, אַזעלכע ראַבע,
גריסן ניט צו קליינע אייזעלעך,
וואָס טראָגן די אַראַבער,
עס בייגט די קני זיי נאָר די נאַכט אויף זאַמד צעזאָטענעם,

און הויקערס נידערן אַראָפּ אַליין,
ווי איבערגעדעקטע רייטערס מידע,
— נעמט אַרויף דאָס האַרץ אויף אייערע האַרבאַטע זאָטלען,
אַ, טרוימער איינזאַמע פון מדבר!...

נו, וועל איך זיך פאַרדינגען אויפן טאָג צו קעמלען פאַר אַ טרײַבער,
אָדער צו פּיטערן דאָס פּי ביי ווילדע בעדואינער;
— אַ שווערד צום רויב! אַ האָרן! זיבן כישופדיקע ווייבער
און אַ טייטלבוים-געצעלט צופוסנס דעם באַרג-סיני!
נו, וועל איך צושטיין צו קאַראַוואַנען זינגיקע

און פרעגן: ווייסט איר ניט דעם וועג דאָ צום באַגינען?
אָ, שטיינעריקער סיני־קאָפּ,
עס גייען אויף דיר דורות אַפּ און אויף, ווי טויטע פּיליגרימען!

און ס'קוקט אויף מיר מיט שוואַרצן גיר מיין אומבאַקאַנטער ברודער –
– כ'בין אַזאַ ווייטער אַנגעלייגטער גאַסט דאָ,
אַ טאָג פאַרדונגענער
...אַ פּראָסטער פּאַסטעך...

נאָר אַז ס'וועט שוואַרצער ברודער פירן מיך צום טייך דערטרינקען,
וועל איך אים אָט אַזוי מיט הענט אַ פרעג טאָן ווי אַ שטומער:
– זאָג מיר, בעדואין,
צו וואָס בין איך אַהער געקומען?...

*

צעוויקלט זיך אַ טאָג אַזאַ, אַ טאָג ווי אַ צוואה,
ס'צעקייקלען אויף די בערג זיך דונערדיקע הימלען, –
עס ברענט אין וואָלקנס זיך די זון אויס, ווי אַ רויטע חתימה,
און ווינטן וואָיענדיקע וואָיען – וואָיען...

עס עפענען זיך הימלען אויף, ווי בלויע האַפנס רונדיקע,
די ווייטן וויקלען זיך אין גאָלדיק־גליענדיקן ליין;
און ווי אַ שיף־געשפּענסט אַ לאַנג־דערטרונקענע,
גייט אויף מיט שופרס אין דער הייך – ירושלים!

פון הויכע שטיינעריקע שטערנס ווישן ווינטן אָפּ דעם טרויער
און בערגקעפּ צעקראַצטע קייען אויף מיט קללה בלינדער;
ירושלים! ס'שלאָפט ביי דיינע אַלטע אויסגעבענקטע טויערן
אַ מאַן אין גאַליפע, און אין אַ פראַק און אין צילינדער.

ביי זייט — אַ שייד און אַ ל״ג-בעומרדיקע שווערד,
און אַזוי דערשראָקן-אַבלדיק זיין קול איז, —
ניט פאַר קיין לעמעלע, נאָר פאַר אַ לייב, דאָ אויף דער
אויסגעבענקטער ערד
געקומען איז ער ביים ברודער אויסנאָרן די קללות...

און אויסגעקרימט, ווי אַ באַנאַן,
ליגט דאָ, אין וועג, אין מיטן דאָ —
אַן אָרעמאַן, אַן אָרעמאַן,
צי פון וואָלין, צי פון פּאָדאָליע...

אַן אָרעמאַן אַזאַ, ווי אַלע,
מיט אויגן שיטערע, ווי זאַיערס, —
ס׳איז אים דאָס אייזעלע אין מיטן וועג פון לאַסט געפאַלן,
און אָדערן פון זיינע הענט געפּלאַצטע שרייען, —

און פון געשריי, און פון דעם פּיין
עפענען זיך הימלען אויף מיט בלויע האַפּנס רונדיקע;
און ווי אַ שיף-געשפּענסט אַ לאַנג-דערטרונקענע,
גייט אויף מיט שופרות אין דער הייך ירושלים...

אָט ליגט ירושלים שוין אַליין — אַן אומגעפאַלענער, אַ מידער קעמל
אין מיטן דאָרשטיק-מדבּרדיקן וועג, —
און ס׳טוליעט זיך צו אים דער דעמער
און ס׳טוט זיך אָפּ פון אים איעדער וועג.

נאָר שראַמען אויסגעוועלקטע, שראַמען שטילע
געשלייפטע שפּאָרן יאַטערן און טאָרען, —
און אין מויל פּאַרוויאַנעטן פון דודס תהלים
זיך גיסט מיט בלוט און בליי „וויקטאָריאַ״...

און ס׳פאַלט די נאַכט אויף אָפּגעברענטע ברעמען,
צו אַלע אויסגענג האָט דער טויט זיך שוין דערדראַפּעט...
פאַרדעקט זשע זיך, געבערג, מיט שוואַרצע זעק פון דעמער,
ווי ס׳פאַרדעקן זיך געזיכטער — טעכטער פון אַראַביע!...

ניט אין קיין לאַנד, ניט אין קיין היים, ניט אויף קיין אָפּגעקילט
געלעגער,
ניט ביי צוקאָפּנדיקע לעכט, וואָס קלאָגן דורך די פענצטער, —
וועסט מיך באַגעגענען — אַ וואַלגערשטיין, אַליין, אין מיטן וועג,
און איבערפאָרן טויט, מיך איבערפאָרן וועסטו...

ניט פון קיין שטוב און ניט פון אונטער אויסגעהויכטן דאַך
און ניט געוויין וועט פאַר דעם טרויער זיין דער סימן, —
— אָט זיינען מיינע הויקערס טאַרבעדיק צעכמאַרעט,
אַהערצו קום! עס שטערנט זיך ניט מער אויף זיי דער הימל...

1924

אסתר סיגאל

אויף שמירה

מיין יונגע טאָכטער, שלאַנק וויברירנדיק און צאַרט —
אַ סטרונע פון אַ לירע, פול מיט ברויז,
טרייבט מיט פלינקע פינגער פון די האָר
דעם וואַרעמען שלאָף אַרויס,
שטאָלט־אָן די מיידל־אָרעמס אירע,
פוצט די ביקס, צילט איר דריבנעם טראָט —
מיין טאָכטער גייט אויף שמירה.

איך קוק אויף איר מיט פחד און מיט ציטער,
מיינע אויגן פיבערן מיט שטומען פרעגן:
טאָכטער — קינד? — — —
אירע אויגן ענטפערן מיט יונגן, העלן שמייכל,
זי לייגט צו אַ פינגער צו די ליפן פול מיט סוד,
נייגט צו דער נאַכט דעם וואַכן אויער,
און שטיל פאַרמאַכט זי הינטער זיך די טיר.

די נאַכט גלעט מיט קילער טרייסטנדיקער האַנט מיין הייסן שטערן
און סודעט שטיל און שטרענג אין אויער:
זיי שטאַרק, זיי קלוג דו מאַמע־האַרץ, זיי שטיל!
דער שונא איז דאָ שפּאַן אויף שפּאַן אין לויער...
דורכן פענצטער ווינקט דער בלויער הימל
מיט גאָלדענע שטערן,
איך וויל אַזוי דעם גאַנג פון דער נאַכט דערהערן!

אויף מיינע ליפּן ציטערט אַ געבעט:
באַשער מיר גאָט אַ קליין ביסל גלויבן,
אַז די קינדער פון מיין קינד
זאָלן זיך קאָנען שפּילן אין טאַטע-מאַמעס הויף
אָן מורא פאַר אַ שטיין,
וואָס קען פאַרבלאָנדזשען פון אַ שכנס האַנט,
פון יענער זייט בלינדער וואַנט...
און מיין אייניקל זאָל רואיק קענען
דעם אַקער פירן אויף דער ניט געניטער ערד,
ווו אברהם האָט אין זיין העלן טראַכטן
די שטים פון גאָט דערהערט.

מיין טאָכטער שרייבט

מאַמע טייערע,
ווי קאַרג עס ווערט אונדז אויסגעטיילט
טראָפּנווייז דאָס גליק.

ערשט ניט לאַנג ביסטו געקומען
אַ ליכטיקע צו אונדזער ברעג,
איצט פירט די שיף דיך אַוועק צוריק.

איך בלייב ווידער שטיין ביים האַפן,
אין שווערער בענקשאַפט דאָס האַרץ פאַרצויגן;
תמיד וועל איך טראַכטן, מיין טייערע, פון דיר
מיט ליבשאַפט, מיט טרערן אין די אויגן.

שטענדיק וועט אַ שטראַל פון אונדזער מזרח-זון
צום לאַנד פון מיין געבוירן,
צו מיינע נאָענטע און ליבע

לייכטן ווי אַ גוטער עדות, —
אויף מיר וואַרט גרויסע אַרבעט
אין לאַנד פון מיינע זיידעס — — —

אַ מאָל ווען דו קומען דאָ צו בלייבן.
איך האָב פאַרפלאַנצט אַ בוים —
וועל איך מיט אַ ליבשאַפט
דיין נאָמען אויף זיין שטאַם פאַרשרייבן.

אַ ייד אין נגב

עס גליען די שאָטנס אונטער די טריט,
ווי ס׳גליען די זאַמדן, די שטיינער.
מיין שאָטן — ער איז אַ פּאַרצייטישער ייד,
און איך — מיטן מדבר אַליין נאָר.

דער שאָטן דערציילט מיר פון יאָרן אָן צאָל,
פון אַלטע, תנכישע זיידעס,
עס שפּריצט דער חמסין, ווי אַ פליסיקער שטאָל,
פון הימלען אַזוי ווי פאַרצייטנס.

עס ליגן די וועגלעך אין זוניקן שלאָף
פון טויזנטער יאָרן פאַרהעמערט.
אַ טרוקענע וואָדי דערציילט מיר דעם סוף
פון דאָרשטיק־פאַרחלשטע עמערס...

אַ קעמל צעשרייט זיך — אַ הונגעריק קול,
אַ פרידה אים ענטפערט צעצויגן.
די וואָלקנס ווי ווייסער געוואָרענער וואָל,
מיניען און בלענדן די אויגן.

איך שפּאַן מיט מיין שאָטן דורך ליידיקן זאַמד,
עס ציט זיך דער זאַמד ווי דער הימל;
נאָר פּלוצעם אין לופטן שווימט אָן אַ לאַנד,
ווי אַ חלום געזען אין אַ דרימל.

עס פינקלען די הייזלעך צעצונדן פון גאָלד
און לויכטן ווי טויזנטער שטערן;
ווי ס׳וואָלט אויפן הימל מיר עמעץ געמאָלט
אַ בילד פון די שענסטע באַגערן.

טבריה

פון דיינע ביימער, אָנגעטאָן אין גאָלד פון שקיעה,
שפּילן ווינטן מיר אַן אַלטן ניגון.
מיינע זיידעס האָבן אים אַמאָל דאָ אויפגעזונגען
אויף די האַרפּע־הערצער אָנגעצויגן — —
און דעם טרויער שטום געלאָזט זיך וויגן
אין די אויגן,
וואָס האָבן זיך, ווי קרבן־שאָטנס אויסגעצויגן —
צום הר המוריה...

איצט בין איך דאָ און ס׳נעמען מיך אַרום ווי הענט
די צווייגן.
וועל איך דאָ שווייגן,
פון דעם אַלעם, וואָס איך האָב דאָ איצט געהערט־געזען,
ווי די היילן־הייזלעכם קרומע ווענט,
וואָס זען אויס מיר ווי די רוקנס פון מיינע זיידעס.
ווייל סיי ווי סיי איז אַלץ אַרום דאָך עדות,
אַז כ׳בין איצט דאָ און וועל אויך זיין, ווי כ׳בין אַמאָל געווען...

בלויער סאַמעט הענגט מיר איבערן קאָפּ,
נאַכט איז אָנגעפלויגן.
שטערן לעשן זיך אין ווינט
און צינדן זיך אין מיינע אויגן.

יעקב גלאַטשטיין

דער הייַנטיקער טאָג

דער היינטיקער טאָג
איז געוואַקסן אויף אַן אַלטן בוים
און אַרונטערגעפאַלן אַן אויסגעצייטיקטער
אין שוים פון אַ טרויעריק פאָלק.
ס'איז היינט נים קיין טאָג פון רגעם
נאָר פון לעבן.
צעטייל אים נים אין חלקים.
דערשמעק אים אין פאַרטאָגבלוי ווי אַ גאַנצן קילן עפּל.

דער היינטיקער טאָג
איז נים קיין פרייד נאָר סאַמע ליכט,
ליכט געוועבט פון געוויין נאָך פרייד.
אַזאַ טאָג צינדט זיך אָן און ווערט אַ פּלאַנעט.
אין סיסטעם פון לעבן ווערט ער אייביקער יום־טוב.
שטיל, האַלט איין דעם אָטעם.
טייל אים אָפּ פון נעכטן מיט אַ צווישנשייד.
לערן זיך אויס דערקענען וווּנדער
און ווער פאַרגעטלעכט אין דיין גרויסער זכיה.
פון מאָרגן אָן וועסטו שוין זיין אַן אַנדערער.
צוויי הערנער־שטראַלן וועלן שפּראָצן פון דיין שטערן.
דו אויך האָסט היינטיקן טאָג דערלייזט.
ביסט אַליין באַפרייער, נים נאָר אַ באַפרייטער.
ביסט ווונדער־טוער, נים נאָר אַ קינד פון ווונדער.

שפיגל זיך היינט אין דיין אויסגעהאַפּטן טאָג
און צווישן מיליאָנען איינגעקריצטע פּנימער
וועט דיין פּנים בלייבן שיינען אַן אייביקער חותם
אויף דעם טאָג פון יום-טוב.

פאַר אונדז אַלעמען וועט דער היינטיקער טאָג
געפינען אַ נעסט אין זיין ווארעמקייט.
מיר וועלן אַלע זיין אין אים
און פליסן אייביק אין די ליכט-אָדערלעך
פון דער גרויסער צעשטראַלונג.

פאָרט אַ ייד

פאָרט אַ ייד קיין ארץ-ישראל,
וויינען אין אים אַלע פריידן.
וואָס נענטער ער קומט צום טויער,
פאַרגינט ער זיך ניט דאָס לעבן.
גוואַלד און סטייטש!
וויינען אין אים אַלע פריידן.

דער ייד איז אַ פּליט.
זיין ווייב האָט מען פאַרפּייניקט,
איין קינד פאַרברענט,
אַ צווייט קינד איז געשטאָרבן פון געשווילעכץ.
גוואַלד און סטייטש,
וויינען אין אים אַלע פריידן.

מיט אַ מאָל וואַקסט אויס אַ פייערדיקער גיבור
מיט אַ געשטרעקטער שווערד,
כ'וועל דיך צעפּערטלען אויפן אָרט,

אויב וועסט ניט זינגען מיט אַלע ביינער.
גוואַלד און סטייטש,
אוי, טאַטע פאָטער,
וויינען אין אים אַלע פריידן.

וויינט דער גיבור און ער לייגט די שווערד אין שייד,
און ביידע טאַנצן וויינענדיק דורכן טויער.

ביסט געשען, ביסט געוואָרן

ווי אַ מילגרוים וואַניקסטו מיין גומען,
לאַנד.
איך עס דיך און טרינק דיך אַריין
אין אַלע מיינע אברים.
כ׳פאַרפעסטיק די פּיס און איך טאַנץ.
כ׳פאַרמאַך די אויגן און דערמאָן זיך
אין דיר פון אַמאָל.

וואָס ביסטו געווען אין מיר?
אַ תפילה.
ווו ביסטו געווען אין מיר?
אין געדעכעניש.
האָב איך דיך ליב געהאַט?
כ׳האָב זיך פון דיר אָפּגעפרעמדט.
כ׳האָב פאַר דיר מורא געהאַט.
וואָר, כ׳האָב פאַר דיר מורא געהאַט.
כ׳האָב זיך אויסגעלערנט
שווער צו לעבן
און שוועבן.
אַבי ניט טרעטן.

איצט ביסטו געקומען צו מיר מיט נאָענטקייט
און מיט שפּרינגגוועג.

ארץ־ישראל, ביסט אַ מקוים־געוואָרן חומשל
פון אַ קליין חדר־יינגל,
וואָס אויף זיין קאָפּ
איז אַלץ מקוים געוואָרן.
זינגט, יידישע טעכטער, אין די וויינגערטנער,
אַלץ איז מקוים געוואָרן.
פון קינדווייז אָן האָט מען אים
געוויזן אותות ומופתים.
דער מלמד דניאל האָט געהאַלטן
אין איין פּייערן מיט שריפטן,
נאָר ער האָט קיין וואָרט ניט פאַרשטאַנען.
איצט ערשט ווערט אים ליכטיק אין די אויגן.
ווי לאַנג האָט עס דען, משטיינס געזאָגט, געדויערט?
ביז צייט, צייטן און אַ האַלב זיינען אַנגעפלויגן.

משה רבינו

משה רבינו וואָס איז אין לאַנד ניט אריין
האָט זיך דערוואָרט אויף אַ גרויסער זכיה.
ווער פירט דאָס גאַנצע טויטע יידישע פאָלק
אין צוגעזאָגטן לאַנד אריין?
משה רבינו.
ער, דער פּאַסטעך פון זיין שווערס שאָף,
האָט זיך אויפגעהויבן פון אַ לאַנגן שלאָף.
ווער זאַמלט איצט איין
דאָס גאַנצע טויטע פאָלק פון אַלע עקן וועלט?
משה רבינו.

דאָס לאַנד איז קליין.
אָבער פאַר זיי שטרעקט זיך דאָס הייליקע לאַנד
און ווערט גרעסער און ברייטער.
ווער פירט איצט געטריי די טויטע יידן?
משה רבינו.

און דו, לעבעדיקער יהושע בן נון,
גיי אַוועק אַן אַ זייט.
מאַך אַ וואַרע, שטעל אָפּ די זון.
פאַרהאַלט די צייט.
לאָז אַריין די טויטע יידן.
ווער ציילט די טויטע יידן,
צי ס'פעלט חלילה ניט איינער?
משה רבינו.

מיין טאַטע פאַרמאַכט ס'משניות,
נעמט די מאַמע ביי דער האַנט,
און פאַרנייגנדיק זיך מעשה קאַוואַליער,
זאָגט ער:
„יִטע ראָכעשי, מיר גייען אין יידישן לאַנד"
און ביידע גיבן אַ ליכטיקן ווונק צו מיר —
און דו, חכם-עתיק, האָסט ניט געגלייבט.

ביי דער מאַמען לייכטן קלוגע טרערן.
זעסט שוין, אפילו ס'ווייבערישע טייטש-חומש
מוז מקוים ווערן.

ווי דיביימער

און אַז די פּליטים זיינען נאָענט צו דער מוטער רחל צוגעקומען,
האָט זי אין גאַנצן אויסגעזען ווי ארץ-ישראל ערד.

אַ פרייד האָט זיי אַלעמען אַרומגענומען,
וואָס ס'איז זיי די שמחה ניט געוואָרן פאַרשטערט,
וואָס זיי האָבן די לעצטע האָפענונג ניט פאַרלוירן.
ווייל זי האָט דאָס געשטאַלט פון דער מאַמען
אַלץ ניט אַנגעוואוירן.
דאָס איז דער טייטש פון מאַמע־ערד,
וואָס בלייבט אייביק געטריי,
וואָס וואַרט אויף אירע קינדער,
פון דייטשלאַנד, פוילן, אונגאַרן, סלאָוואַקיי.

אָבער אַז מען האָט די קינדער מיט געוואַלט
גענומען רייסן פון דער ערד ווי די ביימער,
האָט זיך ניט רחלס בעטנדיק געוויין,
נאָר אַ געלעכטער דערהערט.
יאָ, די וויינענדיקע מאַמע האָט צום ערשטן מאָל געלאַכט,
וואָס מען האָט אַלע צעזייטע און צעשפּרייטע בענקשאַפטן
צוריק צו אירע אָרעמס געבראַכט,
נאָך אַזוי פיל פאַרפייניקטע יאָרן.

און אַז מען האָט זיי פאַרט מיט געוואַלט אָפּגעריסן
און די שקלאַפן־שיפן זיינען אָפּגעפאָרן,
האָט זיך אַ צערטלעך ליכט איבערן גאַנצן לאַנד צעשטראַלט.
מוטער רחל האָט געגעבן צום הימל אַ טרייסטנדיקן בליק.
אַזעלכע קינדער וועלן קומען צוריק.

געזאַנגען

1

ס'וואַרעמט זיך מיין אַלטע ערד.
ס'טריפן אויף איר זוניקע טראָפּנס.
ס'ווערט מיין אַלטע ערד מיר

אַ הייליקער צוקאַפּנס.
מיט מיין לייב וואָס איז צעפּייניקט
ליג איך און האָרך,
ווי ס׳ווערט יעדער שפּאַן פאַרמייניקט.
איך דער מצבה־קריצער,
ווער אַ פאַרמאָגער, אַ גוטבאַזיצער.
זיי זאָגן לאַנד, זיי זאָגן גערטנער,
זיי זאָגן שיפן, פאַבריקן, עראָפּלאַנען.
און אַפילו ווען ס׳איז ניט מיינס אין גאַנצן,
איז יש לי — אַלץ צו מיר פאַראַנען.

2

ניט קיין טרוקענע ביינער,
נאָר צעבראָכענע שערבלעך,
עפּן אויף די טויערן
און מאַך אונדז אומשטערבלעך.
ס׳אייביקן ערטער
אונטער געדולדיקע גראָזן,
מיר קומען מיט שרעקעוודיקע
אויערן פון האָזן.
אויב ניט אונדזער לעבן,
זאָל דאָ איינגעזאַמלט ווערן אונדזער שטאַרבן.
מיר קומען דאָ אַרבן תנכישע קברים.

3

ס׳איז אויף אונדז געפאַלן דער שטויב
פון אומזיסטקייט.
אונדזערע לונגען זיינען פאַרלעדערט פון טרויער.
מיר זיינען געווען דער שטאָטישער אויסדויער.
אונדזער פאַרהאַרטעוועט לייב
דער אָפּקלייב נאָכן מבול.

נעם אונדז אַריין פֿאַרוויז.
מיר וועלן זיך מערן.
געוואָגלט האָבן מיר לאַנג
מיט דעם הבל־צייכן אויפֿן שטערן,
ביז מיר זיינען געוואָרן ריזן־זין.
מיר קומען מיט איין פֿאַרלאַנג.
לאָז אונדז אָטעמען דעם טוי
פֿון דיין אימפּעטיקן, גאַסטפֿריינטלעכן בוי.
מיר וועלן טראָגן דעם שטיין און ציגל
מיט געזאַנג.

4

ווייסטו ווי ס׳שמעקן די יונגע ביינדלעך
פֿון ערשט־געבוירענע קינדער?
קענסטו דעם פֿרימאָרגן־אַראָמאַט
פֿון פֿריש געבעקס?
אַזוי שמעקט די יונגע יידישע געשיכטע.
באַטעמט איז יעדער ניי־געשריבן בלאַט.
און דו ביסט דאָ אין יעדן וואָרט,
ביסט יונג מיט אַ יוגנט
וואָס האָסט אויסגעוויינט מיט דיינע אויגן.
ווי פֿייל פֿון בויגן איז דיין עלטער פֿאַרפֿלויגן.
איצט טרינקסטו דעם כּוס פֿון טרייסט.
מ׳רופֿט דיך אויף,
מ׳לאָזט דיך שרייבן אַן אות.
יעמוד! פֿאַרגעסט אפֿילו ווי דו הייסט.
מאַכסט אַ ברכה איבער דיין יוגנט,
וואָס איז יונג ווי די יידישע געשיכטע.

5

ווער וואָלט איצט געהאַט די העזה
צו זאָגן אַז אין דעם פֿריידיקן פֿאַרטאָגן

פלאַקערט דער גאָט פון שפּינאָזע?
אַ ירושלימער יינגעלע
מיט לאַנגע, אויסגעצוואָגענע פּיאות,
מיט קלוגע, פרומע אויגן,
ווייזט מיט פרייד אויפן הימל.
זיין פּנים וואָס איז גאָטספּאָרכטיק,
איז באַלויכטן פון דער מאָרגנדיקער שעה.
זעסט, ער איז ניט ווייט,
ניט דאָרטיק,
אונדזער גאָט איז דאָ.

6

צווישן אַלע פּליטים פון נויט און פון מאַטקייט,
וועלן קומען די לעצטע,
די פּליטים פון זאַטקייט.
זיי וועלן קומען זיך צערן
ביזן יידישן ביין.
זיי וועלן זיין די אַפּוואַרטערס
וואָס וועלן האַנדלען מיט פאַרשטאַנד.
זיי וועלן שיקן מרגלים אין יידישן לאַנד.
און ביז מ'וועט זיי ניט ברענגען
שוואַרץ אויף ווייס פון דאָרטן אַ שריפט,
אַז דער מילך און האָניק האָט זיך שוין צעטריפט —
וועלן זיי וואַרטן.

7

דער יתום וועט אַקערן,
די אלמנה וועט שפּינען,
דעם אָרעמאַנס קול וועט זיין געלעכטער.
דעם משפט וועט שטענדיק געווינען דער גערעכטער.

קיינער וועט זיין חבר ניט דריקן,
ניט באַצווינגען.
אין מיטן מאַרק וועט זיצן
דער פּאָעט און זינגען.
אַרומגיין לייַדיק וועלן בלויז
נביאים און שטראָפּערס.
זיי וועלן עסן צו זעט
און ווערן רואיקע נאָכמיטאָג־שלאָפערס.
ס׳וועט זיי פאַרוויגן
דער ניגון פון האַמער,
די פרייד פון דער זעג.
אָ, דאָס וועט געשען אין אונדזערע אייגענע טעג.

רייד צו מיר יידיש

רייד צו מיר יידיש, מיין יידיש לאַנד,
און איך וועל צו דיר ריידן עברית ממילא.
אברהם מיט שרהן קומען מיר אַנטקעגן
פון דער מערת המכפלה.

גאָט העלף, זיידע־באָבעשי.
אברהם גייט שווייגנדיק די גאַס אַריבער.
נעם זיך ניט צום האַרצן, יאַנקעלע,
זאָגט שרה, ער איז מבין כל דבור.

ס׳איז אַזוי דאָ אָנגענומען.
אַ מאַנסביל דאַרף יידיש שטומען.
אָבער אַ יידענע פון יידיש־טייטש

האָט אויך עפּעס וואָס צו זאָגן.
זאָג איך דיר גאָט העלף, מיין קינד,
זאָלסט מיר אַל דאָס גוטס פאַרמאָגן.

גלייב מיר, יאַנקעלע, ס׳וועט קומען אַ צייט,
אין כאַמישאָסער־לאַנד פון ראָזשינקעס און פייגן
אַז אַלע עברית־קינדער
וועלן אויפהערן יידיש־שווייגן.

און אַז זיי וועלן זיך צעריידן,
וועלן זיי, וועט אַ נחת זיין צו הערן.
אַזוי וועט געשען, יאַנקעלע, מיין קינד,
אַ שבועה קען איך דיר שווערן.

דער זיידע אברהם, פון יענער זייט גאַס,
ווינקט צו מיר און פאָכעט מיט דער פאַטשיילע.
אַ, רייד צו מיר יידיש, מיין יידיש לאַנד,
און איך וועל צו דיר ריידן עברית ממילא.

האָסט גאָרנישט אַוועקגעבענקט

האָסט קיינמאָל גאָרנישט אַוועקגעבענקט,
דיינע חלומות האָסטו אויפגעמאָנט,
האָסט זיי קיינמאָל ניט אַוועקגעשענקט.
ס׳האָט דיין האַפּטיקע בענקשאַפט
דיך ניט געלאָזט וויינען צו זעט,
דער טרויער איז פאַר דיר ניט געוואָרן
קיין פינצטערער הינערפלעט.

אויף אַלע דײַנע וואָגלדיקע
הין און צוריקן,
ביסטו שטענדיק געווען דער בויער
פון חומשדיקע בריקן.
האָסט געבויט דײַנע ניסים ווי אַן אַרכיטעקט,
געלייגט דײַנע ציגל מיט גלויבן.
אָפּגעשטויבט אַ ספר
און זיך געזעצט
אויף אַ שבעה־בענקעלע — לעבן.

ס׳איז ניט קיין פאַרבלענדעניש,
קיין צויבער.
גיסט אַ פלאַטער מיט דער פאַטשיילע
און ס׳שפּרינגט אַנטקעגן דעם גלויבער
די הייל פון מכפלה.
אויף די וועגן שפּאַנט אברהם
צווישן פריינדלעכע חיתים.
פון ערשטע, שטאָלצע טריט
דערהערסטו דאָס געזאַנג,
דערשפּירסטו דעם ריטעם.

בויסט דײַן חלום מיט אַ פּלאַן.
ס׳טאַנצט דיר אַנטקעגן די ערד פון כנען.
ביסט ניט קיין אומזיסטיקער בענקער,
אַ געדענקער ביסטו.
בייגסט זיך אָן, דערקענסט די ערטער,
צייכנסט זיי מיט היים אַרום.
שיקסט אַרויס דײַן רוף
צום האַרטן, פרעמדן אומעטום.

ווי גאַנץ

לאַנד פון מיין גבורה און דויער,
ווי גאַנץ דו ביסט.
דאָס גאַנצסטע וואָס אונדזערע יאָרן
פון טרויער
און פאַרוואָרלאָזטן אומזיסט,
האָבן באַקרעפטיקט.

פון דעם שימל פון דער גרויסער וועלט
אין אונדזערע ביינער,
האָסטו אַ בריק אויפגעשטעלט,
און פון אַלע צעוואָרפענע
יידישע שטיינער —
אַ מאָזאַאיק פון איין בויענדיקן ווילן.

די הענט פון די בויערס זיינען דערפרייט,
ווייל אַלע מעשים וואָס זיינען געווען צעזייט
זיינען איצטער גאַנץ.

ווי פינצטער דער האַלבנאַכט טורעם,
אָבער יעדע רגע פליט פאַרביי
מיט אַ בליץ פון ליכט.
אַ פעסטע האַנט פאַרריכט
אָן אויפהער
די מערכה פון אַ פאָלק.

אין קלאַסישן כּוס איז געפאַלן די לעצטע טרער.
דער שומר פון דער נאַכט פרעגט —
ווו?

די זיכערע האַנט באַשיצט, ווייזט אָן
אַ פּינטל רו.

קער זיך אָן

קער זיך אָן מיט זיך,
דערפרייַ דייַנע אייגענע קינדער.
די וועלט פון פעלקער און פנימער
גרינט אויף אונדזער קליינעם שטח.
דער צער פון געיאָג און פּלאָג
פאַרשטענדיקט אונדזערע ליפּן.

אפילו דער געשמדטער קרייַץ
ווערט אַ יידישער מאַנדלבוים,
און אַלץ קומט צוריק זיך בוקן
און האָרכן ביים קליינעם באַרג
פון יונגע געבאָטן.

אַלע קלוגשאַפטן מישן זיך
אַצינד פון רעכטס צו לינקס.
ריים הייַנט אַרונטער די גאווהדיקע שילדן
פון גענאָמענטע גאַסן,

און שפּאַן דורכן לאַנד
פון ביטחונדיקן ייִד,
וואָס האָט דאָס אַלץ פאַרגלייבט
און אַרייַנגעטרוויעריקט אין דעם טאָג־נאַכט
פון זייַן אלף־בית.

צעבאָרוועסט אין געמיט

צעבאָרוועסט אין געמיט גייען מיר, אַ באַזונדערע מחנה —
צום לאַנד כנען.
דער טאַטע פירט די קאָמאַנדע,
מיט גוטסקייט, צו שטיינער
וואָס גיבן ניט קיין פרנסה.

גאָט פון אונדזערע אבות,
מיר זיינען געקומען דעראָבערן
ברייטע גיטער פון אָרעמטימער,
געקומען ירשנען באַשערטע קנאַפקייט,
אָפגעאײנדזלט פון דער גרויסער וועלט פון וווילטאָג.
אונדזער לאַנד, אונדזער צעפינקלט לאַנד,
אָן גאָלד, אָן דימענטן,
אָן תקיפדיקן באַזיץ.

זאָלן שפּאַנען באַזונדער די טרויעריקע מאַנערס.
מיר וועלן בענטשן יעדער טרונקוואַסער,
און אויפנעמען און זיך פאַרגינען
דעם באַגריס פון אַ טייערן פויגל,
וואָס מיר האָבן אים שוין ניט געזען
פון יהושע בן נונס צייטן.

דער טאַטע פירט ווייטער די קאָמאַנדע,
צום באַשערטן באַרג.
וווּ מיר זיינען מקבל די תורה:
אָרעם און נאָענט זאָלט איר מיר זיין,
מיט אייערע זאַקקליידער,
מיט אייער גענוגשאַפט
און קלוגע אויגן פון אומגלוסט.

די טרויעריקע מאַנערס

די טרויעריקע מאַנערס קומען.
מיין באַרוועסער טאַטע איז שטום.
זיי שרייען די טרויעריקע מאַנערס.
דעם טאַטנס הענט זיינען ליידיק און פרום.

גיט זיי גלייך זעטיקע גרייטקייט.
פעסטע הייזער מיט ניט-געלעכערטע דעכער.
אומבאַגרענעצטע ברייטקייט.
מיט ברכות אַ פולן בעכער.
פעטקייט פון הימל און ערד.
באַשיצטע זיכערע ברויטן.
שלאָף פון שטאַרקע אומגעשטערט.

דער באַרוועסער טאַטע שטאַמלט.
רבונו של עולם,
ווו נעמט מען עס אַלץ אויף באָרג?
דער יידישער גאָט פון דלות
וואַלקנט זיינע הימלען מיט זאָרג.
ס׳וויינען מלאכים אויף פאַרדאגהטע האַרפן.
עמך ישראל, דיין פאָלק,
צריכים, זיי דאַרפן, זיי דאַרפן.

מיינע אָרעמגיטער

מיינע אָרעמגיטער זיינען בלוי מיט בלי
און צעווינטלטער שפע.
שכנים טיילן זיך מיט ברויט און מילך.
קינדער זאָגן מודה אני,

מיטן קול פון חדר.
אַ פויגל זינגט אַריין דעם סכום פון תנכישער קלוגשאַפט
אין געציילטע טרעלן.

דאָס קליינע לאַנד ווערט וואַרעמער
פון דער גאַנצער וועלט —
מיט גאָטס פנים.
קינדער וואַקסן אויס — קינדער,
אין דער צוגעטוליעטער ענגשאַפט.
דער חזיר איז שוין לאַנג אַנטלאָפן.
דאָס ציגעלע זינגט מיט אַ תמימותדיקן מע,
ווי אין די פאַרדרימלטסטע וויגלידער.
דער שוחט וואַרפט אַוועק דעם בליציקן חלף.
דאָס ברויט פאַרשמעקט דאָס לאַנד
מיטן אַראָמאַט פון יום-טובדיקן דלות.
דער באַרוועסער טאַטע קוועלט אָן און זינגט.
אַ פולער הימל לאַמטערנעס גיסט ליכט און פרידן,
אויף שטיין אין פעלד,
פאַרזילבערטע בהמות, קינדער אין די בעטן.

דער טאַטע-פאָטער,
גאָט פון יידישן דלות,
דריקט צו דאָס גאַנצע לאַנד צום האַרצן
און זאָגט קריאת-שמע.

דאָס צוגעזאָגטע לאַנד

כאָטש איין מאָל נאָך אין לעבן וואָלט איך וועלן גיין
צוזאַמען מיט די אבות פון מיין שטאַם,
הערן דאָס קול פון גאָט דורך וואָלקן און דורך פלאַם,
פילן, אַז איך בין קיינמאָל ניט אַליין.

נאָך איין מאָל זען דאָס צוגעזאָגטע לאַנד, —
דער ים און ירדן וואַשן זיינע ברעגן,
די שפּורן פון די אבות איבער אַלע שטעגן,
ווי כ׳האָב אין מיינע חדר־יאָרן מיט זיי געשפּאַנט.

און ווען די וועגן טונקלען און ס׳פאַלט צו די נאַכט,
וואָלט איך כאָטש איין מאָל נאָך געוואָלט אַנידערלייגן
מיין קאָפּ אין בית־אל, וואָס איז מיר נאָנט און אייגן,
און חלומען אויף זיינע שטיינער פון דער לייטער
און די מלאכים, די באַגלייטער,
מיט וועמען כ׳ראַנגל אייביק מיך אין גרויסער וואַכט.

מיין שטוב אין מיין אייגענעם לאַנד

איך וועל מיך אויפהייבן אַ טאָג אַ שיינעם
און מיך אַוועקלאָזן אין וייטן וועג,
כ׳וועל מיך ניט אָפּשטעלן אין גאַנג פאַר קיינעם,
ביז איך וועל גרייכן פון מיין לאַנד דעם ברעג.

דאָס גאַנצע לעבן מיינס, אַז כ׳הער אין האַרצן
ס׳געריוויש פון ירדן צווישן באַרג און טאָל.
איך זע דעם חרמון ווייס צום הימל שטאַרצן,
איך רוף, און ס׳ענטפערט אָפּ פון באַרג אַ קול.

איך וועל מיר אויסמעסטן דאָס לאַנד צונויפן
פון ים צו ים און פון ראַנד צו ראַנד.
כ׳וועל מיינע ברידער אָפּגעבן דאָרט גרוסן
פון דעם צעזייטן יידיש־לאַנד.

איך וועל מיר בויען דאָרט אַ שטוב, אַ גאָרטן,
און זיי אַרומגרויזן מיט אַ צוים,
און פלאַנצן וועל איך מיר, אוי, פלאַנצן דאָרטן
אַ וויינשטאָק און אַ טייטלבוים.

אוי, פלאַנצן וועל איך דאָרט ביי מיר אין גאָרטן
אַ וויינשטאָק און אַ טייטלבוים,
אַז מיינע קינדער זאָלן דאָרטן
אוי, אַ זיס לעבן האָבן שוין.

מלכה חפץ־טוזמאַן

גלבוע

אָט ליג איך ביי דיר
ווי רות איז געלעגן ביי בועז צופוסנס,
נאָר מיך
ניט געשיקט האָט נעמי.
אַליין האָט געגיכערט אַהערצו מיין שפּאַן,
גלבוע, מיין מאַן.

זע, איך בין אַן עקרה אַ וויסטע
און אין דיר איז אַ הילף מיר פאַראַן,
גלבוע, מיין מאַן.

מע זאָגט: אין דיין אָפענער דלאָניע,
אָט דאָרט, אין דער הייך,
וואָס קוים מיטן אויג איך דערגרייך
איז אַ סגולה —
איריסן שוואַרצע אַזעלכע פאַראַן,
גלבוע, מיין מאַן.

וואַרף מיר אַרונטער אַן איריס אַ שוואַרצן,
וועל איך עסן זיין פייער,
וועל איך שלינגען זיין סם,
גלבוע, מיין מאַן.

דו ביסט אַזוי גרויס, אַזוי שטאַרק,
אַזוי גוט,
דעק מיך צו און פאַרוויג דאָס געוויין אין מיין בלוט,
ס׳איז רחמים ביי דיר דאָך פאַראַן,
גלבוע, מיין מאַן.

נאָך דעם שפּרייט אויס איבער מיר דיינע שטערן
און איך וועל דיר שעפּעלעך ווייסע געבערן,
וועל איך שוין וויסן אַז גאָט איז פאַראַן,
גלבוע, מיין מאַן.

גאַנצענע סטאַדעס און טאַקע איך אויך
וועלן זיך שפּילן לענגאויס דיין בויך,
וועט זיין
אַזוי ווי אין אַלטן תנכישן גן,
גלבוע, מיין מאַן.

און איך וועל נאָך אַלץ דיר געבערן, געבערן
ביזקל אַ שטויבעלע וועט פון מיר ווערן.
זאָלסטו דאָס שטענדיק אויפן אַקסל טראָגן
און איך, אַ פאַרשטילטע, וועל מער גאָר ניט זאָגן,
ווייל פאַר אַזאַ פרייד איז קיין וואָרט ניט פאַראַן,
גלבוע, מיין מאַן.

טאָ וואַרף מיר אַרונטער אַן אירים אַ שוואַרצן,
וועל איך עסן זיין פייער
און שלינגען זיין סם,
גלבוע, מיין מאַן.

י. י. סיגאַל

אַ שאָף

דערפיר אונדזערע יידישע שיפן
צום היימברעג פון צפת און רחובות.
אָ, קרוין מיך פון דאָס ניי, ירושלים,
ווי אַן אייניקל יהודה הלוים.

אַפילו אויפן הויפן פון חורבן
וועל איך אויפהויבן מיינע הענט און לויבן
איטלעך קינד, יעדער זאַנג אין דיין נחלה,
וואָס גייט אויף ווי אַ זון אין דיין גלויבן.

כ׳פאַל אין קדושה, אין פאַרכט און אין כבוד
פאַרן נס פון דיין ווידערגעבוירן.
אויב איך האָב ניט קיין זכות זיין דיין שומר,
וועל איך בעטלען ביי דיינע טויערן.

מיין לירע, כאָטש יונג און ניי־מאָדיש,
וועט אויסשפּילן דיין אַלט־שיר־השירים.
דיין אַלט־שיר־השירים איז אייביק —
אין שיכרות דאָס האַרץ צו פאַרלירן.

און דאָס פאָלקסליד פון גלות וועט נאָכגיין
און מיט איידעלע הענט פון מיר מאָנען:
אָ, יעקב, ניט לאָז מיך און נעם ניט
אַוועק פון מיין גורל דיין פּנים.

אַ שאָף האָט פאַרבלאָנדזשעט אין מדבר,
און משה דער פאַסטעך דער ליבער,
בייגט אָן זיך און נעמט אויפן שוים איר,
און טראָגט זי דעם מדבר אַריבער.

פון אַ בריוו פון ישראל

...און די אַלטע יום-טובים דאָ האָט מען
אָנגעטאָן נייע מלבושים.
האָסט געדאַרפט אונדזער אַלטערלען זען
מיטן ירדן זיך דאָ צעקושן
אויף אַ קול, מיט אַ קווויטש:
מיין טאַטנס ירושה!

ער האָט ניט קיין אָנשטעל געמאַכט,
האָט אַלץ דאָ דערזען און דערקענט,
און צענומען די פיס און די הענט.
לאָזט אים לויפן און פליען.
ער פאַלט-צו צו אַ קופּע צעמענט
ביי אַ שטוב מיט דריי ווענט:
ירושלים! ציון!

און צעפּלעסקעט זיך פלוצעם — אַזש ס׳האָבן
זיך צעגלאָזט אַלע פענצטער אויף אים,
און צעשטוינט אַלע שוועלן און טירן.
וואָסי? אויף אַ שפּיץ פון אַ דאַך
האָט ער פּלוצעם אַ פויגל דערזען,
און געגעבן אין גאַנצן אַ קלונג:
שיר-שיר! שיר-השירים!

און אַלץ איז דאָ פֿאָלקסטימלעך יונג,
און אַלץ איז דאָ פּונקט ווי ביי זיך.
ביי זיך, ווי די פּים און די שיך.
און אַלע וועלן נאָך קומען אהער,
אַפּילו — משיח.

א. ש. שקאָלניקאָוו

צו אַן אַראַבישן פּאַסטעך

א

מיר האָבן זיך געקריגט דאָ —
דאַרפֿן מיר זיך איבערבעטן.
כ׳שטיי פֿאַר דיינע שוואַרצע אויגן
אין אַ שטיל, ווייס שווייגן.

ווייטער גיי איך ניט פֿון דאַנען
און דאָ שטיי אויך לעבן מיר דאָ,
זאָל דער שטיין אונדז זיין אַ צייכן
פֿון אַ קרובהשן פֿאַרשטיין זיך.

האָסט געקענט מיין פֿאָטער יעקב
און מיין מוטער רחל —
פֿיר מיך איצט צום טאָל דאָרט,
וווּ מיין וויגל איז געשטאַנען.

מיר האָבן זיך געקריגט דאָ —
דאַרפֿן מיר זיך איבערבעטן;
לאָמיר צוגיין צו דעם אַלטן ברונעם
און אַראָפּקייקלען דעם שטיין צוזאַמען.

ב

איך האָב אַמאָל פֿון הי אַרויסגעוואַנדערט
און דו האָסט מיך געאַרבט;

איך האָב זיך אויף דער וועלט געאַנדערשט
און דו האָסט דאָ געדאַרבט.

אויף הייסע זאַמדן ביסטו איינגעשלאָפן
אין אַ פאַרלוירענעם געטראַכט;
און וואָס דער מדבר-ווינט האָט נאָר געטראָפן
האָט ער פאַרשלעפּערט און פאַרשמאַכט.

ס'איז ניי דיר איצט און פרעמד מיין קומען,
דו האָסט שוין לאַנג מיין עבר דאָ פאַרגעסן,
עס רייצן איצט דיך מיינע פרישע בלומען,
דער קילנדיקער שאָטן פון ציפּרעסן.

צי פילסטו ווי דער ירדן קוועלט מיט קילקייט?
ווי ס'הייבן זיך יהודהס בערג מיט לויב?
ווי ס'וויקלען פעלדער זיך מיט אַ צעשפּילטקייט,
און ווי מיין שלום פלאַטערט ווי אַ ווייסע טויב?

ג

נעם דיינע שאָף
און קום אַריבער צו מיין דאָרף.
מיין גראָז איז זיס
און וועט דערקוויקן דיינע שאָף.
און פאַר דיר, מיין שכן,
צעשפּרייט איך אין דער וואָכן
אַ טעפּיך גאָר אַ נייעם,
און שטעל מיין בעסטן וויין:
— לחיים!
שלום זאָל שוין זיין!

ד

און ביז עס וועט די זון פֿאַרגיין —
פֿיר איך־מיט דיין הערדע צו דיין היים,
ביז צו דיין טויער,
איך שווער דיר ביי מיין גלויבן!
זע, ס'פֿינקלט איבער אונדז שוין אויבן
אַ שטערן אַזאַ בלויער.

ה

כ'וויל ניט, פּאַסטעך, דיך פֿאַרלאָזן
און מיט דיר אויף אַלע מאָל זיך שיידן.
כ'בייג מיין קאָפּ נאָר פֿאַר די יונגע גראָזן,
פֿאַר די לייבלעך פֿרישע פֿעלדער,
פֿאַר די ביימער וואָס באַקליידן
בערג און טאָל און גוטע וועגן.
כ'הייב מיין קאָפּ אויף ביי די ברעגן
פֿון די טייכן און די ימען,
און איך קוש די בלויע הימלען,
ווי איך וואָלט געקושט מיין מאַמען.

צוויי ווייסינקע ציגעלעך

(מיין טאָכטער אין מושב אורות)

די נאַכט איז געוואָרן בלוי, ריין,
דיין ציג אין שטאָל איז געבליבן אַליין,
אין אַ שווערן געמיט פֿאַרנורעט אין היי,
מיט טרערן אין די ווייכע אויגן,
מיט געבורט־ווי.

דו האָסט געוווּסט, אַז דײַן ציג וועט די נאַכט
ניט עסן, ניט שלאָפֿן; און אומעטיק געטראַכט
און מיט צער געוואַרט צו הערן מוטער־געוויין,
ווי אין דיר וואָלט אויפֿגעגאַנגען איר פּײַן.

שטיל האָבן שטערן אין הימל זיך צעשטעלט,
ביים אייגציקן פֿענצטערל פֿון שטאַל זיך צעהעלט —
פֿרייד־שײַן און מוטערלעך געזאַנג צעוויגט,
און גראָז און זאַנג אין פֿעלד באַגליקט.

די נאַכט איז געוואָרן לויטער גרין, שטערן־ריין
און דײַן שלאָף האָט ניט געוועקט קיין געוויין — —

באַגינען ביסטו צו דער שטאַל דאָרט געלאָפֿן
מיט דײַנע זשעדנע קריגעלעך —
ס׳זײַנען ביי ברוסט פֿון דײַן ציג שוין געשלאָפֿן
צוויי ווײַסינקע ציגעלעך.

א. גיטענזאָן

ישראל

(פראַגמענטן)

אַז איך קוק זיך אַרום
און וויל באַנעמען דיין זין,
קליינע, יונגע מדינה מיינע,
עופּעלע פון דער צייט און געשיכטע,
פאַרנעם איך דאָס רוישן פון פליגלען,
דאָס זיינען די פליגלען פון דער צייט;
הער איך ווי עס בלאָזן ווינטן.
דאָס זיינען די ווינטן פון דער געשיכטע;
פיל איך אַ ליכטיקייט אויפגיין אין מיר,
דאָס איז די ליכטיקייט פון „יהי אור",
וואָס האָט באַלויכטן דעם מענטש
און אַנטפּלעקט אין אים דאָס פּנים פון גאָט
אויף אַלע צייטן און אַלע אייביקייטן.

הערט זיך איין איר פעלקער,
און פאַרנעמט בני־אדם:
— ישראל איז דער גאָלדענער פאָדעם פון גאולה,
וואָס ציט זיך פון פעלקערשאַפטן און לענדערייען,
און אַצינד טוט זיך עס באַנייען
אויף דעם פינטעלע ערד
פון וואַנען דער באַשעפער האָט צוריק מיט שש אלף שנים

געבויט די בריק, און זי באַגאָסן מיט ליכט פון זיין פּנים,
צו זיין דערקענער — דעם מענטש.

*

הערט ווי עס ווערט אַ לעגענדע באַשאַפן,
הערט ווי עס ווערט פון לעגענדע וואָר,
נאָך אַזוי פיל און אַזוי פיל יאָר.
עס דערציילן זי די דראַטלאָזע טעלעגראַפן,
עס קלאַפּן זי אויס די לינאָטיפּן,
עס ציטערן די הערצער און ליפּן,
עס פאַרחתמענען זי די פּרעססמאַשינען:
— אַ פאָלק איז געשטאַנען ביים סיני,
גענומען דעם עול פון אַ תורה,
ווו ס׳האָט זיך צעזונגען דאָס לעבן
אין אַלע געשטאַלטן און פאַרבן,
און האָט זיך געשוווירן, אָן מורא,
צו לאָזן בן־אדם עס אַרבן;
און אויב עס וועט קומען לית־ברירה,
איז אויפשפּילן עס דורכן שטאַרבן
פאַר גאָט און פאַר וועלט אין די אויגן,
ביז ס׳וועט דער בן־אדם זיך בייגן
פאַר שיינקייט, וואָס איז ניט צו מאָלן,
וואָס איז ווי די זון אין פרימאָרגן
אויף שפּיצן פון בערג און אין טאָלן.

*

צוואַנציקסטער יאָרהונדערט,
געבוירענער אין אומגליק און ווונדער,
פאַרטונקלטער אין בלוט און משיחות,

וועסט ציען די קייט פון דיין יחוס
פון טאָג, ווען אַ פּשוטע עדה
האָט די תּפילה פון קינדער און זיידעס
באַהעפט מיט עלעקטרישע דראָטן,
וואָס האָבן דער וועלט זי געטראָגן,
דער פינצטערער נאַכט פון געשיכטע
אין פּשוטן לשון געבאָטן:
— אין מזרח הייבט אָנעט צו טאָגן.

*

אין מזרח גייט אויף די זון,
אין מזרח איז אויפגעגאַנגען גאָט,
אין מזרח גייט אויף ישראל,
דער געיאָגטער, דער געפּייניקטער גואל,
אין יאָרהונדערט פון ווּנדער און גאולה;
זיינע בעבערם מיט פּיין זיינען פולע
ביז צום ברעג;
אַצינד וועט ער ווייזן דעם וועג
צו דעם אָנהייב פון אַ ניי קאַפּיטל,
וואָס ער האָט אין טלית און קיטל
אויסגעטראָגן, אויסגעפּייניקט,
אויסגעלעבט און אויסגעשטאָרבן
פאַר די אויגן פון דער וועלט;
אַצינד גייט פון מזרח אויף און העלט,
ווי ביי מעשה בראשית,
מיט געציטער און געבענטש
פאַר די אויגן פון דער גאַרער וועלט
דאָס צייטיק-ווערנדיקע קאַפּיטל: מענטש —

ל. פיינבערג

דאָס געזאַנג פון ישראל סבא

א

נעמט צונויף זיך, זינגמייסטער פון עבר,
שמידט פון גינגאָלד אייער זיסן קלאַנג,
לאָמיר זינגען פון ישראל סבא
מזמור שיר — אַ יובלדיק געזאַנג!

נעמט אַראָפּ די האַרפעס פון די ווערבעס
ביי די טייכן פון דעם נכרי־לאַנד,
איבער סטרונעס, פון דעם ווינט צעשטשערבעט,
גיט אַ שפּיל־אויף מיט געניטער האַנט.

נעמט צונויף זיך, ציונס טעכטער פרייע,
טוט אַ שפּיל אויף האַרפע און טימפּאַן:
דבורהס זיגליד איבער סיסראס חיל,
מרימס זינגעוודיקן פּויקנטאַנץ!

ס׳האָט אַ שאַל געטאָן דער שופר: „תקיעה!"
ס׳האָט אַ קול אַ רוף געטאָן: „דערוואַך!" —
איבער בערג און טאָלן שפּאַנט די תחיה
אין דעם לאַנד פון ליכטיקן תנך.

ס׳האָט דער פיינט געטשאַטעוועט ביים טויער,
ווי אַ שלאַנג געלויערט הינטער וואַנט,

נאָר דער העלד — דער חלוץ און דער בויער —
האָט דעם פּיינט באַזיגט מיט ביקס אין האַנט.

טאַנצן יידן, זינגען תחיה־לידער,
פרייד איז גרויס — מען ווינטשט זיך „מזל־טוב!" —
און די בערגלעך טאַנצן, ווי די ווידערס,
און די הייכן שפּרינגען, ווי די שאָף.

באַרג און טאָל אין פּחד פאַלן כורעים,
און דער ירדן צוריק די כוואַליעס ראָלט:
אל צבאות נידערט פון הר־חורב
איבערבעטן זיך מיט פאָלק ישראל.

טאַנצן, פאָכען פלאַטערדיקע פאָלעס
אין אַ ריקוד, אין אַ יובל־לויב.
און דאָס **גאָלדן־ציגעלע — דער גלות** —
הינקט אַנטקעגן דעם **יהודה־לייב**.

ב

ביי די ברעגן גאולה־כוואַליעס רוישן,
נאָר אַריבער זייער תחיה־רעש
הערט מען ס'קול פון ווייטע גלות־קדושים,
רייד פון מאָנונג אונטער הויפנס אַש:

„פול, ניט פול וועט ווערן די גאולה,
אויב איר וועט פאַרגעסן אונדז אין פרייד,
אויב אין אייער ליכטיקער גדולה
ניט געדענקען וועט איר אונדזער טויט.

„פון דעם גלות' חרובע בית־עלמינס
רופן מיר — די טויטע זעקס מיליאָן,

אויף די גרינע תל־אביבער פּאַלמען
הענגען מיר די האַרפעס, ווי אַ פאָן.

„און מיר שווערן ביי די בערג פון גליל
און ביים לעצטן געטאָ־ווידערשטאַנד:
אויב מיר וועלן דיך פאַרגעסן, גלות,
זאָל אונדז אָפּדאַרן די רעכטע האַנט!

„זאָל די צונג אונדז צוקלעפּן צום גומען,
אויב מיר וועלן ניט געדענקען מער
די קדושים־זין פון אונדזער אומה
אויף דער פרעמדער גלותדיקער ערד!

„זאָל מיט בלוטיק־ברענענדיקע אותיות
דאָ פאַרשריבן זיין פאַר גרוים און קליין:
ווי ס'איז הייליק יעדער שטיין פון כותל,
הייליק איז פון געטאָ יעדער שטיין!

„און בלויז דעמאָלט הערשן וועט דער שלום
אין ישראלס אויסגעלייזטן הויז,
ווען ס'וועט גאָלדן ציגעלע פון גלות
לייב פון יהודה נעמען אין זיין שוים".

מאָרגן־זעער, זינגמייסטער פון עבר,
שמידט פון גינגאָלד אייער זיסן קלאַנג:
לאָמיר זינגען פון ישראל סבא
מזמור שיר — אַ יובלדיק געזאַנג!

ירושלים

די זון שפּרינגט איבער די הרי־יהודה —
אַ גאָלדן ציגעלע אויף שטראַליקע פּיס.
דער זיסער קלאַנג פון דעם פּאַסטעכלס דודע
הענגט, ווי אַ טרויב, אויפן באַרגיקן ריס.

דער וועג, ווי אַ ווייסער, אַ זילבערנער למד,
זיך שלענגלט פּאַרוים — באַרג־אַראָפּ, באַרג אַרויף.
די בייטן אין טאָל — גרינע שורות פון סאַמעט —
טאַנצן און קרייזן אין שטראַליקן לויף.

די זון — אויף עקדה, ווי דער איל פון חומש,
מיט צעשניטענעם האַלדז ליגט אין גסיסה־צוק.
און וואָלקנס, ווי שׂרפים מיט פליגלען ווייס־פרומע,
טריפן אייל אויף די ווונדן — פון אַ גאָלדענעם קרוג.

איבער חומות און תהומות גייט אויף אַ ניגון,
וואָס שוועבט איבער שטאָט, ווי אַ זילבערנע פּלייט.
די בערגלעך, ווי לעמער געקרייזלטע, ליגן
אין אוראַלטער רו, ווי אַ פּורפּורנע קייט.

דער אָוונט נידערט אויף שטאָט ירושלים —
אַ בלויע, פאַרבענקטע טירקלטויב.
די וואָלקנס, באַזוימט פון שקיעה־פייער,
ווי שאָף, זיך פּאַשן אין דימענטשטויב.

די נאַכט שפּאַצירט איבער שפּיצן פון חומות —
אַ ווייסע מלכה אין דימענטקרוין —
און זעט איבער שטייניקע געסלעך חלומות,
אַ נשאר פון ישעיהס חזון.

ווי הענגלעך טרויבן — באַטויעטע, שווערע,
פון זון באַטרונקען מיט שיכורן זאַפט,
אויף הימלען הענגען ירושלימער שטערן —
אַ שטראַליקער כתב פון נאָך־איידער באַשאַף.

די נאַכט הילט אײַן ירושלימער דעכער
אין זילבערנער שׂמלה פון קרישטאָלענער שײַן.
די שטערן טריפן פון אליהוס בעכער
אויף פלאַכע דעכער זילבערנעם ווײַן.

צפת

דער הימל פון צפת איז פון כולו־תכלת,
די ערד אין צפת איז ליימיק און רויט.
דער טויט שמעקט דאָ מיט לעבן מיט הייליקס,
דאָס לעבן שמעקט דאָ מיט בשׂמים פון טויט.

אויף שיפועים פון בערג, ווי צעפליגלטע מאַסטן
פון אָקרענטן פאַרגליווערטע שטיין אויף שטיין,
ליגן געסלעך פון צפת, ניט מיט שטיינער געפלאַסטערט,
נאָר מיט תפילות פון דורות פון פרייד און געוויין.

אויף די דעכער פון צפת, ווי די יונה־הומיה,
ברומט דאָס קול פון דער שכינה, אין די שפּאַלטן פון וואַנט;
די הייזלעך, ווי לעמער, רוען צאַרט אין דער שקיעה,
מיט די העלדזער פאַרוואָרפן צו הר־כנען.

איבער געסלעך פון צפת גליט די „מעשׂה־מרכבה".
איבער שול פון אר״י — באַרג־אַראָפּ, באַרג־אַראָפּ —
שוועבט אַרום אַ מקובל אין דעם זילבערנעם אָוונט
מיט צעשטראַלטן של־ראש אויף געקרייזלטן קאָפּ.

כ׳פרעג ביים יידן אין שול פון אר״י הקדוש:
— „ווי לאַנג ווי איר גלעט דאָ די גרויע באָרד?״
און ער ענטפערט פאַרטראַכט: — „איך זיץ דאָ, בן־אדם,
אַ קימא־לן באַלד שוין פיר הונדערט יאָר!״

איבער געסלעך פון צפת שפּאַנט אָרום כביכול,
אַ פּשוטער ייד — אין בגדי־חול,
גלעט די קעפּלעך פון קינדער מיט אַ זיידישער ברכה
און בענטשט די תינוקות מיטן תשבים קול:

— „שלום לכם, קינדער! פון ים כנרת
כ׳האָב געבראַכט אייך מתנות אַ פולע פאַס!״
און ער טוט איבער זיי, ווי אַ שנירל פערל,
אַ צעשאָט די שטערן אויפן הימל פון צפת.

און די שטערן פון צפת, ווי צעשטראַל פון צירופים
פון דער ליכטיקסטער ספירה תפארת־הוד,
טאַנצן פריידיק אָרום מיט די קינדישע גופים,
מיט כביכול אין מיט אין אַ זילבערנער ראָד.

אהרן צייטלין

ליד צו דעם סאַברע

פאַרנעם!
כאָטש אין ישראלס ספר־הדורות
בין איך אַ נקודה אָן פאַרנעם,
ווערט מיין זאָג דיר געזאָגט
אין נאָמען פון אַ צווייטויזנט־יאָריקער קלעם,
אין נאָמען פון פאַרפייניקטער קדושה,
וואָס איז דיין ירושה
און דיין שורש.
מעגסט ווען צי ניט — ביסט יורש.
מתקן זיין דאַרפסטו די טרערן,
וואָס דורות האָבן פאַרגאָסן
דורך תיקון־חצותן.
אַ זין דאַרפסטו געבן דעם בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסן
צוויי טויזנט יאָר.
און — זעקס מיליאָן מער מאָל האַרבער —
אַ זין די מאַידאַנעקס, אַ זין די טרעבלינקעס.
ס׳דערלאַנגען דיר דורות אַ ווײַן איבער ווייַנען,
אַ טונקל געטראַנק פון יידישע פּיינען —
קער ניט דעם קאָפּ אַוועק — טרינק עס!

דאָס אוראַלטע געטראַנק, דאָס שווערע געשאַנק,
ווי יעדער טראָפּן וויל תיקון —
וועסטו עס אָפּשטויסן, קינד פון ישראלס פרימאָרגן?

זיי מעלה,
די ניצוצות אַלע,
וואָס זיינען אין דעם ווייַן דעם טונקעלן פֿאַרבאָרגן.
פֿאַר דיר אַט דער ווייַן!
אַז ניט — טאָ פֿאַר וועמען?
פֿאַרן גלות? ניין,
ער פֿאַרראַט זיין פֿאַרגאָסן בלוט,
לעסטערט זיין אייגן געוויין.
טו דו ניט פֿאַרשעמען
דעם טרויער!
בוי אים אַריין אין דיין בנין,
בויער, דו בויער!

ס'לאָזן דיך גריסן
די דורות הינטער מיר. זיי ווילן, דו זאָלסט וויסן,
וויפֿל טרערן פֿון יידן
סע זידן
אין די אותיות ישראל.
ניט עשׂו'ס גליקן,
ווינטשן זיי דיר, נאָר דאָס גליק פֿון תיקון,
דאָס גליק פֿון ברעכן
דעם אָרעם דעם פֿרעכן
פֿון דער קליפּת סמאל.

דאַרפֿסט זיין דער זין-געבער, דאַרפֿסט זיין דער טרייסטער,
און דערפֿאַר
מוזסטו אַריינאייביקן אין דער טרייסט
דעם גזר, דעם קאָשמאַר — — —
דערפֿאַר!

מיר האָבן צוויי יאָרטויזנטער געדענקט ירושלים,

ביז מיר האָבן אויסגעבלוטיקט דיך,
דעם נייעם.
איצט וועלן מיר מוזן געדענקען מאַידאַנעק.
פאַרגעסטו ביסטו דער פאַרשוועכער פון אַ סוד,
און נאָר אַן עפּיזאָד
וועט זיין די מדינה.
אין יעדער שמחה דיינער, אין דיין גרעסטער פרייד
וועסטו ניט טאָרן פאַרגעסן די קינה,
ניט טאָרן פאַרגעסן די איכה.
אם אשכחך מאַידאַנעק — תשכח ימיני!
תדבק לשוני לחכי, אם לא אזכרכי!

יענער צער,
וואָס אַז דו גיסט אים תיקון,
היט ער דיין הויז און היילקט די ערד —
געטרוי אים!
דער גאָט פון דיין פאָלק צעשטערט
יידיש גליק, ווען ס׳ווערט ענלעך צום גליק פון די גויים.
ניט לשם אַ גליק,
וואָס איז פרעכע פאַרשוועכונג פון אומגליק,
ווערט געבוירן אַ מאַן;
ניט לשם אַזאַ גליק איז ישראל פאַראַן —
פון אַ ייד פאָדערט גרויסקייט אפילו דער שטן.

עפּענער יונגער פון ווער-ווייסט-סאַראַ תקופה!
דיינע העלע העלדישע הענט
זע איך און זאָג:
נאָך אַ זיג
איבער דער רשעות דעם שונאס
וויל איך נצחונות
איבער דעם גוי אין דעם יידן גופא.

איך רוף דיך צום טאָג פון גאונות!
זאָל אויפגיין פון עמק — עמקות,
און אויף אַלט, אויף אייביק, אויף טיף
זאָל געגרונטפעסטיקט זיין
תל־אביב!
צו דער תורה פון אַ לעבן, געבויט
אויף די פתר־תורה פון יידישן טויט —
יעמוד!

געזאַנג לכבוד ירושלים עיר־הקודש

ירושלים, מאַמע געטלעכע,
באַשענק דיין קינד, וואָס גייט אָן ליכט,
מיט שטראַלן, חסד־שטראַלן עטלעכע
און אָטעם אויף אין זיין געדיכט!

צו דיר, וואָס דו באַהעלסט פאַרלאָשענע,
אַנטלויפטע פון ערדישן יאַריד,
פון ליפּן פאַלשע, הערצער גראָשענע,
אַ יונגער אומעטיקער ייד.

איך קום צוגיין פון דאָס פאַרשווינדיקע,
צו דיר, וואָס טורעמט איבער צייט,
פון אַל דאָס בייטעוודיק־אַצינדיקע —
צו דיר, וואָס וויים ניט פון קיין בייט;

פון רייד, וואָס פראַלן פוסט און טמאדיק, —
צו אַלטן זינגענדיקן שטיין.
דיין בלויע לופט ברענט נר־נשמהדיק,
אין דיר טוט תפילה גאָט אַליין.

כ׳וויל אין דיין כותל, ניט צום איינלייגן,
מיט טרערן אויסברענען אַ שפּאַלט
און מיין נשמה דאָרט אַריינלייגן —
ביז טעג פון אחרית — אויף באַהאַלט.

דער אור, וואָס האָט אין אורצייט אויפגעהעלט
און ס׳האָט באַהאַלטן אים גאָטס האַנט, —
אין דיר באַגערט ער ווערן אויפגעדעקט,
דער וועלט דער אונטערשטער באַקאַנט.

אַ העלקייט העלט אין דיר אַ שטענדיקע,
נאָר ס׳ווערט געהיט פאַר דיר, ווי וויין,
אַ שיין נאָך ליכטיקער, נאָך בלענדיקער:
די לעתיד־לבואדיקע שיין.

ווען ס׳וועט דאָס הויז פון אָרום איינפאַלן,
ווען נאַכט וועט אָרבן אדומס ווױן, —
וועט אויף דיין פּנים יענע שיין פאַלן:
זי פאַלט אויף דיר פון גואלס קרוין.

אַז ווויל דעם אויג, וואָס זעט דיין אחרית־טאָג,
ווען נייער אלף קומט נאָך תיו,
דיין אור־הגנוזדיקן אחרית־טאָג,
ווען ס׳כאַפּט זיך רחל אויף פון שלאָף!

אויפן דאַך

אין הויכע עדהס, פּורפּורנע געזעמלען
זאַמלען זיך שטערן און פלעמלען.
פון זאַמדן שטייען אויף און שפּאַנען

קאַראַוואַנען
קעמלען:
די האָרבן וויגן אַ שטיינערנעם תנך.
אין שאָטן גריזשעט נאָך אַ הונט איזבלס ביינער.
צווישן שטיינער
האָגלט נאָך דעם נביאים הארבע שפּראַך.

פון וועלכע וועלטן בין איך דאָ געפאַלן אויפן דאַך?
אויך איך בין איבערחזורונג פון גאָר אַן אַלטער זאַך.
עס קען מיך די לבנה.
ס'פירן מיר די קעמלען אַ מתנה
דעם שטיינערנעם תנך.

אַ גלגול

גאָטלאַנד! ניט אַנדערש: איך בין אַ גלגול
פון דיינעם אַ פאַרצייטישן זינדיקן שׂר.
כ'האָב ווייבער געקויפט און האָב געזויפט,
געלאַכט פון נביאים און זייער צער.

דערפאַר איז געגאַנגען מיר קאָפּ־אַראָפּ...
כ'בין געוואָרן אַ ניט פאַרגאַסענע טרער.
דורך הערצער פון קינדער בין איך געגאַנגען
ווי אַ בייזע מעשה וועגן אַ בער.

כ'האָב זיך געוואַלגערט אין פרעמדע תפילות,
אין ווייטע לענדער געטאַנצט אויף אַ שטריק.
נאָך אַ גלאַבאַלן גלגול־מחילות
קום איך צוריק.

שאַקאַלן וויינען דאָ אָפּ גאַנצע נעכט,
דערנאָך קומען זונען אָן און לאַכן.
ווייטע קרובים זוך איך אין אויג
פון אַלטע פעלאַכן.

טיף זיינען די נעכט דאָ, ווי די שפּיגלען טיף,
ווי מען דערזעט אַ מת בײַם חצות-שײַן פון אַ ליכט,
און בײַטאָג בין איך אַ גרייז אין דײַן ספר-תורה, לאַנד,
ווער קומט און פאַרריכט?

בית-לחם

אויף זאַמדן ווײַסע פאַלט אַ שאָטן אַ בלוי-דינער
פון קעמלען, שטאַלץ באַצירט מיט מעשגלעקלעך, וואָס ציטערן.
די פעלדער, די בערג — ס'איז שטילקייט זייער היטערין;
זי וויגט און שלעפערט איין דעם ווינט דעם בעדואינער.

געטראָטן האָט דאָ רות, די שעמעוודיקע שניטערין:
שטיל קלינגט פון איר די זון, דער גאָלד-צעברענטער דינר
אין טעלער פון די הימלען; זיתים גרינען גרינער
און אויבן טוען וואָלקנס זיך פיטערן.

די שענסטע טאָכטער מואבס איז אַמאָל געגאַנגען דאָ,
און ס'האָבן אויפן וועג, פון אונטער די טליתים,
אָן ווערטער זייער ברכה איר געגעבן זיתים.

די גערשטן-פעלדער לײַכטן האַרכעדיק, אַזוי איז
פאַהאָרכט געוווען די וועלט, ווען צווישן זון און זאַנגען דאָ
האָבן זיך באַגעגנט רות און בועז.

אַן ארץ־ישׂראל־נאַכט

ס'איז אין די הימלען שוין לאַנג פאַרפלויגן
דער דינער רוף פונעם מועדזין,
און שטילקייט זיצט אויף די בערג פאַרשלייערט
און ס'ברומט אַ ווינט ווי אַ מידע בין.

עס גיסט די נאַכט איר בוימל דעם גרינעם,
גיסט אַן פאַמעלעך מיט אים די לופט.
דער פויגל דער אויבערשטער, די לבנה,
שוועבט אור־הגנוזדיק צעפּרובט.

פון הימלען און היילן קומען כרוזים.
ווי אַ קאָפּ פון אַ נביא הייבט זיך אַ שטיין.
צווישן פעלדזן — ליכטיקע שאָטנס:
אַלטע נשמות פון בעלי־ח"ן.

געשרייען ווייטע פון יענער זייט ציימן.
כמאַרעלעך קושן אַן אייקאַליפּט.
ס'איז דאָ געפאַלן אַמאָל בר־כוכבא.
ס'האָט דאָ שולמית אַמאָל געליבט.

רחל קאָרן

ביסט שוין געוועזן אין מיין בלוט

ביסט שוין געוועזן אין מיין בלוט נאָך ערב מיין געבוירן.
האָסט זיך געצייטיקט מיט מיין פּאָטערס דאַוונענדיקן ניגון
און געפּרילינגט צווישן בלעטער פון מיין מאַמעס תחינה,
וואָס פלעג מיין אומרו קינדישן פאַרשטילן און פאַרוויגן.

עס האָט פאַרזיווגט מיך מיט דיינע גרינע טאָלן,
מיט די צעשטערנט-רויטע, ערשטע אַנעמאָנען
די דורותדיקע בענקשאַפט פון אַ פּאַסטעך-פייפל,
וואָס האָט אומזיסט געזוכט דאָ און געמאָנט מיין נאָמען,

בעת עס האָבן שמיטה-יאָרן פון מיין לעבן
געהפקרט און געדערנערט אין דעם לאַנגן נע-ונד,
און ס'האָט געפּרוווט די נאַקעטקייט פון מיינע אויגן
פאַרדעקן די דערמאָנונג, ווי דאָס רחמימדיקע בלאַט.

אין ראָזלעך-גרינע קנייטשן פון די בערג גלילער
האָב איך איצט דערזען אויף ס'ניי מיין מאַמעס חופּה-קלייד,
ביים רמבמס קבר אויפגעגאַנגען איז מיין פּאָטערס שטימע
דורך שטילקייט פון פאַרנאַכט ביים ראַנד פון טאָג פאַרזייט.

איך זוך דעם שטערן, ווו פאַראַקערט איז מיין באָבעס תפילה,
„גאָט פון אברהם, גאָט", — איך ווער צוריק אַ קינד,
און כ'ווייס אַליין ניט צי ס'איז טוי, צי אפשר גאָר אַ טרער,
וואָס ס'קושט אַראָפּ פון באַק דער אָוונטיקער ווינט.

כ״ז ניסן

עם קלאָגן די סירענעס, פאַרגייען זיך אין ווייען,
ווי ס׳וואָלט זיך אויפגעריסן אַ פאַרצוויגענע וווּנד,
ווען סע פאַרשניידט מיט זעקס מיליאָנען טויטע
דער טאָג פון חודש ניסן איצט אויפסניי דעם בונד.

פון צפון ביז צום דרום, פון מזרח ביז צום מעריב,
פון גרענעץ ביז צו גרענעץ און פון ראַנד צו ראַנד,
האָט זיך דאָ איינגעשטילט איעדער טראָט און קלאַנג,
און ס׳האָט דער אָטעם איינגעהאַלטן ס׳גאַנצע לאַנד.

אין צוויי מינוט, אַזוי ווי אין פאַרדעקטן ארון
ברענגט מען זיי אַהער צוריק פון ווייטער פרעמד —
די צוויי מינוט פון שווייגן שווער מיט מאַמעס טרערן,
מיט לעצטן „שמע ישראל״, מיט קרעכץ דורך ציין פאַרקלעמט.

עס קומט צוריק אַהיים מיין פאָלק, דאָס קברלאָזע,
ס׳שטייט אויף פון אַש, פון זייף און פון די מאַסן־גריבער,
און מיט אַ דייטשער קויל אין האַרץ מיט אים מיין מאַמע,
מיין טאָכטערס פאָטער, מיינע ייִנגערע צוויי ברידער.

צעעפנט האָבן ביימער זייערע ראָזלעך־ווייסע בליטן,
עס האָבן זיך אַ שטרעק געטאָן צו זיי די הייסע וועגן,
און ס׳האָבן אַלע בערג אַ קני געטאָן, ווי קעמלען,
די האָרבעס אָנגעשפּיצט און אויסגעשטרעקט אַנטקעגן.

די שטילקייט איז געוואָרן פול און מעוברת
מיט טויט — און ס׳דאַכט, אַז ס׳האָט זיך אויסגעשפּאַנט
אַ מיטה, ווי דער הימל גרויס, און ס׳שפּאַרט זי אונטער,
האַלט זי אין דער לופטן כביכול האַנט.

די בערג פון נגב

די בערג פון נגב מיט זייער אוראַלט שווייגן,
שטייען איינס ביי איינס געקייטלט אין געשפּאַן,
גלייך עס וואָלט צו דעם טרוקענעם מדבר צוגעוואַקסן
אַ פאַרבלאָנדזשעטער, פאַרשטיינערטער קאַראַוואַן.

דאָ וואַקסט קיין בוים, קיין גראָז, אַפילו ניט קיין דאָרן,
ערב־בראשיתדיקע נאַקעטקייט דורך גאַרנישט ניט פאַרשטעלט,
ווי ס׳וואָלט אויף זיי אַרויפגעלייגט זיין גליענדיקן חותם
און זיי פאַרקנסט צו זיך דער גרויסער האַר פון וועלט.

עס וואַקסט קיין בוים, קיין גראָז, אַפילו ניט קיין דאָרן,
ווו ס׳קאָן בלויז הויזן גאָט אַליין מיט שטאַרקער, שטרענגער האַנט —
דו קענסט אים קיינמאָל זען, נאָר קענסט זיין אָטעם פילן,
ווען ס׳ווירבלט אויף אַ הייסער ווינט דעם דינעם שטויב און זאַמד.

עס הייבט זיך אויף אַ ברוינער וואָלקן שטויב און זאַמד
געטראָגן פון דעם שרפהדיקן, מדברדיקן ווינט,
בעת ער נידערט דאָ אַראָפּ — זיין אָנגעזיכט פאַרהילן,
ס׳זאָל פון זיין שטראַליקייט דער מענטש ניט ווערן בלינד.

איילבערט־ביימער

ווי פון תנך אַרויס צו אומבאַקאַנטע ווייטן,
צו עפּעס אַ פאַרכישופטן, פאַרויסגעזאָגטן ברעג,
האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן פונעם וואַנדער,
פאַרשטויביקטע און מידע פון דעם לאַנגן וועג.

די שטאַמען גרוי ווי שטיין אַרויסגעשפּאַרט פון ערד,
צעלעכערט און פאַרפלאָכטן, אויסגעקרימט, צעדרייט,
מיט טאָרבעס זקנישע אַרום די האַרטע לענדן,
גלייך ס׳וואָלט אויף זיי קיין שליטה ניט געהאַט די צייט.

די בלעטער, ווי פון מאַטן, טונקל-גרינעם לעדער,
באַהאַלטן אויס פאַרשעמטע, די קליינע דריבנע בליטן —
זיך אָפּגעזאָגט פון אַלץ, וואָס קאָן דאָס אויג דערפרייען,
זיי, די עקשנותדיקע, שטילע מדבר-היטער.

נזירים אונטערטעניקע אַ מאָנענדיקן קול,
וואָס האָט זיי אויסדערוויילט דורך קראַפט געהיימער,
פון שבט צמחים צו אַ פאַרבאָרגענער שליחות,
פון צווישן אַלע אַנדערע זיי, די זיתים-ביימער.

אַז אויפגיין זאָל די פרוכט פון זייער האַרטן לייב
מיט ליכט, וואָס כפלט נסימדיק זיך אויפן דנאָ פון קריגל,
און ווערט אַ סטעזשקע צו דער הייך אין נעכט מיט חשכות פולע
און באַוואַכט דעם שלאָף פון קינד אין זיין געפלאָכטן וויגל.

ביי שלמה המלכס קופּער-מינען

ווי שיפן מעכטיקע, וואָס זיינען דורכגעשווומען
שוין תקופות און מדבריות צעווירבלטע מיט זאַמד,
און זיך דאַן אָפּגעשטעלט דאָ אַלע אין איין שורה,
גלייך ס׳וואָלט באַצוימט זיי און געפירט איין ווילן און איין האַנט.

מיט זייער גאַנצער מאַסיקייט אַרויף אויף שטיינער פּליטעס
פון קדמונים צוגעגרייט פאַר זיי דאָ אויף דעם אָרט,
אויף צו פאַראַנקערן די פעלדזיקע קאָלאָסן
צו דעם אומענדלעך-ברייטן, וויסטן זאַמדן-פאָרט.

די קופּער־רויטע מאַסטן שטעכן זיי אַריין אין בלויען הימל,
אין זייער מעוברתדיקער, שווערער, פולער טראַכט
דרעמלט אורצייט איינגעתפיסהט און פאַרשטיינערט,
דורך קיינעמס שפּרוך ביז היינט אַנטכישופט און דערוואַכט.

די צעפּלאַמטע, שׂרפהדיקע מיטאָגדיקע חמימה
צינדט זיי אָן מיט רויטן, גליענדיקן צאָרן,
פאַרוואָס האָט זיי צום אָרט פאַרשקלאַפּט אַ פרעמדער ווילן
צוגלייך מיט נישטיק־קליינעם, אויסגעדאַרטן דאָרן.

נאָר זיי ווערן מילדער מיט דער בלוי־פיאָלעטער שקיעה
און האָרכן איין זיך, אויסגעשטרעקטע, אין דער ווייטער ווייט,
צי ס׳וועט ניט טאָן אַ דונער שלמה המלכס שטימע,
פאַרבלאָנדזשעט און פאַרשפּעטיקט אין חלל פון דער צייט.

זיי וואַרטן אויף באַפעל מיט באַרט און מאַסטן גרייט
אין נעכט, אַרומגעזוימט, באַקראַנצט מיט שטערן שטילע,
אויף דעם באַפעל, וואָס וועט זיי אָפּבינדן פון שטאָפּל און פון קייט
און אַ לאָז־טאָן איבער שטורמיש־אויפגעברויזטע זאַמדן,
זיי, די שטאָלצע, קיניגלעכע, מעכטיקע פלאָטילע.

דער דיכטערין פון כנרת

דו ביסט צו פרי אַוועק, איך בין צו שפּעט געקומען,
גיי איך דאָ נאָך דיין שפּור און ס׳ווייזן מיר דעם וועג
גלילער בערג מיט הויבן ראָזלעכע אויף קעפּ
פון זונפאַרגאַנג — ביי דעם כנרת־ברעג.

צוקאָפּנס פון דיין וויג געוויסט האָט זיך בערעזע,
נאָר ס׳רוישן פאַלמעס איצט איבער דיין פלאַכן דאַך.

געבראַכט אַהער פֿאַר דיר פֿון ווייטן פֿערסן-לאַנד,
שטייען זיי ווי שומרים טרייע אויף דער וואַך.

זיי גיבן דיר צו וויסן, ווען ס'הייבט זיך דער כנרת,
און מאַרשטשענדיק זיין ברייטן שטערן, וועל נאָך וועל,
רייסט ער זיך אַליין צו דיר אין אוממעכטיקן בענקען,
און שטאַמלט איינגעעקשנט בלויז איין וואָרט: „ראָכעל".

און ווען דו שווייגסט, צו נייער טריישאַפט איצט פֿאַרשקלאַפּט,
שלאָגט ער זיך אָן מיט קאָפּ אָן שטיינערדיקער שוועל,
און וויל דיין לעצטע היים פֿאַרשווענקען ביז צום גרונט,
ער מאָנט צוריק זיין ליבשאַפט גרויסע — דיך, ראָכעל.

דו ביסט צו פֿרי אַוועק, איך בין צו שפּעט געקומען,
דערזע איך בלויז אין מילדן אויג פֿון באַרגיקער גאַזעל,
וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ווייל אין ווילדן לויף —
די טונקעלע אָנונג און דעם טרויער פֿון דיין ליד, ראָכעל.

מיין גאָרטן אין ישראל

א

ביימער, בלומען, גרינסן
אָטעמען מיט לינדקייט,
אַלערליי געפינסן
ווינקען מיט אַצינדקייט —
נעמט זיך וויגן גרינשיין
אויף דער וויג פון גרינגקייט.

בין איך אויך אין וויגל
און פאַרמאַך די וויעס —
דריי איך זיך אין עיגול
און איך מאַך נסיעות ;
אויף מיין חלומס פליגל
היימלעך מיין געפלי איז.

גאָרטן איז מיין היימלאַנד,
וואָס איך האָב געכאָוועט ;
קוסטן מיין געהיימלאַנד,
ווו עס זינגט מיין כבוד ;
און ביי יעדן בוימראַנד
ליכטיקט זיך מיין אָוונט.

קומען מיינע בלומען
פול מיט שיין און טרערן ;

ווערן זיי צערונען —
בליען אויף און ווערן.
הימל, ערד, אַרומען
אין געבלום פון שטערן.

ב

דער הימל האָט זיך אויסגעבלויט
אויף אונדזער ערד דאָ אַזוי גרויס:
מיר האָבן זיך דאָ אויסגעבויט
אַן אייגן הויז.

און ס'האָט די ערד זיך אויסגעגרינט
פאַר אונדזערע זוכנדיקע טריט;
זי האָט פאַר אונדז זיך אויסגעדינט
מיט אַ געצוויט.

און אונדזער הויז איז אוהלדיק,
אַ רו אין אינדזל פון געבלי;
דער גאָרטן איז ישראלדיק
אין פרייד פון מי.

ג

אין אונדזער גאָרטן איז פאַראַן אַ קיבוץ
פֿון בלומען פון אַיעדן מין און דופט;
און ס'גייט ניט יעדע מינדסטע בלום אין ניוועץ,
און יעדע איינע שיינדלט זיך אין רופט:

איך בין די בלום פון עמק, פון דעם שרון,
איך בין די שיר־השירימדיקע רויז;
איך בין ניט סתם און הפקרדיק געבוירן,
כ'האָב אויפגעבליט אין שטילקייט פון אַ הויז.

אַ הויז, וואָס האָט געכאַוועט מיך, געצערטלט,
און האָט געזאָגט מיר: דו ביסט מיר אַ נס;
ווייל דו האָסט זיך ניט שיין געווערטלט,
נאָר אויפגעשיינט אין איטלעכן מעת־לעת.

דו זעסט: עס זיינען צווישן אונדז דאָ רויזן,
וואָס קריכן אויך אַפּילו אויף די ווענט.
דאָך אַלע בלומען אינעם גאָרטן הויזן
און ציען זיך מיט אויסגעשטרעקטע הענט.

און ס'בליען אויף די שירות און די תּפילות,
וואָס בלומען זיפצן אַזוי צאַרט און לינד:
פון קריכנדיקע אויף די הויז־ווענט בוגענווילִיעס,
און פון דעם ליליענדיקן היאַצינט.

פון אַסטראָס, וואָס צעפינקלען זיך ווי שטערן,
פון זיניאָס, וואָס צעשפּאָרן יעדע מאָס,
און זייער קאָפּ האָט שטערנדלעך־געמערן,
און זיינען רויט און פּורפּל, געל און ראָז.

פון רויטע, געלע, ווייסע כריזאַנטעמעס,
מיט זייער טאָפּלקאָפּ און צאַרטער הויט,
ווו ס'קענטיקט זיך אַרויס, ווי וואָר און רמז,
אַ ווייסער קאָפּ, וואָס איז געשפּריצט מיט רויט.

פון די פּעטוניעס מיט די קעפּ פון לייקעס,
וואָס זיינען שיין אַפילו אין געוועלק;
פון אַלע נעלקעס, אין געוויג פון דביקות,
ווו יעדער מין פון זיי איז אַזוי נעלק.

פון די פיאַלקעס, וואָס באַווייזן חשיבות
מיט זייער עכטן פיינעם פיאָלעט;

און פון די מאַרגאַריטקעס, אין עניוות
פון זייער תּפילה, ליבשאַפט און געבעט.

פון די געראַניומס אין די קוסטן־ביימלעך,
אין פּורפּל, בלאַס־ראָז־רויטלעכן געבלום;
און פון די באַלזאַמינען, וואָס איז היימלעך
צו קילן זיך מיט זייער כּוס פּאַרפיום.

און פון דעם קנה, וואָס צעוואַקסט זיך העכער
און ווערט די העכסטע בלום אין געל און רויט,
אַז ווערן ווערט זי ווי אַ שוואַרצער בעכער,
וואָס איז מיט גרינקייט פון געוויקס פאַרטרויט.

און אין דער שירה און דער תּפילת־רבים
צעפלעמלט זיך די מאָנבלום אין אַ גלוט,
און ס'פלאַקערט אויף די פּלאַנץ פון דם המכבים
אין איר צעבלומטקייט וואָס איז רויט ווי בלוט...

יוסף פּאַפּיערניקאָוו

מיר

— מיר וועלן פון אָרט זיך ניט רירן,
מיר וועלן פון דאַנען ניט גיין,
איר זאָלט אונדז אפילו ניט לאָזן
אַ שטיין אויף אַ שטיין! —
אַזוי האָבן יונגע, אַזוי האָבן אַלטע באַשלאָסן,
ווען ס׳האָט זיי דער שכן, דער שונא,
די הייזער באַשאָסן;
ווען ס׳האָט זיי דער שכן
די פּלויטן און טירן געבראָכן,
דעם גאָרטן, דאָס פעלד און דעם שייער
געלאָזט מיטן פייער.

— מיר וועלן פון אָרט זיך ניט רירן,
מיר וועלן פון דאַנען ניט גיין! —
און ס׳האָבן זיך לעבנס געקלאַמערט
צום אָרט, מיט די נעגל און ציין:
— מיר האָבן דאָ מדבר און סטעפּ בלויז באַטראָטן,
אין וויסטקייט געקומען געפינען אַ היים,
מיט שוויים און מיט בלוט זיך אין אויפבוי פאַרקנאָטן,
געוועזן דער צעמענט דאָ, די ציגל, דאָס ליים,
און געוואָרן — יסוד,
און די האַרטקייט אַליין,
די האַרטקייט פון גורל, וואָס האָט אונדז באַשווירן:
מיר זאָלן פון אָרט זיך ניט רירן,
מיר זאָלן פון דאַנען ניט גיין.

האָראַ

העי, ווו זענט איר? חברה! חברה!
יודקע, לייבקע, נו, צפּורה!
ס'וועט נאָך זיין אויך צייט אויף שלאָפן,
פון די צעלטן קומט! אַ האָראַ!

אָנגעטראָגן, אָנגעוואָרפן
האָלץ אַ באַרג, ווי שטרוי אין שייער;
ווער עס וויל אַ קרבן ברענגען,
מוז אַ טאַנץ גיין אַרום פייער...

אוך, ווי ס'ברענט, ווי ס'קנאַקט און פלאַקערט,
ווי די נאַכט איז אָנגעצונדן.
שליסט זיך! שליסט זיך! מען צעפאַלט ניט,
ווען מען האַלט זיך פעסט געבונדן.

אַט אזוי! נאָך ברייטער, ברייטער,
נעמט דעם סטעפּ אַרום אין גאַנצן,
זאָל ער מיט די בערג פאַררויטלט
דרייען זיך מיט אונדז און טאַנצן.

ווער עס טאַנצט ניט — דער זאָל פּליעסקן
מיט די הענט און אונטערהייצן;
זאָל מען פון דער גאַנצער סביבה
אַלע הינט אויף זיך צערייצן.

זאָל די שטילקייט זיך צעלויפן
און אין חושך זיך צעבילן.

יאַשקע, יאַשקע! די גאַרמאַשקע!
צי און הער ניט אויף צו שפּילן!

זאָל מען פילן אונדזער כוח,
אונדזער פרישן קוואַל מיט לעבן,
אַז פּאַר אונדזער הייסן ווילן
מוז אויך שטאָל זיך אונטערגעבן.

האָט מען היינט אַ טאָג פאַרארבעט,
אַז דער רוח האָט גענומען!
פון די פעלדער, ווי די זעלנער,
נאָך אַ שלאַכט צוריקגעקומען.

פול מיט פרייד, ווי וואָגנס תבואה,
זאָט פון ווייזן וואָס מיר קענען —
הילכט זשע, חברה: מי אנחנו?
זאָל מען וויסן ווער מיר זענען.

זאָל די ראָד אַריין אין מאָרגן,
יודקע, לייבקע, אוך, צפורה!
ברענט נאָך ס'פייער, זאָל מען גליען,
גליט נאָך — זאָל מען שמידן, האָראַ!

אין די בערג ירושלימס

אַ באַרג טראָגט אַ באַרג אויפן קאַרק,
אַ טאָל פאַלט אַריין אין אַ טאָל,
און אַזוי אין דער לענג, אין דער ברייט,
ציט פון בערג זיך אַ קייט נאָך אַ קייט;

ליגט די האַרטקייט, די נאַקעטע, שטייף
און באַדעקט מיט אַ פעלדזיקער שאָל,
און צווישן — מיט טעלעגראַף־דראָט —
גייען סלופּעס צעשאָטענערהייט,
לויפן רעלסן ווי שלאַנגען פון שטאָל,
וועקט די טויבקייט אַ שניידיקער פייף
פון אַ באַן, וואָס זאָגט אָן אַז זי גייט
צו דער הייליקער, שטיינערנער שטאָט,
און פירט לעבן אַדורך דורכן טויט —
איבער וועגן, וואָס וויקלען זיך שמאָל,
ווי אַ באַרג טראָגט אַ באַרג אויפן קאַרק,
און אַ טאָל פאַלט אַריין אין אַ טאָל.

הדר הכרמל

ליגן גאַסן,
ווי טעראַסן,
באַרג אַרויף, ווי איבער טרעפּ,
ווי עס שטייען
הייזער־רייען,
העל און זוניק, קעפּ אויף קעפּ,
ווי עס וואָלט זיך איינס דאָס צווייטע
אַרויפגעשפּרונגען אויפן קאַרק,
צו דערבליקן מיט די פענצטער
דעם צופוסנס פונעם באַרג...

קוקן שויבן, ווי מיט אויגן,
ליכטיק פון דער הויך אַראָפּ,
זעען זיי ווי שיפן קומען צו צום ברעג

און גייען אָפּ,
און ווי זיי — אויך שטילע זעגלען,
מיט די מאַסטן ווי די טאַנען,
קרייזן ביי די בלויע ראַנדן,
מאַיעסטעטיש, ווייס ווי שוואַנען,
קרייזן, זוכן און געפינען
גאָלד פון זונען,
פון די טעג,
זילבער פון די נעכט די ווייסע,
ווען צו גאָט פירט יעדער וועג...

און פון אויבן ליגן גאַסן,
ווי טעראַסן, איבער טרעפּ,
הייזער שטייגן זיך אַריבער,
שפּרינגען איבער פּאַלמען־קעפּ;
און פון באַרג, געקרויזט באַוואַקסן
און געשוירן ווי אַ קאָפּ —
פלייצט די גרינקייט פון די גערטנער,
בליענדיק צום ים אַראָפּ.

פעלט מיר אויס

פעלט מיר אויס ווען פריש און ריין געטראַנק —
לאָז איך מיך אַראָפּ אין עמקס נידער,
אָדער כ׳הייב זיך אויף צו די גלילער ברידער.
טרינקען זיי מיך אָן דאָרט מיט געזאַנג,
און כ׳גיי פון זיי אַוועק מיט נייע לידער,
לידער ערדישע, פון ערדיש פרייד און ווייען:
ליד פון אויסהאַקן, פון אַקערן און זייען;
ליד פון שניט, פון זאַמלען און פון קלייבן,

אַז דער שפּייכלער און דער גורן זאָל זיך הייבן;
ליד פון הייף מיט עופות, שאָף און רינדער,
און מיט קומענדיקע דורות־קינדער;
ליד פון מידע, פלאַמיקע פאַרנאַכטן,
ווען מען קומט פון פעלדער, ווי פון שלאַכטן;
ליד פון פאַסטעך, וועלכער לאָזט זיך הערן,
ווי ביים מאָרגן־שטערן, אויך ביים אָונט־שטערן;
ליד פון רו און פרידן אונטער מויערן,
ווו מען שלאָפט, און ס'האָט די שטילקייט אויערן;
ליד פון שומר, וועלכער הערט אין שמירה,
ווי עס זינגען ערד און הימל שירה.

פעלט מיר אויס ווען פריש און ריין געטראַנק —
לאָז איך זיך אַראָפּ אין עמקס נידער,
אָדער כ'הייב זיך אויף צו די גלילער ברידער.

אין עין־השופט

ערד און הימל, הימל, ערד און ווייטן.
איך — אין מיט פון פעלדער און פון סטעפּעס,
אַקוואַרעלן פאַרביקע, צעלייגטע,
ווי די לאַנד־קאַרטעס צו לערנען עפּעס...

ערשט ניט לאַנג, איז ניט געווען דאָ גאָרנישט,
ביז ניט לאַנג איז ניט געווען דאָ קיינער.
פאַר אַ סימן נאָך פון מעשׂה־בראשית —
ליגן ווי די ציינער־פּיעניעס: שטיינער.

שטיין און גרויער שטיינמעל אויף די וועגן,
וואָס זיי פירן ביז אַריין אין ישוב,

צו אַ קאָלעקטיוו, וואָס האָט מיט לעבן
אָפּגעטאָן דער טויטער וויסטקייט — כּישוף.

איינס פון אַלע וווּנדערס אינעם לאַנד דאָ
אויף אַכזריותדיקער ערד, אויף האַרטער;
וווּנדער, וואָס באַווייזן קאָנען די נאַר,
וועמען גורל מאַכט פאַר איינגעשפּאַרטע.

וועמען גלויבן מאַכט פאַר איינגעעקשנט —
מוז דער חלום אין אַ וואָר פאַרוואַנדלען,
אַז אויף שטיין אפילו זאָל דאָ אויפגיין
ברויט און טרויבן, איילבירטן און מאַנדלען;

אַז דער עפּלבוים זאָל דווקא בליִען,
ווו מען האָט אים ניט געקאָנט דערוואַרטן;
אַז פון אונטער אַלע שטיינער־שיכטן
זאָל דאָס וואַסער שטראָמיק זיך אַ שפּאַר טאָן —

אָנצוטרינקען יעדן דאָרשט, וואָס ברענט דאָ
אויף די הייסע פעלדער, אין די סטעפּעס,
אַקוואַרעלן פאַרביקע, צעלייגטע,
ווי די לאַנד־קאַרטעס צו לערנען עפּעס...

אין לאַנד פון מיין ווידערגעבורט

אברהם סוצקעווער

דאָס ערשטע הײמליד האָב איך אויפגעזונגען דאָ — אין עמק —
(ווען ס'לאַנד האָט נאָך קיין יידיש־זינגער ניט געהאַט),
ווען אַלץ איז נאָך געלעגן ווי אין בראשית, רוי און ליימיק,
זאַמדיק, ווי דער נגב איצט, און פעלדזיק ווי אילת;

װען סטעפּ און מדבר האָט מיט טויט געדראָט פֿון אַלע זײַטן,
געדראָט פֿון יעדער הויך, פֿון יעדער טיף און פֿלאַך,
און ניט געווען איז ווער ס׳זאָל קומען צו דער צײַט פֿאַרבײַטן
און אָראָפּנעמען אַ מידן שומר פֿון דער וואַך.

אין יענער צײַט האָט מיך דאָס לאַנד צום צווייטן מאָל געבוירן,
געוואָרן מיר אַ מאַמע — זי, די מאַמע־ערד,
וואָס האָט יאָרטויזנטער געהאַט די פּרוכטיקייט פֿאַרלוירן,
און פֿאַרקאַלכט — געלעגן טרוקן, דאַר און אײַנגעצערט.

אין יענער צײַט איז אויפֿגעגאַנגען דאָ, ווי דער ווייץ און קאָרן
פֿון ערשטן אויסגעבענקטן, אויסגעקוקטן שניט —
אַזאַ געזאַנג מײַנס, וואָס וואָלט קיינמאָל ניט געהערט געוואָרן
דאָרט, ווו כ׳האָב געשטעלט די ערשטע זינגענדיקע טריט.

די טריט, די היימלאָזע, וואָס האָבן אין דער פֿרעמד, דער קאַלטער,
געפֿירט צום וועג צום ווינטיקן פֿון נע־ונד;
איצט זינג איך נאָך, ווײַל כ׳האָב מײַן טרויעריקער היים מײַן אַלטער
אויסגעביטן אויפֿן לאַנד פֿון נגב און אילת.

*

דאָס זינג איך דיר, דעם דיכטער פֿונעם ווילנער געטאָגראַד,
געקומען שוין אויף אייגענע אַרויסגערוקטע פֿראָנטן,
וואָס האָבן ס׳לאַנד אַ שפּאַר געטאָן צום ים־סוף, צו אילת,
און ווי יריעות — אויפֿגעוויקלט נײַע האָריזאָנטן
פֿאַר נײַ פֿאַרנעם, פֿאַר נײַ פֿאַרמעסט, פֿאַר נײַעם הויכן פֿלי,
און פֿאַר דערגרייכונגען וואָס דאַרפֿן נײַע אָדלער יונגע;
זיי דאַרפֿן הענט פֿון היים־פֿאַרליבטע, דאַרפֿן זייער מי,
און דײַן געזאַנג, וואָס קיינער דאָ, ביז דיר — האָט ניט געזונגען.

רָאזאַ נעוואַדאָווסקאַ

די וואָס זיינען אין לאַנד זאָגן:

לאָמיר ווערן רינגעלעך אין קייט פון רינגען
און מיט אַלע דורות זיך באַנייען,
אַז עס זאָל זיך אונדזער כוח ווייט צעקלינגען
און דערגרייכן אַל די הייכן פון ירושלים.

לאָמיר אַלע, אַלע ציונס זין און טעכטער,
די אַליין געקומענע און די געבראַכטע,
ווערן אין דעם לאַנד די בויער און די וועכטער,
און מיט אַלץ וואָס האָט געדרעמלט — זיין דערוואַכטע.

לאָמיר ווערט זיין זען די וואונדער און די נסים
פונעם לאַנד און פון ירושלים הבנויה:
אַז מיר זאָלן, נאָך די גלותדיקע ריסן,
זוכה זיין צו דער מקוים געוואָרענער נבואה.

דאָס לאַנד

דאָ טריפן הימלען אויף דער ערד מיט סוד
און ס׳זיינען דאָ די בערג צעשטראַלט, צעהימלט.
דאָס פאָטערלעכע וואַכע אויג פון גאָט
שלאָפט קיינמאָל ניט, איז קיינמאָל ניט פאַרדרימלט.

דאָ מיניעט באַרג און טאָל אין גאָלד און בלוי,
און שירה זינגען פייגל,ביימער, מענטשן.
גאָטס וואָרט איז דאָ געפאַלן פריש ווי טוי
און אַלץ וואָס וועט נאָך זיין איז דאָ געווען שוין.

ירושלים

געגרונטיקט, געפעסטיקט, געטורעמט
שטייט ירושלים.
איבער געבערג און געפעלדז —
די עליונות
וויקלען זיך העלע,
ווי פאַרמעט
מיט בליציקע אותיות.

שלאָפט אין בלויאיקייט
ירושלים,
פול מיט תפארת;
היט זי די שוועל
ביים טויער פון אמת —
וואַכיק אין שלאָף
ווי אַ מאַמע.

וואַכט איבער פעלקער ירושלים,
טרייסט זיי אין פיין מיט „והיה" —
אייביק פאַר זיי איר טרייסט.
טראָגט זיך איר זאָג דורך די ווייטן
איבער דעם גאַנג פון די צייטן —
פעלקער, פאַרנעמט:
„כי מציון".

יחיאל לערער

פונעם בוך „מיין היים"

...דאָס שוועסטערל איז געקומען צו גיין פון פּאַראיין
אַ צעשטראַלטע פון פרייד מיט אַ בשורה אַזאַ:
זי איז באַשטעטיקט געוואָרן, סוף־כל־סוף, אויף האַכשאַראַ!
און ווען די מאַמע האָט געפרעגט, וואָס איז דאָס פאַר אַ זאַך,
האָט דאָס שוועסטערל, נאָך פיל מי און רייד אַ סך,
דער צעוויטיקטער מאַמען צו פאַרשטיין געגעבן:
זי וועט אָנהייבן אין גאַנצן אַ נײַ לעבן.
אַוועק פון דער היים קודם כל (ווי דער ברודער אַמאָל,
איידער ער איז אַפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל).
— וואָס זי וועט טוען אויף האַכשאַראַ? — אַרבעטן.
— גרינג, צי שווער?
— דאָס ווייס זי ניט. דאָס גייט זי ניט אָן. און וואָס איז דער מער
אויב שווער? דערפאַר וועט זי צוריקומען דאַ אַהער.
אויף אַ קורצער צייט. מען קען ניט וויסן אַקוראַט
אויף ווי לאַנג — ביז זי וועט קריגן אַ סערטיפיקאַט.
— וואָס דאָס איז אַזוינס? אַפילו דאָס ווייסטו נישט, —
די שוועסטער האָט אַרומגעכאַפּט די מאַמען און געקושט
זי לאַנג: מאַמע, מיין ליבע, געזונט זאָלסטו מיר זיין!
דאָס איז דאָך אַ בילעט אין אונדזער לאַנד אַריין!
אַ בילעט אויף דער האַנט! איך בין גליקלעך אַזוי!
כ'האָב דאָך אַזוי לאַנג געוואַרט! וואָס איז עס, מאַמע?! אוי,
דו וויינסט גאָר?! איך האַלט עס ניט אויס! אַצינד, אַצינד
וויינסטו גאָר?!

*

...און יאַנקעלע, דער פינפטער פון די זין,
אָן אַ גראָשן אין טאַש, איז אַוועק דאָרט אַהין,
ווו עס ליגט די מאַמע רחל. אין יענעם לאַנד,
וואָס אי ס׳איז איר ליב, אי ס׳איז באַקאַנט
פון טייטש-חומש לייענען. — זי אַליין,
ווען דער אייבערשטער זאָל זיך מרחם שוין זיין
און אויסלייזן ס׳פאָלק מיט זיין אויסגעשטרעקטן אָרעם,
וואָלט געלאָפן, ניט געגאַנגען — וואָרעם
איר כאַטקעלע דאָ פון שטרוי און פון ליים,
כאָטש ס׳איז איר ליב, איז פאָרט ניט קיין היים.
אויך זומער איז קאַלט. עס פרירט דאָ — אַ שרעק.
און אַ פויגל פליט דאָך אויך אין האַרבסטצייט אַוועק
אין אַ וואַרעמען לאַנד. ווען גאָט הייסט גיין,
וואָלט זי דאָ ניט געזעסן. נאָר איינע... אַליין...
ווייל מיט וועמען? יאַנקעלע — ס׳זאָל אים צו קיין גנאי ניט זיין,
אַ טייער קינד — נאָר דער גרויסער משיח
וועט פרומער זיין ווי ער... און ניט קיין גלות...
גאָט מעג אים מוחל זיין, יאַנקעלען, די זינד.
ער האָט ליב דאָס לאַנד, ווי אַ מאַמע אַ קינד.
זי ווייסט ניט ווי לעבט ער דאָרט, אין זעט צי אין נויט.
— ס׳איז יאָ דאָ ברויט, צי ס׳איז ניטאָ קיין ברויט —
אַזוי שרייבט ער פון דאָרט — איז טוב מאוד.

גיטל ציטרין

דאָס לאַנד זאָל זיין

צי קאָן דען ווער ס׳איז אָפּשטעלן די האַנט,
וואָס זייט און פלאַנצט און בויט דאָס לאַנד?
פאַרמינערן די האָפענונג, דעם מוט,
וואָס זינגט אַרויס פון אונדזער האַרץ און בלוט?

צי קאָן דען איצט אונדז אָפּשרעקן דער גרויל
פון לויערנדיקן שונאס כעס און קויל?
צי קאָן דען ווער פאַרוויסטן אונדזער פעלד,
וואָס איז צעגרינט, די ערד וואָס איז צעקוועלט?

מיר האָבן לאַנג געטרוימט און לאַנג געגאַרט
נאָך אונדזער אייגן לאַנד — און זיך דערוואַרט,
אַז דורך דער וואָר פון אַרבעט, מי און פּיין —
דאָס לאַנד זאָל זיין!

ישראלס פרילינג

אַ ניי געזאַנג צו ישראל,
זאָל ווי אַ שופר זיך צעשאַלן,
פאַר דאָרשטיקע אין אַ געקוועל
פון פרישע קוויקנדיקע קוואַלן.

געזאַנג פֿאַר יעדער גוטער האַנט,
וואָס טוט דאָרט געבן, בויען, פֿלאַנצן;
פֿאַר נייעם קינד פֿון אונדזער לאַנד,
וואָס וועט דעם עתיד אונדז פֿאַרגאַנצן.

אַ ליוב פֿאַר יעדן מינדסטן טרוים,
וואָס האָט צעציטיקט זיך אין זאַנגען;
ווי יעדער גאָרטן, פֿעלד און בוים
איז גרין צעזומרט אין געזאַנגען.

יעקב שטאָל

פרימאָרגן

אויף אַ בערגל אין גרויען נעפּל ציטערט אַ בלויער וואָלקן,
קומט אַ ווינטל שטילערהייט און בלאָזט דעם וואָלקן אָפּ,
און ס׳בלויט זיך אויס אַ העלער פּאַס איבער אַלע בערגלעך,
דאָס ווינטל נידערט מיטן בלויען פּאַס ביזן טאָל אַראָפּ.

עס לייגט זיך אויס דער ווייסער פּאַס אויף אַלע רויטע דעכער,
בלויע אַקאַציעס שטייען אויף און שמייכלען צום באַגינען,
די בליאונג-בלימלעך שלאָפן נאָך מיט צוגעמאַכטע ליפּן
אויסגעוואַשענע אין טוי; — טראָפּנס טויען רינען.

דיביימער וויגן טראָפּנס טויען מיט אויפגעהויבענע צווייגן,
זיי וויגן און זיי זאָגן: דאָס זיינען אונדזערע הענט! —
דערזעט די זון גרינע הענט און כאַפּט זיי אַלע פינגער אויס,
פאַרפּעדעמט זיי מיט בלאַנדע פעדעם אויף אַלע ווייסע ווענט — —

אַ ווייס ווערעמל וויגט זיך אויף די פעדעם פון דער וואַנט,
שוואַלבן פלאַטערן אַרום אים, און פון די טירן גייען מענטשן,
אַלע מענטשן זאָגן: גוט-מאָרגן, און אויך דאָס ווערעמל זאָגט:
„איך טראָג אויף זיך זיידנשטויב, איך וויל גוט-מאָרגן בענטשן״.

קעלבער, פערד לויפן אָן, שאָף מיט געשוירענע פּלייצעס,
בינען פון דעם בינשטאָק; און ביים וואַסער — די גאָלדענע פליגן;
די יונגען ציען אויס די הענט און גיבן די שאָף טרינקען,
די מיידן שעפּן אָן וואַסער און גיסן אָן אין קריגן.

כאַפּט זיך אויף אַ רויטער האָן און וואַשט זיך אויס דעם האַלדז,
און שרייט צו אַלע טירן, פענצטער און אויסגעגלאַנצטע שויבן,
די הינער לויפן נאָך נאָך אים, ס'זאָל די זון זיי אויך דערזען,
און זאָל זיי לערנען פליען הויך ווי די ווייסע טויבן.

פרישע מיסט פון די שטאַלן ריח'ט אַרום די הויפן,
זעק מיט קלייען אויסגעלייגט, און מילך אין בלעכענע קריגן. —
די קי שטעקן די קעפּ אַרויס און קוקן מיט קלאָרע אויגן,
ביי די טירן פון די שטאַלן געבוירענע קעלבער ליגן.

די זון פירט דעם טאָג אַרויס און נעמט אַלעמען צונויף,
דער פייגנבוים קוקט און בענקט: ער וואָלט מיט אַלעמען געגאַנגען:
די מיידן לאַכן אויף די יונגעטס הענט און קריכן אַריין אין וואָגן,
מענטשן, ביימער, בלויע שוואַלבן — די זון האָט אַלעמען געפאַנגען.

עס קומען שאָף מיט די געשוירענע פּלייצעס און שטעלן זיך ביים טויער,
פייגל מיט לאַנגע העלדזלעך באַגלייטן זיי מיט געזאַנגען,
די יונגען שפּאַנען איין דעם וואָגן און גלעטן די פערד ביי די העלדזער,
די מיידן זיצן אין וואָגן און לאַכן מיט שער־און־קאָסע־קלאַנגען.

דער טויער עפנט זיך ברייט פונאַנדער מיט פרייד אַנטקעגן פעלד,
דאָס פעלד איז אויסגעגאָסן מיט גאַנצע פעסער העלן ווייַן,
דאָס ווינטל רייסט זיך אין טויער און בלאָזט אויף אַלעמענס לייב,
די מענטשן כאַפּן דאָס ווינטל און נעמען עס אין וואָגן אַריין.

די מיידן לאַכן פון האַנט צו האַנט, זיי באַהאַלטן דאָס ווינטל פאַר זיך,
זיי גריסן מיט די הענט צום טויער, צו די רויטע ציגל־לוים,
און צו די פּאַלמענביימער מיט די גרין־גאָלדענע פעכערס, —
די יונגען פאָרן פון טויער אַרויס מיט אַ שמייכל צו דער אייגענער היים.

די יונגען פאָרן צום פעלד אַוועק מיט אויפגעהייבענער פרייד,
דאָס פעלד נעמט זיי אויף און טראָגט זיך זיי אַנטקעגן, —
עס איז אויפגעגאַנגען ווייץ און גערשט און אַלע אַנדערע זריעות,
— דאָס גאַנצע פעלד איז העלער ווייץ — ווייִן פאַר אונדזערטוועגן!

שאָף און רינדער, פייגל און מענטשן — אַלע, אַלע צום פעלד אַוועק,
דער רויטער האָן שרייט זיי נאָך און רופט אַלע הינער צונויף,
זיי זאָלן זיך באָדן אין גריבלעך זאַמד, און עסן גרינע גראָזן, —
די הינער ענטפערן: גוט־מאָרגן, אַ שיינער טאָג גייט אויף.

איציק מאַנגער

כ׳האָב זיך יאָרן געוואַלגערט

כ׳האָב זיך יאָרן געוואַלגערט אין דער פרעמד,
איצט פאָר איך זיך וואַלגערן אין דער היים.
מיט איין פּאָר־שיך, איין העמד אויפן לייב,
אין דער האַנט דעם שטעקן, ווי קען איך זיין אָן דעם?

כ׳וועל ניט קושן דיין שטויב ווי יענער גרויסער פּאָעט,
כאָטש מיין הארץ איז אויך פול מיט געזאַנג און געוויין.
וואָס הייסט קושן דיין שטויב? איך בין דיין שטויב.
און ווער קושט עס, איך בעט אייך, זיך אליין?

כ׳וועל שטיין פאַרגאַפט פאַר דעם כנרת בלוי
אין מיינע בגדי דלות אָנגעטאָן,
אַ פאַרוואָגלטער פּרינץ, וואָס האָט געפונען זיין בלוי,
און בלוי איז זיין חלום פון תמיד אָן.

כ׳וויל ניט קושן דיין בלוי, נאָר סתם אַזוי
ווי אַ שטילע שמונה־עשרה וועל איך שטיין —
וואָס הייסט קושן דיין בלוי? איך בין דיין בלוי,
און ווער קושט עס, איך בעט אייך, זיך אליין?

כ׳וועל שטיין פאַרטראַכט פאַר דיין מדבר גרויס
און הערן די דורות־אַלטע קעמל־טריט,
וואָס וויגן אויף זייערע הויקערס איבערן זאַמד
תורה און סחורה, און דאָס אַלטע וואַנדערליד,

וואָס ציטערט איבער די זאַמדן היים-צעגליט,
שטאַרבט אָפּ, דערמאָנט זיך און וויל קיינמאָל ניט פאַרגיין.
כ׳וועל ניט קושן דיין זאַמד, ניין און צען מאָל ניין.
וואָס הייסט קושן דיין זאַמד? איך בין דיין זאַמד,
און ווער קושט עס, איך בעט אייך, זיך אליין?

צפת

פאר זלמן ארן

איך בין דער עלטסטער ייד פון צפת
און גיי מיט שטילע, פרומע טריט.
איך צינד מיט מיין לאַמטערן אָן
אין יעדער שויב אַ גאָלדן ליד.

כ׳קען אלע מעשיות פון אמאָל,
וואָס טייטלען צו אַ ווייטער צייט.
דערצייל איך זיי אויף אלטע טרעפּ
פאַר נייגעריקע יונגע-לייט:

— איר מיינט אַז דער אר״י איז טויט,
אַט זע איך אים דאָך צווישן אייך,
און זיינע אויגן לייכטן קלאָר,
ווי שטערן אין אַ שטילן טייך.

ער איז אַ פרומער יונגערמאַן,
וואָס האָט ערשט נעכטן אויסגעטאָן
דאָס קלייד פון טרויער און פון שטויב
און גרייט זיך צו דעם וואַנדער אָן.

ווּ איז דאָס ווּנדער? אויפֿן באַרג?
ווּ איז דאָס ווּנדער? אינעם טאָל?
ווער ווייס גאָטס וועגן. איינמאָל דאָרט
און איינמאָל דאָ. — אָט ווי אַמאָל.

איך לאָז זיך גיין, „אַ גוטע נאַכט!"
און לאָז די יונגע-לייט אַליין
פֿאַרחידושט אויף די קרומע טרעפּ,
אַ גרופּע אויסגעהאַקט פֿון שטיין.

איך בין דער עלטסטער ייִד פֿון צפֿת
און גיי מיט שטילע, פֿרומע טריט.
איך צינד מיט מיין לאַמטערן אָן
אין יעדער שויב אַ גאָלדן ליד.

מנחם סטעמפּל

ערשטער שניט

ברוינע ליימיקע ערד, שטיינערדיקע און זאַמדיקע ערד!
ווי פאַרביקע רויזן אויף שבת-טישטעך מיט גאָלדענע פרענדז
איז די ערד אין מיין לאַנד.
לעבעדיקע ערד!
ברוין צעאַקערט, שוואַרץ צעאַקערט,
ליגן דיינע גרודעס מיט צעעפנטע ליפּן
און אָטעמען רויטן באַגינען ווי אָנגעלייגטן רויטן פייער ביים ברעג פון פעלד,
טריקענען אין טעג, שמאַכטן אין נעכט, ווי לעבעדיקער גוף — —

אין עלפטן חודש פאַלט אַ רעגן פון געבענטשטע הימלען,
לעשט דאָס פייער אויפן פעלד,
וואַשט, צוואָגט און פאַרקעמט מיט ווייכער האַנט די גרודעס — —
פאַלט-צו גרודע צו גרודע און קושט מיט צעגליטע ליפּן איעדן טראָפּן,
שלינגט סטענגעס וואַסער ביז טיפסטער טיף —
שפּיגלט די פרייד אין געזעטיקטע קוואַלן — —

ווינטן היימישע (זאַפטיקע יידישע ווינטן) און ווינטן פאַרבלאָנדזשעטע
גיבן זיך די הענט,
צעדער-ביימער ווי אויסגעשטעלטע שומרים אַרום דעם פעלד פאַרבייגן זיי ביזן גאַרטל,
זאָגן אָן די פריידיקע בשורה: די הימלען זיינען ווי לאָגלען פול —

ווען מען דערלעבט די גוטע שעה, בלאַנקען גלאַנצנדיקע קאַסעס איבערן פעלד,
גאַרבן ליגן געגאַרטלט אויף הויכע וועגענער,
אָקסן געשפּאַנטע שלעפּן ברויט אין ברייט-צעעפנטן שייער — —

פאַרנאַכט-צו ברענט אַ פייער אין דער הרובע,
צעקנעטענע דייזשעס מיט קאָרנמעל אויף טישן צעשטעלט —

ווען מען נעמט דאָס ברויט אַרויס פון דער הרובע
פאַלט אַ ברודער אויף דעם ברודערס האַלדז,
פאַלט אַ שוועסטער אויף דער שוועסטערס האַלדז
און מע קושט דאָס ברוינע ברייטל,
מזל-טוב גיט מען זיך אָפּ:
דאָס ערשטע ברויט פון שטיינערנעם פעלד —

דאָס שענסטע ברייטל הענגט מען אויף אויף דער טיר,
אַ סימן פאַר פאַרבייגייער, אַז דאָ איז אַ יידישע שטוב —
אַ משוגעע פייגל לאָזן זיך פון דיביימער, פּיקן דאָס ברייטל
און בענטשן דעם ערשטן שניט.

נס־ציונה, 1928

אינקובאַטאָרס

צוזאַמען מיט דער זון בין איך אויפגעגאַנגען אויף דער פלאַך פון אינקובאַטאָרס,
פליגלען צעפלאַדעוועטע, פליגלען צוזאַמענגעלייגטע האָב איך געטוליעט צו מיין פּנים,
עופות פון מיין היים.
אַנגעצונדן איז דער לאָמפּ, רויטלעך איז דער פלאַם אין אינקובאַטאָרס פאַרגלאָזטן שופלאָד,

צוגעטוליעט איי צו איי ווארעמט זיך ניי לעבן ביים רויטן פלאם:
פיקן יונגע שנעבעלעך, זיצן נאַקעטע עופהלעך אין צעעפנטע ווייסע שאָלן —
בין איך פאַרפּלייצט פון אייביקן ווונדער, איך באַריר מיט דער האַנט דעם סוד פון אַלע סודות —
ווען די מזלות שטייען מזלדיק איבער דער הינערשטייג און די עופהלעך זיינען געזונט,
באַדעקן פאַרביקע פעדערן די נאַקעטע פליגל, איז אַ חדוה אין דראָטענעם געפלעכט.
שפרינגען יונגע עופהלעך מיר אין די דלאָניעס; פולע זשמעניעס ווייצן וואַרף איך צו צו יונגע שנאָבלען:
ציפּ, ציפּ, ציפּ, נאַקעטע עופהלעך, ציפּ, ציפּ, ציפּ, געזונט און שטאַרק זאָלט איר מיר זיין. —
אָבער באַהיט און באַשירעמט זאָל מען ווערן פאַר דער שלעכטער שעה ווען די עופהלעך ווערן קראַנק,
נאַקעטע פליגל אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, און די קעפּעלעך פאַרלייגט אויף אַ זייט.
זיץ איך ביי דער שטייג, דעם קאָפּ אויף דער קני און וויין צוזאַמען מיט די קראַנקע עופות,
און בעט אַ רפואה שלימה פאַר זיי.

מיין אוהל

מיין ווייסער אוהל מיט פּאַלעם צעשפּרייטע
ווי פליגלען פון אַ טויב צו פליען,
קעץ, הינט, פייגל, חיות פון מיין לאַנד,
קומט אויף מיין זאַמדיקער שוועל צו רוען —

לייגט אייערע דינע פיסלעך אין מיין האַנט,
איך בין אַזוי פריי און גליקלעך ווי איר,

איך באַדעק מיט האַנט אונדזער ברודערשאַפט,
דאָס לאַנד מיט זון פאַרכלינעט ווי מיר —

דאָס בלוט אין אונדז ווי שטורקאַצן צעגליטע,
לייכטן אונדזערע טריט אויף זאַפטיקער ערד.
ליכטיק זיינען די פעלדער פון מיין לאַנד,
אין גראָז ביז צום קנעכל פּאַשען זיך יונגע פערד —

טאַנצן טראַקטאָרס און אַקעראייזנס
מיט גלאַנצנדיקע מעסערס אין שוואַרצער ערד,
קאַץ, הונט, פויגל, חיה און מענטש פון מיין לאַנד
באַרירן מיט ליפּן און שנאַבלען שוואַרצע גרודעס:
מאַמע, מאַמע ערד.

יעקב גלאַנץ

ירושלים

ירושלים!
פון דיינע טורעמס חרובע,
אַלטע און נייע, —
בליקט דער חלום פון ישעיה
מיט אויגנלעכער אויסגערונענע.
צו די אָפּגעפּונענע
און צו די פאַרלוירענע אין תהומען.
צו די אָנגעזעטיקטע
און צו די וואָס קומען אָן
פאַרשפעטיקטע
צום אחרית הימים.

צו די, וואָס קומען אויסגעלייזט
צו שטאַרבן,
און צו די, וואָס קומען אַרבן
אַ כזית
טרייסט
אויפן הר־הבית.

צום הייליקן אין צויטן
פון אבאַיע,
און צום קינד דעם טויטן
איינגעוויגט
אין יער־הקדושים־רויש,

דערבליקט
דער חלום פון ישעיה.

און ס'רויטע, קילע ליכט
פון טריפנדיקער שקיעה
פֿאַרטריפט נאָך אַלץ
דעם אויסגעשטרעקטן האַלדז
פון קרבן
אויפן הר מוריה.

כותל מערבי

שפינוועבס אויף דער אַלטער מויער,
אַלטע קרעכצן, אַלט געוויין;
און אַ הויפן גרויער טרויער
וואַלגערט זיך אויף יעדן שטיין.

איינגעהילט אין גרייזע יאָרן
שלאָפט די טויטע, שטומע וואַנט,
אַלצדינג איז שוין אָפּגעפאָרן:
סיי דער לויב און סיי די שאַנד.

קומט אַ מאָל די גסיסה שטערן
אַ צעבראָכן-אַלטער ייד,
לאָזט אַראָפּ די מוייער טרערן,
אַלט און קאַלט און שוואַך און מיד.

דאָך דערציילן יונגע ספרים:
קומען וועלן יונגע הענט,
קומען וועלן יונגע אָרעמס
אויפצובויען נאָך דריי ווענט.

מנחה

ס׳טראָגט פון ים זיך בייזער שוים,
אהלי־קדר רוען האלב־שטום,
און מנחה־פלאַם שפּאַצירט אַרום
אויף אַלטע בערג און אָטעמט קוים.

אַ פּוסטע וועלט פון סאַמע שטיין,
קיין וועג, קיין שטעג, נאָר בלינדער שליאַך,
דו זוכסט אומזיסט אַ בוים, אַ דאַך,
און בלייבסט פאַרשפּאַרט מיט זיך אַליין.

אַוועק איז ווידער גאָטס אַ טאָג,
פאַרוואַלגערט זיך אין טויבער ווייט
און הערסט נאָך אַלץ שאַקאַלן־קלאָג.

דו שטרעקסט די הענט און קוקסט צום ים:
ער ברענגט דאָך מאָרגן יונגעלייט,
מיט נייעם שטורעם און נייעם פלאַם.

מיין זון

פאַרהוסט האָט אין דחקות מיין טאַטע די יאָרן,
געהאַנדלט מיט בראָנפן אין קלייט,
אַ ברויטל געקייט פונעם גויאישן קאָרן,
געקייט עס אַזוי שטילערהייט.

מיין מאַמע האָט העמדער אין ווינטער־פאַרנאַכטן
פון גויאישן לייוונט גענייט;

און איך האָב אַ קוישל, אַ קינדיש־פּאַרטראַכטן,
פון אונדזוערם אַ לולב געדרייט.

מיין איינציקער זון פון דער היים איז אַנטלאָפן,
געקומען צו עפּעס אַן אָרעמען פעלד
און האָט דאָרט אַ פּיאָש און אַן אַקער געטראָפן
און אויפגעשטעלט דאָרט זיין געצעלט.

איך האָב אַ פאַרדולטער פון גרעזער און ביימער
מיין אייגענעם זון ניט דערקענט:
זיין זיידע אין טלית, זיין טאַטע אַ טרוימער
און ער מיט פאַרפויערטע הענט...

אַ מאָל

אַ מאָל אין די אַלערליי העלע פאַרנאַכטן
פאַלט טראָפּנווייז רחמים פון אַלע פיר זייטן,
און קול דממה־דקה פון צווישן די צווייגן
נעמט טריפן און ריזלען מיט קוואַלנגעמערמל.

און פראָסט ווילט זיך זיין צווישן נאַקעטע פעלדזן
און גלעקלעך־באַהאַנגענע שאָף פאַר זיך טרייבן,
און סתם אין דער וועלט אַריין פייפן ניגונים,
אַז בערג זאָלן ענטפערן מיט אַ געלעכטער.

אלחנן צייטלין

נאַכט אין ירושלים

די נאַכט האָט ווייס באַגאָסן דיינע שטיינער —
די זילבערנע האָר פון דיין גרויען קאָפּ —
און ס׳גלעט דיינע צעקנייטשטע באַקן אַ האַנט אַ געהיימע,
וואָס לאָזט זיך פון הרי־יהודה אַראָפּ.

איך טרעט אויף דיינע שווערע, אומעטיקע שאָטנס,
וואָס וויקלען דיך אַרום ווי שמאַטעס אַ געפרוירן קינד,
ווען צווישן דיינע פעלדזן וויינען עלנטע שאַקאַלן,
ווי ס׳וויינט אויף טרויעריקע פעלדער אַ דערשראָקענער ווינט.

עס וועקן זיך אויף הר־הזיתים שרעקעדיק מצבות,
וואָס ליגן אויסגעשטרעקט ווי צו דער שחיטה שאָף.
דיין נאַכט, דיין העלע נאַכט, ירושלים,
פאַרטרייבט פון זייער אַלטן אויג דעם פאַרמעטענעם שלאָף.

נעם מיך אַרום, דו פעלדז — ירושלים,
מיט אָרעמס פון דיין בייזער, שטאָלצער נאַכט נעם מיך אַרום!
עס ברומט דיין שרעקיק־העלע שטילקייט אין די גאַסן
דעם אייביק־צאָרנדיקן, לייבישן געברום.

משוגעים אויפן הר הזיתים

זיי שלייכן זיך שטיל-שאָטנדיק צווישן בלויע קברים,
ווי מתים אויפגעוועקט צו תפילה אין דער נאַכט;
און איבער זיי — משוגענע לבנה
מאַכט-אויף אַן אויג אַ געלם און לאַכט.

ווי שוואַרצע טיכער שפּרייטן זיי זיך אוים אויף שטיינער פון מצבות
און פאַלן צו צו קאַלטן שטיין מיט ליפּן טרוקענע און בלאַסע;
מיט לעצטן גסיסה-כאָרכל שטאַרבט אויף זייער טויט געזיכט
פון שטומען וואַנזין די פאַרגליווערטע גרימאַסע.

זיי העשען דאָרט פאַרשטיקט אַזוי און אַזוי פינצטער,
פאַרשטיקט און פינצטער ווי פון אונטער ווייטער, שוואַרצער ערד;
און ס׳מישט אַ גרויסע האַנט אַ בלינדן שמייכל
צוזאַמען מיטן העשען אוים אויף זייערע צעפּאַטלט-בלויע בערד.

אין טויבע קברים שרייען זיי אַריין ווי אין אַ טויבן אויער:
„שטייט-אויף, שטייט-אויף, געשלאָגן שוין די גרויסע שעה!
ער רייט, ער רייט אויף פייערדיקע דונערן און בליצן —
משיח שוין געקומען, משיח איז שוין דאָ!״

אסתר שומיאַטשער־הירשביין

ירושלים

געהילט אין ווייסן, ווי אַ כלה, לויכט ירושלים,
די בערג און פעלדזן פון יהודה היטן שטיל איר חלום.
מיט הימל־ווייטקייט רעדט די שעה פון מנחה־מעריב,
אַ שעמערירנדיקע שטילקייט הויערט איבער דעכער.

אַריבער אַ גרין־ברוינעם באַרג גייט אויף אַ וואָלקן.
דער כותל־מערבי עדותט זיך אין זיין חורבן.
דער שער־הרחמים אויף יענער גרויסער רגע —
משיח זאָל אויף ווייסן אייזל זיך באַווייזן.

דער בין־השמשות גליאיקט מיט ישעיהס נבואות:
די פעלקער וועלן ציען ווי צעשטראָמטע טייכן;
און הייסע ווינטן טראָגן זיך פון דער נבואה,
אַז איבערשמידן וועט מען שווערד אויף אַקעראייזן.

ירושלים מאַכט די אויגן צו און ווערט פאַרדרעמלט,
די בערג און פעלדזן פון יהודה היטן שטיל איר חלום.

נ. י. גאָטליב

פונעם בוך „חלוצים"

ח ב י ב ה

לופטיק, ווי פייגלשע קלאַנגען,
דופטיק, ווי ביימערשער צוויט,
גייט אין מיין זעל אַ געזאַנג אויף,
בליט אין מיין האַרץ אויף אַ ליד.

פרילינג אין יאָר זעקס און צוואָנציק,
פעלדער ביים באַלטישן ים;
קבוצות דאָ זייען, דאָ פלאַנצן, —
גליל פון ליטווישן לאַנד.

שפּאַן איך פון קבוצה צו קבוצה —
לערער, פון מרכז געשיקט.
שפּילט זיך די זון — אַ חלוצה —
גאָלדיק־פאַרשייט מיט מיין בליק.

קום איך אין „קבוצה שאַטעלן",
טרעף איך די חברה ביים טיש
קלאַפּן מיט לעפל און טעלער, —
זעץ איך זיך צו און — געניס.

קום איך אין „קבוצת קאַלאַטן",
אָוונט, נאָך שווייסיקן טאָג, —

האַלט איך אַ פּאָרטראַג פאַר יאַטן,
שמועס פון לעבן אין „טאָל״.

קום איך אין „קבוצת עקיטון״,
זינגט מען דאָ לידער, מען טאַנצט, —
פאַנגט מיך אַ פריידיקער ציטער,
וואַרפט מיך אַריינעט אין קראַנץ...

שפּאַן איך פון קבוצה צו קבוצה,
קום איך אין מעדיקן אָן,
אַרבעט אַדאָ אַ חלוצה —
רייציק, ווי בליאונג פון מאָן.

מ׳רופט זי חביבה — אַ נאָמען,
זומערדיק, זאַנגעדיק, זים:
זע איך זי, ווערט מיין נשמה
טויאיק און קוואליק באַפרישט.

„ילדה״ איך רוף זי, די שיינע,
זעכצן זי איז נאָך ניט אַלט;
אַרבעט — אַ וויכער אויף פליינען,
אַרבעט — אַ שטורעם אין וואַלד.

יאַגט אויף אַ פערד אום — אַ קאָזאַק,
מעלקט די בהמות געניט,
פאָכט מיט דער בליציקער קאָסע
פלינקער פון אַלע ביים שניט.

פירט אויך אַ טראַקטאָר אַ שווערן,
לאַדעוועט וועגענער היי.

קיין זאַך דער שיינער ניט שווער איז,
טוט אַלץ — צו קוקן אַ פרייד.

שפּאַן איך פון קבוצה צו קבוצה,
טראַכט פון חביבהן גאָר אָפּט;
ס'ציט מיך צו דער־אַ חלוצה,
כ'זע אָפּט איר פּנים אין שלאָף...

קום איך אין מעדיקן איינמאָל —
טרעף איך חביבהן אין קיך;
טעפּלעך זי שייערט, זי רייניקט,
קאָכט אַ חלוציש געריכט.

עסט אָפּ אויף שנעל די חבריא
(ס'וואַרט איצטער אַרבעט אָן שיעור), —
ווערט זי, חביבה, אַ פרייע,
מאַכט זי מיט מיר אַ שפּאַציר.

שפּאַנען מיר יונגע און גרינגע,
אויגן, מיט פרילינג צעשטראַלט;
ברענגען אונדז פעלדער צעגרינטע
אין אַ צעבלעטערטן וואַלד.

נעמט אונדז דער וואַלד אויף צעשאָטנט
און מיט אַ מילדן גערויש;
זעצט זיך חביבה אין שאָטן,
לייג איך מיין קאָפּ אין איר שויס.

קעמט זי און קרייזלט מיט פינגער
צאַרט מיין צעפּאַטלטן קאָפּ;

טוט מיר אַ ניגונדל זינגען
מיט אַ חלוצישן טראַפּ.

טרוימען מיר נאָכדעם צוזאַמען
פון דעם צעזוניקטן לאַנד —
ווייט דאָרט, אַהינטער די ימען, —
נאָענט, ווי אייגענע האַנט...

רוימט זי אַ סוד מיר אַריינעט:
— דאָרטן מיין „חבר" וועסט זיין. —
פליסטער איך: ילדה דו מיינע,
קינפּטיקע „חברטע" מיין! — — —

וואָכן פאַרגאַנגען, חדשים,
פרילינג און זומער אַוועק,
פאַרבט שוין די ביימער דער אָסיען,
לאָזט זיך אַ כאַפּטע אין וועג.

עולים. חביבה — זי אויכעט,
פול מיט חלוצישן דראַנג,
גרייט מיט חלוצישע כוחות
בויען דאָס טייערע לאַנד.

גיי איך די עולים באַגלייטן,
פיל איך אין האַרצן אַ וויי:
כ׳בין פאַר אַן עולה ניט גרייט נאָך,
כ׳קען נאָך ניט פאָרן ווי זיי.

שטרעקן מיר הענט אוים די ליבע,
דריקט מיר חביבה די האַנט:

— זכור את הילדה חביבה! — — —
און עס צעפּייפּט זיך די באַן —

יאָרן פון דעמאָלט פאַרגאַנגען.
אַנדערש מיין וועג איז אַוועק.
ס'האָט מיך די מוזע געפאַנגען,
דאָרט, אויפן היימישן ברעג.

האָט מיך באַלאָדן מיט לידער,
האָט מיט פּאָעמעס באַשווערט...
האָט מיך צעשיידט מיט דער ליבער,
האָט מיך פאַרטראָגן אַהער.

פלאָגט זיך מיין לייב אין דער קעלט דאָ,
חלומט פון זונלאַנד מיין זעל;
חלומט פון עמק צעהעלטן,
טרוימט פון חביבהס געצעלט.

און אין די נעכט אין די טיפע,
וואַך, פון דער מוזעס באַריר —
„זכור את הילדה חביבה"
קלינגט אָפט אין אויער ביי מיר.

ילדה! איך האָב ניט פאַרגעסן.
ס'לויכט אין מיין בליק דיין געשטאַלט.
ס'פרילינגט אַדאָ אין מיין אָסיען
יענער צעבלעטערטער וואַלד.

ס'זומערן דאָ אין מיין ווינטער
יענע חלוצישע טעג,

דאָרט, אויף די פעלדער צעגרינטע,
דאָרט, ביי דעם באַלטישן ברעג.

לופטיק, ווי פייגלשע קלאַנגען,
דופטיק, ווי ביימערשער צווייט,
גייט אין מיין זעל אַ געזאַנג אויף,
בליט אין מיין האַרץ אויף אַ ליד.

ראָזאַ גוטמאַן

באַרג פון ישראל

א

באַרג פון ישראל, רעשט פון הרובער אוראַלטער שטיינערנער בריק
צווישן הימל און ערד!
קלעטערט ווער
אין די נעכט — אַ גרייזגרויער, מיט יונגן געניק,
און ער שאַרט אויף דיין הויך, און ער קלאַפּט, און ער שווערט,
און ער מאָנט די פאַרלוירענע אור־אַלטע בריק
צווישן הימל און ערד?

ב

עס בליען דיינע אויסגעשפּרייטע פּאַלעס,
יעדער קנייטש פון יום־טובדיקן זייד.
דעם הויכן רוקן אויסגעוועלבט אין חלל,
שטייסטו פאַר גאָט און לייט.

די לופט איז קלאָר, ווי דורכגעזיפּט דורך אַלע זיבן הימלען,
אַז אויסגעהיט אין לויטערקייט זאָל זיין
דער אָטעם פון אַמאָל־אַמאָל באַרירטע צימבלען,
דער ריח פון אַמאָל־אַמאָל פאַרגאָסן וויין.

פאַלט צו די נאַכט, דער הימל וויקלט בלוילעך זיך פאַנאַנדער,
אותיות צינדן זיך פאַר דיר, ווי שטערן, אות נאָך אות.
בשורות צייטיקע זיי זאָגן אָן דיר,
געוויגענע אין וואָג, געמאָסטענע אין מאָס.

מאה שערים

הונדערט טויערן.
אין מאה שערים ריידן שילדן
פון קליינע הייזקעס אַראָפּ,
מיט לשון-קודש — —

און יידן פרומע טראָגן דעם טאָג
ווי דאָס וואָרט פון גאָט
אויף זייערע פּנימער — —

לויפט פאַרביי די מאַמע שרה
מיט אַ קענדעלע מילך
פאַר אָרעמע קינדער —

לאָזט עס שטיין פאַר אַ טיר
און אַנטרינט אין דער מערת המכפלה — —

קומט איר אַנטקעגן אברהם אבינו
אויף אַן אייזעלע אַ קליינס,
ער פירט אין שטאָט אַריין אַ ביסל גרינס — —

אברהם אבינו האָט אַ ווייסע באָרד
און מוטנע גוטע אויגן —
און אין זיינע הענט דאָס רחבות פון לאַנד — —
און אין אַ שולכל אַ קליינס,

וואָס איז פאַרביק ווי אַ תימניש געוואַנט,
ווי אויסגענייט מיט אַן אָרנאַמענט,
וויינט אַ קול אויף חרובע שטעט
און ס'שוועבן הענט אין אַ געבעט — —

און דער כותל מערבי
פון ווייט,
פון צעטעלעך פאַרשנייט,
ווי אַ בריוונטרעגער אין וועג
שטייט מיט זיין פאַרמעג — —

זי לאַטעט דאָס העמד

געפאַלן איז איר זון
אין שער־הגיא —
מיט נאָך קרובים צוויי
שטייט פאַר איר
אַ פּושקעלע פון מעש;
זי לאַטעט איר קינדס
אַלטע וועש.

אַלץ איז איר פרעמד.
נאָר דאָ ליגט צעשפּרייט
איר קינדס העמד.

שטעכט זי מיט דער נאָדל
אין דער לאַטע:
געראָטן איז ער
געוועזן אין טאַטן.

די אַרבל ליגן אויסגעריבן,
פון טעשל פאַלט אַרויס
אַ בריוול ניט דערשריבן —

סע לעבט, סע לעבט
דאָס פּערלמוטער קנעפּל,
די שפּילקע מיטן זילבערקעפּל.

זיין מאַנדלבוים
צוויטעט נאָך אוים
אַ קינדערישן טרוים — —

פליט אַ פויגל אַזאַ שיינעם פלי —
פאַלט אַ פעדערל אויף אירע קני;

שטייט פאַר איר דאָס פושקעלע פון מעש,
זי לאַטעט איר קינדס אַלטע וועש.

אַ טרויעריקע תימנישע חתונה

ווער האָט די צימבעלעך,
די צימבעלעך דערוואָרגן?
זיי האָבן ערשט געצימבלט
אין האַרבסטיקן פרימאָרגן.

זיי האָבן ערשט די פייקלעך
געצישעט און געסטאַרקעט,
ס'האָט אַ טויב אַ ווייסע
אויפן פלויט געוואָרקעט.

ס'האָט אַ האָן אַ געלער
געקרייעט אויף די שפּענער,
גערופן אויף טרעוואָגע
די ברידער זיינע הענער —

און תימנישע פרויען,
מיט ווייס-געשטריקטע טיכער,
האָבן זיך געפּאַרעט
אַלץ שנעלער און אַלץ גיכער.

די כלה איז געזעסן
אַ ווייסע אין איר ברוין;
איר קאָפּ פאַרקעמט אין צעפּלעך,
מיט אַ שלייער און אַ קרוין.

די כלה קוקט אויף אירע ווייסע שיך
די מאַנדל-אויגן אירע זעען דעם חתן
מיטן פליך — —

דער אַלטער כישוף-מאַכער,
וואָס געקומען פון טערקיי,
זינגט אַן אַראַביש ליד
וועגן דער ליבע און וויי.

צוויי תימנישע קינדער
מיט אַ רויטן קראַנץ,
טאַנצן פאַר דער כלה
דעם לעצטן מיידלטאַנץ.

דערנאָך האָט מען דעם חתן
דעם זיבעציק יעריקן געבראַכט,

אַן אַלטער, אַן איינגעבוקטער,
אַ שוואַרצער ווי די נאַכט.

ווער האָט די צימבעלעך,
די צימבעלעך דערוואָרגן?
זיי האָבן אָקערשט געצימבלט
אין האַרבסטיקן פרימאָרגן — —

באַלאַדע פון כביש הגבורה *

ס'איז געווען אַזוי ווי
אין ששת ימי בראשית;
די זון איז נאָך ניט דאָ געווען,
און דער הימל איז געלעגן
צווישן חרובע וועגן.

און אַלע שטעגן,
און אַלע שטחים
זיינען געווען פאַרקניפּט
מיט פייער און בלוט.

און דער ירדן
און דער כנרת
זיינען געווען מעוברת
מיט טרויער און יידישן צער.

* כביש הגבורה — דער וועג צווישן ירושלים און תל־אביב, וואָס איז בעת דער באַפרייאונג־מלחמה מיט גרויס מסירת נפש אויפגעעפנט געוואָרן דורך די יידישע קעמפער.

האָט אויפגעהויבן די האַנט
דער וואָס לעבט אייביק,
דער האַר,
און האָט אַרויסגענומען
אַ טאַבעק-שקעטעלע —
דאָס ביסל בטחון,
און האָט עס צעבלאָזן
אויף דעם פעלד,
ס'זאָל קומען נצחון —

איז אויפגעגאַנגען דאָס קול דממה
פון דער אַרומיקער שממה
און האָט זיך געשפּרייט
מיט כאַפּטעס שאָטנס,
וואָס האָבן ווי די שטילקייט
מיט זיידענעם געוויש געשנייט.

און אויף די קני
איז דער סוד געקראָכן
און אַריינגעוויקלט זיך
אין די כאַפּטעס שאָטנס,
וואָס זיינען ווי די נעפּלען אויפגעגאַנגען,
און געוואָלט אַדורכברעכן
די וועגן פון מים
פאַר דער שטאָט ירושלים.

און ווי אין מדבר
שטייט ירושלים,
אָן וואסער, אָן ברויט;
ס'צאַנקט נאָך אַ קנויטל
און סע שפּרייט זיך דער טויט,

און סע שפּרייט זיך די סכנה,
און אין פייערן טויכט אויף
אַ דערשראָקענע לבנה...

העי! ווער פאַסט דאָ איצט תעניתים?!
אויסגעטאָן די טליתים,
אין די הענט — אַ האַמער און אַ העקל,
אָנגעטאָן זאָל ווערן באַלד אַ זעלנעריש רעקל!

אַרויס צום כביש!
אַרויס צום באַרג!

און אַ נאַכט איז דאָס געווען —
אי צום שרייבן, אי צום לעזן.

און געגאַנגען זיינען שורות,
שורות לאַנגע מיט כלי־זין;
ווער מיט האַמער, ווער מיט רידל,
אַלע פעלדער צו פאַרזייען. — — —

און אין איינעם פון פאַרנאַכטן,
אין די גאַסן די פאַרשמאַכטע
פון ירושלים —
האָט אַ קול גענומען רופן:

קמח! מים!
מלח! קמח!
קמח! מלח!

און דער ירדן און כנרת
זיינען גלייך געוואָרן מעוברת —

ביידע פולע זילבערדיקן שיין;
און צעשמייכלט קומט לבנה
אין געסט צו זיי צו גיין;

און זי זאָגט זיי אָן אַ בשורה:
ס׳איז געקומען ברויט מיט מים
פֿאַר דער שטאָט ירושלים!

אין עמק

א

ווי אַ של־ראש גליט די זון אויף מיין שטערן,
אַ שטראַל וויקלט זיך, ווי אַ של־יד רצועה, —
אַן איינגעהילטער אינעם הימלדיקן טלית
איך דאַוון דאָ שחרית מיט דיין תבואה.

מה טובו אוהליך, ווי גוט איז מיר דאָ, עמק,
אין דיינע קאָרן־זאַנגענע געצעלטן:
התלהבותדיק טאַנצט דאָס הארץ מיינס אריין
אין דיין שיינעם פרימאָרגן צעהעלטן.

עמק, אין דיינע קוואַדראַטנע זיסע לעקעכער,
אין דער בלאָנדער גאָלדיקייט צעבליטער, —
איך ביים מיך אריין אין זיי וואַכעדיק־זשעדנע
מיט המוציא־לחמדיקן ציטער.

ב

אויפן געשטערנטן הימל־טישטעך
גייט אויף אַ לבנה ברוינלעך־רויט,
אַזאַ לעבלעכע, אַזאַ פרישע —
ווי אַ רונדער לאַבן ברויט.

נאָר היינט בין מער ניט הונגעריק
אין מיין זיסן זאַטן טאָל,
ווי אין יענע נאַקעטע מעת־לעתן
פון מיין נעכטיקן אַמאָל.

זיי געבענטשט, לבנה־ברויט אין הימל,
פאַר וועמענס הונגער ביסט באַשערט;
מיינע רעפטלעך זעט וועל איך דאָ שניידן
פון זונען, וואָס וואַקסן אויף דער ערד.

פנינה פון ראש־פינה

ס׳שענסטע מיידל פון ראש־פינה
איז אָן ספק אונדזער פנינה,
וואָס וווינט לעם דער מיל;
זי איז דערצו אַ גאַנצע בריה,
ווייסט עס צפת, ווייסט עס טבריה,
דער אייבערשטער גליל.

האָט זי לאָקן פעך־געשפונען
און צוויי אויגן — ווילדע זונען,
תמוזדיקער גלי;
ווייסע ציין ווי עפּל־צוויטן
און פון העלפנביין געשניטן,
ווי בליצן — ברי לי.

פון איראַק איז זי געקומען
און פון דאָרטן מיטגענומען
אירע אַכצן יאָר;
וואָס זשע זאָל איך אייך דאָ ברייען,
נו, דאָס זיינען אַכצן מאַיען,
פּרעכטיקע ביז גאָר.

אָט די פנינה — די בחורה
האָט עס, זאָג איך אייך, אַ גבורה

פאַר פינף און פאַר צען;
ווי די ברידער די איראַקער
אויך זי פירט אַליין דעם אַקער —
אויף חידוש דאָס צו זען.

פון אירע פריילעכע געזאַנגען,
אַז אין פעלד מען שניידט די זאַנגען
גלוסט זיך טאַנצן גיין;
אַזאַ פרייד ווי נעמט עס פנינה,
אונדזער טאָכטער פון ראש־פינה —
קאָן מען נישט פאַרשטיין.

יעדער זאַנגל איז איר טייער,
ווען מען פירט אַוועק אין שייער
דאָס ברויט נאָכן שניט;
אָדער אַז מען דאַרף די טרויבן
רייסן און זיי איבערקלויבן —
טוט זי דאָס געניט.

דאַרף מען עפּעס טראָגן, שלעפּן,
האַקן האָלץ, צי וואַסער שעפּן —
גייט זי באַלד אין שפּאַן;
ביי יעדער אַרבעט, ווי טשעקאַווע,
זי איז פלינקער, זי איז זשוואַווע,
בעסער פון אַ מאַן.

שייך אירע מעלות לויבן,
בחיי, איר מעגט מיר גלויבן,
אָך, איז דאָס אַ מויד!
אָט די פנינה פון ראש־פינה,

ווייסט עס גוט די גאַנצע מדינה,
אַז דאָס לאַנד זי בויט.

גבורה אין צרעה

באַרג־אַרויף דעם העלזאַמדיקן
גראַדן כביש הגבורה
שטרעקט זיך פּאַזעביידע ראַנדן
דער גרינבאַנאַדלטער צאַבער,
זיינע שטעכערס ווילן אים אין גאַנצן פאַרשפּיזלען
דעם דאַזיקן נייעם גלאַרוועג פון העראָאיק.

דאָ איז שמשון געבוירן געוואָרן,
דאָ האָט ער געשלאָגן די פּלישתּים
און דאָ האָט יעדער גליאיק זעמדל
פונסניי זיך אָנגעזויפּט
מיטן רויטן זאַפט פון יונגער יידישער גבורה.

אָבער דער שפּילנדיקער ווייַן
אין וויאָלעטע הענגלען טרויבן,
וואָס יערט האַרב און זיס אין קילן טאָל;

דאָס פּאַליענדיקע גינגאָלד
מיט פולער קאָרנווייצענער שפע;

דאָס בלערליי פּריש־טויאיקע גרינצייג,
וואָס שפּאַרט אַרוים פון די וואָרצלען;

דאָס שוואַרץ־ווייסע געקרייזלטע וואָל
אויף פאַרדרעמלטע סטאַדעס שאָף

און דער פֿאַרהויבענער שטאַרקער האַמער,
הינטער די זונפֿאַרבלויטע בערג, —
אייביקן אַריין דעם בראַוון בלומוט
גרונטיקער אין דער גוטער מאַמע־ערד,
ווי דער רויטער ווייטיק און טרויער
פֿון נעכטן־אַנגעשפּאַנטן געראַנגל פֿון צרעה.

צום הייסן זאַמד־פּנים פֿון כּביש הגבורה
פֿאַלן צו מיינע פֿאַרטריקנטע ליפּן
און זיי שווייגן אַריין מיין געזאַנג.

יוסף רובינשטיין

פליטים־שיפן

איבער אַלטע ימען שווימען יונגע יידן.
אַלטע שיפן בלאָנדזשען זוכן בלינד אַ וועג.
און די ימען שוימען, און די כוואַליעס זידן,
שטורעם־ווינטן ברומען, וואַרפן אָן אַ שרעק.

ס׳שלעפן זיך מעת־לעתן, ס׳ציען זיך די רגעס.
מידע יידן וואַרטן ציטערדיק מיט וויי.
ניט די ימען שרעקן — ס׳שרעקן זיי די ברעגעס,
ווו מיט האַס און קוילן וואַרט דער פיינט אויף זיי.

ניט די ימען שרעקן, ס׳שרעקט זיי די יבשה,
ווו אַ פּאָרט, אַ האַפן וואַרט אַ בייזע האַנט.
הינטער לויער־נעפּלען וואַרט אין נאַכט פאַרלאָשן,
קוים אַ פלעק אַ בלויער, זייער חלום־לאַנד.

וויפל דורות וואַרט ער אָט דער ברעג דער בלויער,
וויפל אויגן וואַרטן, אים דערזען אַצינד.
אַלטע שיפן שווימען אין די נעכט פון טרויער,
אַלטע ימען רוישן שטורעמדיק אין ווינט.

אַלטע ימען רוישן, אַלטע שיפן שווימען
און די יידן וואַרטן מיד פון פּיין און שרעק,
וואַרטן אין די נעכט דאָרט, וואַרטן אויף אַ סימן:
שומר מה מליל — איז שוין נאָנט דער ברעג?!

הינטער זיי טרעבלינקע, הונגערטעג, יסורים,
פייכטע געטאָ-בונקערס און סיבירער נעכט,
אונטער זיי דער אָפּגרונט, איבער זיי — דער שטורעם
און אַפיר דעם שטורעם — בלוטיקער געפעכט.

דאָרט אַפיר דעם שטורעם וואַרט דער פיינט אַ פרעכער,
וואַרט אויף זיי באַהאַלטן ביי דעם ברעג פון לאַנד.
רייס זיך שטאַרקער, שטורעם! כוואַליעס, טראָגט זיך העכער!
טראָג זיך שוואַרצע כמאַרע אויף דעם הימלראַנד!

זאָל די נאַכט זיין פינצטער, זאָל דער אָפּגרונט זידן!
העלף זיי ווילדער שטורעם, העלף זיי מיט דיין שרעק!
אויף די אַלטע ימען שווימען יונגע יידן —
פיר זיי דורך אין פינצטער צו דעם העלן ברעג!

נאָר דעם שונא, חושך, נאָר מיט פאַלשן שפּור אים!
נאָר אים מיט דיין כמאַרע, מיט דיין בייזן ווינט!
זייער רו באַהאַלטן ליגט דאָ איצט אין שטורעם,
זייער העלער מאָרגן רייפט אין נאַכט אַצינד.

איבער אַלטע ימען שווימען אַלטע שיפן.
יונגע יידן זוכן צו דעם לאַנד אַ וועג.
זאָלן ימען ברומען, זאָלן כוואַליעס שטיפן —
ס'וועלן יידן קומען צום געבענטשטן ברעג.

בעריש ווײַנשטיין

אין זכות פון טרערן

פון דער פּאָעמע „אין דוד המלכס גיטער”

א

ווי גאָט וואָלט אים אָנגענומען בײַ דער האַנט,
איז ס׳ייִנגל אַרײַן אין דער באָבע חנהלעס לאַנד.
אין זכות פון אירע אויסגעבעטענע נײַנציק יאָר
זיך צו קאָלערן קיין ארץ-ישׂראל,
איז ער קיין כנען אַרײַן אויף דער וואָר.
מיטן הארץ און האָפּערדיקע טרערן
פון חנהלעס ברכי-נפשי׳דיקן שטערן,
איז ער דאָ אין יענעם חלום אַרומגעגאַנגען.
עס איז אים נאָכגעגאַנגען איר אומעטיקער טײַטש-חומש
מיט אַלע „מענטשלעך” פון אדם וחוה אין גן-עדן,
אַלע געלייענטע מעשׂהם פון קין און הבל;
נחם תּיבה מיט די בהמות און עופות;
די שיכורע שאַנד פאַרשטעלט פון שם ויפת;
נמרוד וואָס האָט דעם טורעם אָנגעהויבן בויען;
אברהם ושׂרה וואָס זײַנען אַרום מיט זייערע קעמלען.
נאָר ווען אברהם האָט מציל געווען לוטן
און ווען יצחק האָט געבענטשט יעקבן,
דעמאָלט האָבן חנהלעס טרערן אויפגעהערט,
מיט אַלדאָס בייז פון אונדזער הויז,
און די קינדער פון ישׂראל האָבן זיך געמערט,
מיט אַלדאָס גוטס אין אונדזער הויז,
מיט אַ ברכה איבערן גאַנצן לאַנד, אָמן!

ב

אין זכות פון אירע אויסגעדאַוונטע רויטע אויגן,
זעגלט ס'יינגל איצט אַריין אין חנהלעס לאַנד.
די הימלען איבער אים שווימען גרינג און הויך
און אויפן וואַסער שוימט אַ שוועבלדיקער רויך.
דער ים־התיכון שלאָגט די זינקענדיקע בערג,
וואָס וויקן זיך נאָך דאָ ווי פון גאָטס מבול.
אין די נביאימס טעג זיינען זיי פאַרשאָלטן געוואָרן
צו שפּאָרן פון זיך אייביקן פייער און צאָרן.
ווייסט ניט צי ס'האַרץ איז שווער צי גרינג.
ווייסט בלויז אַז די זעגלדיקע שיף זינגט
איבער דער ברייט און לענג פון שליימיקן ים,
וואָס טראָגט דיך ווי דורך גרינעם פלאַם.
בעטסט: גיך זאָלן די טעג אַוועק, די נעכט;
זאָלסט אויף אַן אמת זען די קעמלען, די אייזלען;
די הויכע קרוגן אויף די אַקסלען פון רות און נעמי —
ביי דעם איז דער רבי תמיד אויסגעוואַקסן אַ בייזער,
ווי עפּעס אַן אַנגעיאָגטער פון פייערדיקן מדבר.

וואָס וועט זיך באַווייזן פאַר דיר אין חנהלעס לאַנד?
ווער וועט דיך דאָ פירן ביי דער האַנט:
— בראשית!
ס'וועט אויף דיר אַ פלייץ טאָן דער „ויהי אור"
און וועסט בלייבן אַ פאַרבליצטער ווי פון לייש,
ווי אין די טעג פון עמוד־הענן, עמוד־האש.
וועסט דיך לאָזן פירן ווי פון חדר־לאַמטערן
דורך אַלע שווערע ווינטערדיקע סדרות.
נאָר ס'האַרץ דיינס וועט ניט קלאַפּן פון שרעק
און וועסט אַ זיכערער קומען אין שטוב צוריק.

ג

מען זאָגט: אין ארץ־ישראל איז דער הימל בלוי.
מען זאָגט: די בערג און די פּאַסטעכער זײַנען גרוי —
און איך וויל אַזאַ הימל, אַזעלכע בערג זען;
הערן די סוחרים און די קונים אויף יענע מערק
מיט די שווימענדיקע לײמענע קרוגן אויף די קעפּ
אונטער דער פאַרשטייפּטער זון.
מען ווײַנט אין אויסגעגראָבענע שטיבער
מיט אייזלען, קעמלען און געזינדער.
אין ארץ ישראל איז דער הימל בלוי.

מיטן חלום טראָג דיך, ייִנגל, אויפן ים־התיכון
און זאָלן די וואַסערן צו יענער יבשה זיך רייסן;
זיך אויפשוימען, זיך שטאַרקן און זיך הייכן!
נאָר דיך זאָלן זיי אַרײַנפירן גאַנץ אין לאַנד
און גיין זאָלסטו ווו גאָט וועט דיר ווייזן.
און דאָרט?
דאָרט, וועט ער דיך מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק
און דיך בענטשן און גרויסן דײַן נאָמען
און מיט דיר באַנאַנד —
אַלע משפחות פון דער ערד!
וועסט אַרויס מיט אַלע נפשות פון חרן
אַרײַנצוגיין אין לאַנד כנען,
ווי עס האָט לך־לך צו דיר גערעדט.

ד

ס'איז וואָר! ס'איז וואָר!
אָ, הר־הכרמל, הר־הכרמל —
אַ פאַרגלייזטע טרער שטייט אין אויג
ביי דער דאָזיקער שורה איצט!

ווישסט אָפּ פון זיך דעם מזרחדיקן טוי
און ארץ־ישראל הייבט זיך אָן פאַר דיר אַזוי:

פון דיר אַליין ווערט ווי מיט אַ מאָל אַ שטיין.
זינקסט ווי דער אַנקער אין באָרטן אריין —
און עס איז וואָר און עס איז וואָר!
דער זעלבער הר־הכרמל ווי אויף די בשמים־ביקסלעך;
ווי אויף די הילצערנע טאָוולען פון אַשכנזער סידורימלעך.
די בערגיקע זייטן גליען — פונעם מזרח,
די בערגיקע זייטן בריען — פונעם מערב,
און דורות
ווי אליהו הנביא ברענגט צו דער כרמלדיקער הויך
דעם אויפגעציטערטן וויין פון שפוך...

ה

ביסט איבער ימען און לענדער געפאָרן.
אין מאַרסעי און אין גענוע געבענקט
נאָכן באָרטן פון זבולון לחוף...
און איצט, אין גרינעם חיפהדיקן ים,
שטייסטו מיט יענעם יינגלישן פלאַם,
ווען מען האָט חלוצים צו דער באַן באַגלייט;
ווי אויף אייביק מיט טאַטע־מאַמע זיך געשיידט
און מ׳האָט זיך באַשווירן תמיד אַהיים צו שרייבן.
סאַנע, וואָס איז עד היום אין ארץ־ישראל פאַרבליבן,
האָט ביטערע בריוו פון „פּאַלעסטינע״ געשריבן.

דאָ, אויפן חיפהער ברעג זיינען זיי דעמאָלט אַראָפּ
די איבערגעוואַקסענע יונגען פון משה אריהס חדר.
רק זיי האָבן זיך צו דער וועלט געריסן
און איבער גריבערדיקע גרענעצן געלאָזט —
אָט די שטעטלדיקע יונגען, די שטעטלדיקע מיידן.

די לוסט און דאָס בלוט איז געווען דערבײ.
פרומע בײזע טאַטעס האָבן זײערע זין געשאָלטן
למאי זײ זײנען פרעך פון דער הײם אַנטלאָפן;
די בערד זיך געגומען גאָלן, די תפילין פאַרוואָרפן;
די שטיבער אויף הפקר געלאָזט פאַרן עמק־יזרעאל.

איצט, װוּ זײנען זײ, יענע פון ציונס לוסט?
װוּ זײנען זײ, יענע װאָס האָבן װי יאַשמין געבליט
מיט סטודענטישן פּויליש, מיט חלוצימדיקן לשון־קודש?
װוּ זײנען יענע בלומען אויפן שטאָלצן לאַץ
אין די װײס־בלויע זונטיקס פון קרן־היסוד?
להתראות!

זײ זײנען דאָ און זײנען שוין גראָ
און רוישן אין דער פריער חיפהדיקער שעה.
די אַנקערס, װאָס לאָזן זיך אַרויף און אַראָפּ,
דאָס זײנען זײ!
די סחורות, װאָס שמעקן פון אײזן און פּאָרצעלײ,
דאָס זײנען זײ!
די אָפּגעטראָגענע פּלױשנדיקע שיפן אין האַלבן װאַסער,
דאָס זײנען זײ!
נײן, די צענאָגלטע האַרטע האַריקע הענט,
זײנען ניט די װאָס יצחק האָט דערקענט!
זײ זײנען יעקבס —
און ניט אין חלום
און ניט די מלאכים,
נאָר זײ קלעטערן אויף די מאַטראָזישע מאַסטן.

ו

װײך און בלוי און גרין װערן דײנע אויגן;
װערט דער הימל, דער אויסגעשטערנטער באָרטן.
שװימסט װי דער מערב צום רויטן הר־הכרמל

און אַ טויאיקע טרער רינט-אָפּ פון דיר שטיל.
ווייסט ניט פאַרוואָס חיפה ווערט פון חלום שענער;
ווערט פון מאַרסעי, פון גענוא, פון נעאַפּאָל העלער.
אַלע שייבלדיקע פייערלעך שווייגן אַרום
און ס'וואַכט איבער זיי דער דרום פון פאַרנאַכט,
ס'וואַכט איבער זיי דער צפון פון ביינאַכט.
מיטן אויפגייענדיקן מזרח קומען שיפן מיט יידן אַן
לאָזן די אויסגעדויערטע טרער.

ווי גאָט וואָלט אַלעמען דאָ אויפגעזאַמלט,
שטייט מען מיט פאַרבריטן ציטער
אין וואַסערדיקן טאָל ביי אליהו-הנביאס באַרג.
ווען ניט די ימען וואָס האָבן זייערע שיפן
אַנשטאָט קיין ארץ-ישראל —
אין ווייטע פרעמדע לענדער פאַרטראָגן,
וואָלטן זיי פון לאַנג געווען אויף דער וואָר.
איצט זיינען זיי ווי ס'יינגל פון חלום אהער געקומען
פון אַלע ווייטע זיבן זונען.

ז

ווי קיין גושן ציט מען אַריין אין וואָרן לאַנד
צו די ווייסע שטעט אויף שטעכיקן זאַמד.
אין ציטרוסן, אין איילבירטן בליען זיי;
אין בריענדיקן שטויב — און ווערן ניט פאַרבריט;
אונטערן צעהיצטן הימל — און ווערן ניט פאַרגליט.
אַנגעטרונקען ווערן זיי מיטן טל-ומטרדיקן טעם
פון די פאַרקילטע נעכט אין כנען.

די, מיט בענקשאַפט פון דורות
ציען קיין ירושלים —
די, מיט קבלהדיקן געזאַנג

ציען קיין צפת —
די, פון היימישע געמאַרקן
ציען קיין טבריה —
די, פון ראַזשינקעס און מאַנדלען
ציען האַנדלען.
אין חיפה מישט זיך דער מסחר אין קאָפּ
און ס׳ראַיעט דער ישׂשׂכרדיקער פּראַכט
ביז אין דער אויסגעשטערנטער גרינער נאַכט.

גייסט ווי איבער דעכער — אויפן הר־הכרמל,
און ווייס און פלאַך זיינען אירע מילך־מויערן.
אין שוימיקן לייש שטייען די חיפהדיקע ווייטן
און דינער אויסגעשפּרייט ווערן אירע האַפּנס;
אירע סקלאַדן פון געווירץ און בשמים. —
שטריק פון געפלאָכטענעם פלאַקס,
שמעקן ווי הבדלהדיקער וואַקס.

אַזוי ווי דו זעסט עס צעוואָרפן
מיטן טאָליקן וואַסערדיקן באָרטן —
אַזוי ווי דו זעסט עס אויפגעשפּיצט
מיט די אויפגעקלעטערטע בערג —
אַזוי ווי דו זעסט עס אויסגעהאַקט
מיט די שטיקער דעכער און מויערן,
אַזוי האָבן עס געבויט די פון ווייטן אַמאָל.
מיט באָרוועסן האַב־און־גוטס,
האָבן זיי זיך דאָ איינגעגראָבן;
מיט יונגן כוח און שאַרפע העק,
האָבן זיי וואַסער פון בערג געשלאָגן.
מיט שטיינער אויף הויטיקע אַקסלען,
האָבן זיי הערצלס ציון אויסגעטראָגן.

אַזוי זיינען זיי געקומען ארץ־ישראל אַרבן,
פון דורשטיקע ווינטן גרייט געווען צו שטאַרבן.

ח.

און ערב אָוונט?
פונעם באָרטן שווימען רויכן אין פאַרנאַכט
און ס'רוישן טרעגערס, סקלאַדן מיט פראַכט.
שפּיליטערס ראַיען אין קוילנדיקן שוואַרצן פראַך
און מאַכן פול די האַפּנדיקע וואַך.

און ביינאַכט?
ביינאַכט ווערט חיפה אָוונטיק ווי אויסלאַנד
און ס'בלויט דער הר הכרמל אונטערן הימל.
די שטערן איבער איר זיינען שטענדיק ווייך;
זיינען תמיד שטיל, גרויס און בלאָ —
דער זבולון לחוף הימים הייבט זיך אָן דאָ.

אַהער זיינען זיי דאָס געקומען בלייבן
די אַמאָליקע יונגען פון דער באַלדעכאָווקע;
די אַמאָליקע שומרים און שומרות,
וואָס האָבן אויף דער טשענסטאָכאָווער ערד
זיך געלערנט נאָכגיין דעם אַקער נאָכן פערד.
אויף בלויזע אַקסלען האָבן זיי די זון געטראָגן,
מיט בראַנדיקן שווייס דאָס פעלד געגראָבן.

ט.

אויפן הר־הכרמל צו שטיין,
דאָס אַליין —
איז ווערט געווען דורות געוויין!
דאָס אַליין —
קען רירן אַ האַרץ פון אַ שטיין!

ניט נאָר די הויכע ווייט,
ניט נאָר די טאָליקע ברייט
פון די נביאים ראשונים,
פון די נביאים אחרונים —
זעסטו אויפן שטאָפּלדיקן כּרמל-באַרג.

פילסט דעם רבינס „וזאת-הברכה"
מיטן פאַרביסענעם קאַנטשעק;
דעם רבינס „שופטים" פון תמוז-פאַרנאַכט,
ווען די ייִנגלעך האָבן זיך אָפּגעריסן מיט כּעס
למאַי ר'האָט זיי באָדן נישט געלאָזט גיין צום טייך;
ניט אַהיים געלאָזט זיי מיטן גלאָגאָווערס חדר גלייך.
די אָנגעגליטע עפּל וועלן היינט זיכערער בליען
און דעם „אַגראַדניקס" הונט וועט געמיטלעך רוען,
ווייל ס'מוזן די ייִנגלעך היינט „שופטים" לערנען
אויפן הר-הכּרמל פאַרנאַכט.

י.

און איצט?
איצט, נאָך יאָרן פון גליענדיקע זאַמדן,
נאָך יאָרן פון ואני בבואי מפּדן ארם,
נאָך יאָרן פון פאַרגעלטן וועג קיין בית-לחם —
האָב איך יענע ייִנגלעך פון שופטימדיקן תמוז
דאָ געטראָפן אין פאַרעלטערטע טאַטעס.
מיט יעדן פון זיי זייער מעשׂהס זיך פאַרלאָפן.
טייל זייערע אין האַלבן שיטערן ליים געשטאַנען,
טייל האָבן שטרעקעס געשניטן פאַר באַנען —
און אויפן געלעגער ביינאַכט געבענקט צוזאַמען
נאָך אַ שטוב, נאָך אַ שוועסטער, נאָך אַ מאַמען.
ווער אין אַמעריקע צי אין אַרגענטינע,
איז אַזעלכעס אויסגעשטאַנען ווי זיי אין „פּאַלעסטינע"?

ניט לייכט איז זיי געווען צו לעבן אין שרעק
מיט אַ שטענדיק מעסער הינטערן העמד פאַרשטעקט
פאַר דער אימה פון „טויזנט און איין נאַכט“!

יא.

ניט קיין איילבירטן, פייגן און טייטלען —
די ערד זיינען זיי געקומען אָהער רייסן!
אין באָרטנס האָבן זיי דעם ים אויסגעשפּרייט,
אין גרינע ווינטן די שיפן געלאָזט!
סמאָליען טאָקע איצט געשמאַק די האָפנס
און פון די וואַסערן ציט קילער אייזנבעטאָן.
דאָס און נאָך
האָבן די יונגעוואַטע טאַטעס געטאָן;
אויף זייערע אָפּגעדריקטע אַקסלען זעט מען עס אָן.

אין דער היים —
וואָלטן זיי שלאָסערס, מויערערס ניט געווען.
אַזעלכעס איז פאַר אַ יחוס-יינגל געווען אַ שאַנד
און גראָד אַזעלכע האָבן געבויט דאָס לאַנד;
האָבן רערן איינגעשניטן אין זאַמד
און וואַסערן אויפגעשלאָגן פאַר שאָף און רינדער.
ביי טאָג האָט מען פעלדזן, בערג אויפגעריסן;
ביינאַכט זיך געטיילט מיטן טרוקענעם ביסן.

פרישע און זינגעוודיקע פון שיפן און לענדער,
איז מען אָהער געקומען אין חלוצימדיקע העמדער —
און מיט שווערע הענט און האַרטע רוקנס,
זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן זאַמד פון כנען —
און דאָ וועלן זיי בלייבן, דאָ וועלן זיי זיין:
„מיין לאַנד קענסטו לייכט דערקענען,
דאָרט שטייט דער הויכער הר-ציון,

און לבנון ווּ די צעדער זיינען,
און כרמל ווּ די רויזן בליען..."

דאָ וועט מען בלייבן, דאָ וועט מען רוען!

פון חלום צו וואָר

א

ביסט אין דיין אייגן לאַנד, יינגל!
געדענקסט דאָך די סדרה „ויצא",
ווּ יעקב איז אַרויסגעגאַנגען פון באר-שבע
און אויפן וועג קיין חרן געטראָפן אַן אָרט?
דאָרט איז גאָט איבער אים געשטאַנען און געזאָגט:
„דיר וועל איך געבן דאָס לאַנד ווּ דו ליגסט,
און וועל מיט דיר זיין, דיך היטן ווּ וועסט גיין"...
אַזוי ביסטו אַרויס אויף די וועגן פון חומש
און אין קאָפּ האָבן זיך די סדרות געמישט.
וואָרעם ווי אַנדערש גייט מען פון חדר קיין ארץ-ישראל?

ער גייט דאָך ניט פון אַמעריקעס רידזש און פּיט!
ר'קומט דאָך ניט פון יענעם פאַרבענקטן פאַרנאַכט,
ווּ די זון פאַרגייט פון דער איסט-סאַיד
צו דער שטעטלדיקער ווייט!
ר'קומט איצט פון חנהלעס נחלת-צבי'איקער שויב;
פון איר פרומען, קאַרגן שבת-אויבס.
ער גייט פון ר' שמואל מלמדס רויטער באָרד;
פונעם מאַרק מיט האָרכנדיקע יידן אין אַ ראָד,
וואָס היצן זיך און קאָכן זיך אויף קהל
און האָבן בטחון אין ארץ-ישראל.

און נאָר פון דאָרט גייט דאָס יינגל איצט
אויפן מילכוועג צו דער תל-אביבער שטאָט.
אַ דינער טוי שפּרייעט איבער די ווייכע שטראָזן;
איבער צעגראַבליעטע גריבער, איבער געלע גראָזן.
פון ליים און שטרוי שטייען אויסגעקנאָטענע שטיבער
און איבער זיי לייכטן פּערלדיקע שנירלעך שטערן,
ווי ווייטע פייערלעך איבער פאַרזונקענע מויערן
און ציען דיך אַריין אין טיפן אָוונטיקן ווערן.
מען פירט דיך לענג-אויס ביים ימיקן זאַמד
און מען זאָגט דיר: יינגל, דאָס איז דיין לאַנד!
און דו? — דו פאַרגינסטו זיך ניט צו זען עס מיט אַ מאָל,
מאַכסטו ביסלעכווייז אַ ברכה איבער ארץ-ישראל.

ב

איטלעכס מאָל בליצט אויף אַ שטיקל ים;
אַ זילבער וואָס פאַרשווענקט די ברעגן סתם.
פאָרסט פאַרביי שטיקער בערג, שטיקער וויטן;
שיטערלעכע קיבוצים אין טונקעלע טאָליקע אַמאָלן:
זכרון יעקב, פרדס חנה,
נתניה און רעננה.
און וואָס זיינען יענע קעסטלדיקע קאַלעך-מויערן,
וואָס ניט דו צו זיי — נאָר זיי צו דיר פאָרן?
דאָס, יינגל, זיינען ווייסלדיקע שטיקלעך תל-אביב!

אַהער האָט יעדער חלוץ אַ פּיצל שטעטל געבראַכט.
דאָ האָבן שומרים מיט חזק-ואמץ געהיט די נאַכט.
אַ זאַמדיקער בלויז איז דעמלט תל-אביב געווען,
דער שפת-הים האָט ווי נאָך אַ שטורעם אויסגעזען.
איצט, תל-אביב, ביסטו ווי אַלע ליכטיקע שטעט
מיט שפּאַצירנדיקן רויש און לייכטער פרויען-לוסט.
אויף העלע בולוואַרן אין פאַרשוימטע ביימער,

קלינגען טראָטואַרדיקע קאַפּעען.
מיט דיין אַלף־בית, יינגל, לייכטן די שילדן.

ג

וואָס פאַראַ כּוח האָט אַלעמען אויפגעזאַמלט?
וואָס פאַרא הענט האָבן דאָ די מויערן אויפגעשטעלט?
וואָס פאַרא אַקסלען האָבן די שטיינער געטראָגן;
גאַסן געפּלאַסטערט, אַספאַלט געגאָסן?
ווער האָט זיי שטעט געלערנט בויען, אַקערס נאָכגיין,
מאַכן אַ לאַנד פון בלויזן זאַמד?
גאָט האָט זיי אַהער גערופן אַ פאָלק צו זיין!
אויף די זאַמדן פון הערצלס חלום און וואָר,
איז מען געקומען מיט בינטלעך גריוועס האָר.
דאָס שלאַנגנדיקע בלוט אין די געזיכטער
האָט געגעבן בטחון אויסצושטיין דעם מדבר.
שיפן האָבן זיי פון לבנות, פון זונען געברענגט
און זיי צעוואָרפן איבער טאָלן און בערג
מיט לאַפּעטעס כּוח, מיט אַקסלדיקע העק.
דאָרט ווו ס'איז דער חלום שיין געווען,
האָט מען היימלעכע היימען געלאָזט
מיט היימישע געבעקסן, אויפגעפרישטע געלעגערס
און מאַמעס, וואָס האָבן נעכט איבער דיר געוואַכט.
און דאָ? — דאָ האָט מען געטראָפן אַ הימל מיט שטערן;
אַנגעגליטע ווינטן און רויטע האָריזאָנטן.
איצט זע,
וואָס די יונגען פון „בלוט און מילך״ האָבן דאָ אָפּגעטאָן!

ווי עס זאָל דאָס שטערבן ניט געווען זיין אַהער,
ווי עס זאָל ציון ניט האָבן געגליט אין דיר —
דאָך זיינען אומעטיק געווען דאָ די ערשטע נעכט.
וואָר, ס'האָבן דיר זיידעס פון דיין לאַנד דערציילט!

האָט מען עס אָבער אַנדערש דאָ געטראָפֿן.
געדענקסט, סאַנע,
ווי שיין עס איז געווען אַזעלכעס אין דער הגדה;
שענער נאָך אין געזאַנג פֿון שיר השירים?
ווען?
פּסח, אין שטייפֿן אַנצוג מיטן קראַכמאַליעטן העמד;
אין נייעם בריטל, אין זיידענעם כאַלאַט;
אין חסידישן פּליוש, אין סאַמעטנעם קראַוואַט;
אַ ווינטערדיקן זמן האָסטו אויף דעם געוואַרט.

ד

דערנאָך האָסטו דיך דערוואַרטן ניט געקענט,
ביסט קיין ארץ־ישראל אַוועק כמעט אין העמד.
ביסט אַריין אין געיעג צו זען די וועלט,
ווער ס'איז קיין קעלן, קיין אַנטווערפּן אַוועק —
ווער ס'איז קיין אַמעריקע, קיין בראַזיליע אַוועק —
דו, סאַנע, ביסט מיט שלאָמען אַוועק קיין „פּאַלעסטינע".
געווען זייט איר ראַזאַווע יונגען מיט שטאַרקע הענט;
נישט געוווּסט אַפֿילו וואָס אַזוינס אין אייך ברענט.
סתּם־אַזוי, צו ווערן „סאַמעוואָלצעס" אויף דער פֿריי,
איז די היים צו פֿאַרלאָזן געווען לייכט פֿאַר זיי.

אָ, ווי ס'האָט דעמאָלט יונג פֿון זיי געזונגען
„די זענזוכט נאָך ציון"
אויפֿן שפּאַציר צווישן רייפֿן ווייץ און קאָרן!
טרויעריק־שיין איז פֿאַר זיי געוואָרן ארץ־ישראל,
דעם לעצטן שבת פֿאַרן פֿאָרן.
דאָס נמאוסע שטעטל איז געוואָרן נאָענט מיט אַ מאָל.
שווער געווען זיך צעשיידן, שווערער צו פֿאַרבלייבן.
פֿאַרהאַרטעווע דיך, האַרץ, ווי אַ שטיין,
זאָלסט אַ טרער ניט לאָזן ביי דער באַן,

ווען עס וועט אַן עלטערע שוועסטער דיך באַגלייטן
מיט רויטע אויגן, מיט גלעזערנע טרערן.
און דו? — יאָ, דו וועסט בעטן:
ס'זאָל די באַן זיך אַ ריר טאָן געשווינד,
די טיכלעך זאָלן ווערן דין ווי דער ווינט.

ה

רק מ'האָט זיך אויף דער באַן פאַרזונגען
מיט „שיין זיינען די נעכט אין כנען".
פעלדער און טעלעגראַף־שטאַנגען פאָרן צוריק,
נאָר די יינגלעך נעבעך מוזן פאָרן אַוועק.
למאי נאָרן, מ'האָט עפּעס אַנגעהויבן פילן די שרעק.
וואָרעם לייכט דורך „קאַטאָוויץ" זיך צו שווארצן,
איז געווען ווען מ'איז געשטאַנען אין מאַרק
און מ'איז אויף באַרימערייַ ניט געווען קאַרג
און מ'איז מיט אַ פאַרביסענער שטרוי אַוועק אַהיים אויף „וואַרעמס".
איצט אָבער, ווען מען גענענט צו דער אימהדיקער שעה,
ווי ס'שטעלט זיך דיר אַ באַיאָנעט אין געזיכט,
בלויז צו טראַכטן דערפון וועסטו פאַרבליצט.
ביסט מעת־לעתן מיילן שוין פון דער היים.
אַ האַלבע בענקשאַפט איז פון דיר שוין אַוועק.
געבליבן איז דיר בלויז די פרעמד;
די שפּראַך וואָס האָסט ניט געקענט.
די פאַרבייפאָרנדיקע גרויסע שטעט,
האָבן נאָך ווי ס'איז געוועקט אין דיר לוסט.
אָבער אין מאַרסעי, דאָ
האָט מען זיך אויפסנייַ אין דעם ליד געטראָפן:
„מיר הייבן די הענט קעגן מזרח און שווערן
ביי ציון, איר פאָן, ביי איר הייליקער ערד..."

ו

פון אַלע הילכיקע געזאַנגען אין האַפן,
איז געווען די פעסטע שבועה פון הויכן מוט.
ניט דאָס אַליין האָט זיי אויפגעזאַמלט דאָ!
עס האָבן זיי אַהער געשיקט די מאַיאָווע פעלדער;
דער בלויער בעז, די שאָטנדיקע קאַשטאַן-ביימער;
די ווייס-בלויע „אויספליגע" פון שטעטלדיקע פאַראיינען;
די פלייסיקע „פאָרטראַגן": הערצל, נאָרדוי, אחד-העם;
די העברעאישע געזאַנגען וואָס האָבן זיך געטראָגן בקול-רם.

אויפן שיף — ווי איין מענטש, ווי איין קול, ווי איין פויסט,
ציט מען אָפּ פון מאַרסעי צעהיצט און אַנטבלויזט.
עס דרייען זיך די וואַסערן, ס'דרייען זיך די פלאַכן
און דין ווי די ווייט ווערן זייערע געזאַנגען;
ווערן די באָרטנדיקע שטערן וואָס שווימען נאָך.
פאָרסט — ביסט גרייט אויף מעת-לעתן ים.
פאָרסט — ביסט גרייט אויף מעת-לעתן שוים.
פאָרסט — האַלטסט אין אויג די טרער קוים.
פאָרסט — עס רוקט זיך אָפּ פון דיר דער צפון.
פאָרסט — און אַלע אין דער היים איצט שלאָפן.

ז

אַ חלוץ טאָר ניט בענקען, ניט באַדויערן —
אַ חלוץ טאָר ניט אַרויסווייזן קיין טרויערן. —
האַלט דיך ראָזעווע ווי דעמלט אין דער היים,
ווען האָסט דיך געלערנט אויף ערד און ליים
צו ווערן פאַרהאַרטעוועט אָן אַ היים.
וואָס אַ שטייגער וואָלט געפעלט אַ סראַלטשע וואַקס
צי אַ סאַנע האָרניק פון די זאַטע בודעס?
דאָרטן וואָלטן זיי געווען מיט „לייטן" גלייך,
געשאַלטעוועט איבערן טאַטנס לעדער-קראַם.

האָט מען זיך אָבער אַריינגענומען „פּאַלעסטינע" אין קאָפּ.
און איצט אויפן שיף דאָ, קוק זיי נאָר אָן,
ווי זיי גייען דאָס ווי פאַרוואַגלט אָנגעטאָן!
טרוקן די קליידער און טרוקן די האָר,
אפנים זיי מיינען ארץ־ישראל אויף דער וואָר.

ח

ערגעץ וואַרט מען מסתמא אויף אַ ליכטיקן בריוו פון אַ זון.
ס'איז אים ניט ניחא געווען ס'היימישע געלעגער!
איצט איז אים שוין בעסער? — אפשר!
אָבער וואָס איז דאָ אַהיים צו שרייבן?
אַז מען וווינט אין צעשטעלטע געצעלטן.
און טאַקע, וואָס דאַרפן טאַטע־מאַמע וויסן
אַז אין קיבוץ טיילט מען זיך מיטן ביסן;
אַז מען שלאָפט אַדורך די וואַכעדיקע שרעק
מיט אַ בליציק מעסער אין רימען איינגעשטעקט?
טאַקע, ווען מען איז ביטער — דעם וואָס וואַרט אויף בריוו,
צי דעם וואָס נעכטיקט אין אַ נאַכטיקער הייל טיף?

עס האָט דאָך יעקב אויך געטראָפן אַן אָרט,
ווו ער האָט גענעכטיקט זיין שלאָף דאָרט,
ווו עס האָט אים די זון אַליין געלאָזט!
האָט דאָך טאַקע „ויצא" געלערנט נעכטיקן אויף שטיינער;
ניט צו שרעקן זיך ווען מען בלייבט איינער!
וואָר, ס'ליכטן אויגנדיקע פייערלעך פון שאַקאַלן
און זיי יאָמערן ווי ווינטן פון זאַמדיקן געוויקס —
נו, האַלט מען איין דעם אָטעם, אין האַנט די ביקס.
אַזעלכעס האָט מען נאָך אין דער היים געקענט,
ווען מ'האָט געקלעטערט אויף יענעמס בוים;
פון פריצ'ס הונט האָט זיך געשטערקט דאָס בילן
און דאָס קאַרשן רייסן האָט זיך געמוזט שטילן.

די זון איז געבליבן אין מערב שטיין,
ווען ס׳יִנגל איז אויפן הענגנדיקן צווייג געבליבן אַליין.
פון אַלע אויסגעפּרוּווטע מוראס און געפאַרן,
איז מען געקומען די אבותדיקע ערד אַרבן,
ניטאָ קיין שענערס ווי פאַר אַזעלכעס צו שטאַרבן!

ט

כמעט אַלע נאַכט,
וואַרפט זיך אַן אַנדערער אין פיבער, אין קעלט.
די קליידער, דאָס לייב ווערט געל, רויט,
מיט אָנגעגליטן טויט.
אפשר ווייל מ׳איז אויף דער דורשטיקער זון געוועז,
ווייל עפּעס האָט געזויגן די הויט, דאָס בלוט?
אָדער ווייל ס׳האָט דער שוויים אויפן שטערן געפּרעסט
און די היץ האָט די אויגן פאַרגאָסן?
דערנאָך, וואָס איז דאָ די נפקא-מינה?
מ׳איז דאָך געקומען צו זיין גרייט פאַר אַלץ!
דאַרויף האָט מען דאָך מיט קלינגענדיקע לידער
די לעצטע אומעטיקע פעלדער פאַרלאָזט.

אוודאי האַקן זיך שטיינער ניט אַליין,
פאַרשיטן זיך זומפּן ניט אַליין,
שניידן זיך בערג ניט אַליין,
פלאַסטערן זיך וועגן ניט אַליין,
בויט זיך ניט פון זאַמד אַ לאַנד אַליין!

אַרויסצוגיין מיטן פאַרטאָג ביסטו געקומען!
אַרויסצוגיין מיטן בינטל לאָפּעטעס ביסטו געקומען!
אַרויסצוגיין מיט לאָגלען וואַסער ביסטו געקומען!
אַרויסצוגיין ביז די רויטע בערג ביסטו געקומען!
אומצוקערן זיך אין ווייכן אָוונט ביסטו געקומען!

י

טרערן הערט מען ניט —
טרערן שעמען זיך ניט —
זיין זשע דיך אוים, סאַנע!
סיוווי שלאָפן איצט אַלע ווי די שטיינער;
אַחוץ גאָט — הערט דיך איצט ניט קיינער.
וועסט דאָך, סאַנע,
אַזעלכעס ניט שרייבן אַ מאַמען?

„הערצלעכע עלטערן,
זייט ניט באַזאָרגט וועגן מיר, אייער קינד.
איך בין פריש און געזונט און אַרבעט לייכט.
איך פאַרדין זיך אַליין אויף עסן, אויף קליידן
און ס׳איז מיר בעסער ווי דעמאָלט זיך ביים שיידן,
ווען איר האָט מיך באַוויינט כ׳זאָל פאַרבלייבן.
כ׳קען ניט זאָגן, אַז ס׳גיט זיך מיר ניט אַ בענק
ווי עס טרעפט ביי אַ מענטש אין דער פרעמד.
פאַלעסטינע אָבער איז פונקט ווי אַ היים.
ווען איר וואָלט געוווּסט סאַראַ הימל דאָ איז,
ווי שיין ס׳איז דאָ, ווי קיל און ווי בלוי,
וואָלט איר אַליין אויך געוואָלט זיין דאָ.
איך שרייב צו אייך שפּעט ביינאַכט.
אַלע אין קיבוץ שלאָפן שוין כמעט.
בעת אַלץ איז דאָ פאַרזונקען אין שלאָף,
איז ביי אייך מסתמא שוין האַלבער טאָג.
אָ, הערצלעכע מיינע,
פערצייהעט מיר פאַר אַזוי ווייניק שרייבן.
די אויגן קלעפּן זיך, כ׳וועל זיך באַלד מוזן גרייטן.
וועגן מיר דאַרפסטו, מאַמעשי, ניט זאָרגן.
ווי עס גערעדנקט אייך, אייער זון, סאַנע”.

יא.

פון אזעלכע פארשטיקטע בריוו,
איז דיר, יינגל, איצט לייכט
ארומצוגיין אין ווייס-געקאלכטן תל-אביב.
וואר, קומסט ווי סאנע
פון זעלבן פארוויינטן סידור,
פון זעלבן בייזן ר׳ שמואלס חדר,
פון זעלבן פארוויקלטן טלית,
ווען האסט א יינגל גענענט צו „ויקרא״,
ווי גאט האט גערופן צו משהן.
נייערט, אין זכות פון יענע בראנדאפפערס,
גייסטו איצט, יינגל, ארום פון רחוב לרחוב
מיט כי טוב!

י. צ. שאַרגעל

איין מעת־לעת

אַ נאַכט

האָסט נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ מין נאַכט.
קאַלטער גרוי האָט אָנגעצויגן פון יענע בערג;
אַנטקעגן, אינעם מערב, איז אַראָפּגעפאַלן די זון,
דער ים האָט זי געגלעט און גלעטנדיק געציטערט.
זי איז אָנגעקומען, די נאַכט, מיט באַהאַלטענעם געוויטער.

האָסט נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ מין נאַכט.
סיוונדיקער בלוי פאַרצויגן גאָר מיט כמאַרעס,
אַ קילקייט שלייכט אַרום, ווי אין רעגנדיקן האַרבסט,
און פלוצלינג הייבט אַ רויטקייט אָן אין די כמאַרעס אַריינצורינען, —
ס'האָט קיינער מער קיין אויג ניט צוגעטאָן ביזן טיפן באַגינען.

באַגינען

האָסט נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ מין נאַכט.
אַ ווינטל שוועבט אין גאַס אַרום, ווי אַ קריכנדיקע שפּין.
דער ים האָט נאַר־וואָס אויסגעהויכט אַ קילן אָטעם,
ער האָט אויסגעשפּיגן שוים, פאַרזאַלצן האַרב די לופט.

און — אַ קוילנסוווישטש פֿון ווייטנס, ווי אַן אַנזאַג, אַ סיגנאַל —
קיין האָן האָט ניט געקרייעט אין יענעם מאָרגנפֿאַל.

האָסט נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ באַגין.
אַ ווינטל צווישן גאַסן בלאַנדזשעט בלינד אַרום,
גלעטנדיק די לאָדן — די טונקלקייט ווערט בלאַס, —
באַרג אַרויף דער שטאָט פֿאַרבט אַ בלויער פּאַס.
פֿון אויפֿגעפּלאַצטע קנאָספּן ריחות קומען אָן;
עס רייט אַריין דער מאָרגן מיט סודותדיקן דראָען.

אַ וואַרעמער הויך פֿון מזרח גדלותדיק שפּאַצירט:
אַן אָנזאָג אויף אַ שחיטה דורך בלינדערניש געפֿירט, —
ער ברענגט אַ גרוס פֿון מדבר, אַן אָנזאָג אויף חאַמסין,
האָסט נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ באַגין.

מעשקאַליריק, געל, געפֿאַרבט האָט זיך אין חלל,
פֿון אַנטקעגן האָט געריוטלט מיט טונקעלן אָקסיד,
דרויסן פֿון שפּיטאָל, ווי וואַרטנדיק אויף שלל,
טויזנט קעפּ געבויגן מיט פּיין פֿאַרשטיקט אין קעל —
שאָטנס האָבן אומגעשלייכט, ציילנדיק די טריט.

און ס׳האָט קיינער ניט געוויינט אין דעם דאָזיקן באַגינען,
כאָטש אַ כאָר פֿון טויזנט קולות האָט אָנגעיאָגט די הימלען,
אין שטילקייט איז אַריינגעקומען אַ מאַטער, מידער מאָרגן,
אָפּגעווישט די געלקייט, ווי מ׳רייניקט אָפּ דעם שימל.

אויף זיבן פֿעלדבעטלעך, איינס נאָך איינס אין ריי,
אונטער דערשטיקטן, איבערגעשניטענעם געשריי,
האָט מען פֿון שפּיטאָל-הויף אַרויסגעטראָגן זיבן טויטע.
די זון איז אויך אַרויסגעקומען אַ צעצונדענע, אַ רויטע,
באַלייט זיי צו די קבֿרים, באַגלאַנצט דאָס ווייס געהיל.

און ס'בלוט איז נאָך גערונען פּאַמעלעך און קיל.
אויף יעדן בלעטל ליגט אַ נומער מיט שוואַרצן טינט געשריבן,
אַ בעטל און אַ נומער: איינס און צוויי און זיבן —

פּאַרנאַכט

און אַזאַ פּאַרנאַכט האָט נאָך קיינער ניט געזען.
אַ גאַנצע שטאָט טובלט זיך אין גאָלדענעם פּאַרגיין,
שטראַלן — פּאַסן גאָלד, קרייצן אַלע וועגן.
שויבן פון דער זון אַרוים, ווי בלענדנדיק פּאַספּאָר,
און אויגן קוקן וואַרטנדיק, ווי צום שטעקעלע דער כאָר.

אַזאַ פּאַרנאַכט איז דאָ נאָך קיינמאָל ניט געווען:
פון סאַמע מיטנטאָג, ווי אַ וווּנדער וואָלט געשען,
פון אַ ליכטיק־בלויען הימל, אַ צעשטראַלטער און צעשפּיגלט,
פון טיפן בלוי אַרוים ווי עמעץ וואָלט געקוקט, —
פון סאַמע מיטנטאָג דער פּאַרנאַכט האָט זיך גערוקט.

צו אַ בוים אַ צוגעבונדנס — אַן אייזעלע האָט זיך צעשריגן,
אַ שטראַל האָט עס געשטאָכן, ווי ער וואָלט קומען פון אַ שפּיגל,
דער גאָלדענער נאָכמיטאָג האָט פּיינלעך צוגעשוויגן;
מענטשן שטייען קופּעסווייז פּאַרכישופטע, פּאַר'עגול'ט.

יינגלעך מיט פרישע צייטונגען, געדרוקטע אין שוואַרצער ראַם,
פּאַרלויפן אַלע גאַסן מיט ווייטיקדיקער בשורה.
פון יענער זייט שטאָט — פּאַרלענדנדיקער פלאַם,
די זון, אַ צעצונדענע, לאָזט זיך גיין צום ים,
אַ זוניקער פּאַרנאַכט פירט דעם טאָג צו קבורה.

און אַט שטייט ער שוין, דער טאָג, אין טיפֿן באַרג אַראָפּ,
מען ציט אַרויף אויף הייזער שוואַרצע פֿאָנען,
אַלע אויגן פֿרעגנדיקע, אַלע אויגן מאָנען,
און מ׳רירט זיך ניט פֿון אָרט, עס גליווערט איצט די שטאָט,
ביז מיט אַ מאָל אַ וואָרט נעמט קייקלען זיך, ווי אַן אַראָפּגעפּאַלן
ראָד:
אַ—כ—ט!

מ׳האָט שוין אויסגעציילט די טויטע, אויפֿגעשריבן: אַכט.
די זון איז שוין אין ים אַריין, אַט שוין קומט אָן די נאַכט,
עס רופֿט צו אייך די אָרדענונג, די היטער פֿון זיין מאַכט:
גייט אייך, גייט אַהיים. — נייע טויטע אַכט.
אַז באַגינען זיבן טויטע און סוף טאָג נייע אַכט —
וועסטו קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן דעם פֿאַרנאַכט.

אין אַ פֿאַרטונקל־נאַכט

א

מיין היים איז היינט פֿאַרמאַכט אויף אַלע לאָדנס,
עס זאָל דער שונא ניט דערזען די שיין.
דער אָוונט רינט אין טויזנטער גענאָדן
און גיסט אַריין זיך, שטאַרק ווי כּרמל־וויין.

ס׳איז פֿינצטער. נאַכט. עס שוועבט אַרום געוויין.
און זען דיך וואָלט איך וועלן גאַנץ און שטאַרק!
ס׳פֿאַרשיכּורט מיך דאָס וואָרט ווי אַ רעפֿריין,
איך וויים, איך פֿיל, דו היטסט דאָרט יענעם באַרג.

ב

ס'איז פינצטער־נאַכט... מ'צינדט ניט קיין שטורקאַצן,
דאָ דרייט זיך ניט אין שוואַרצן היל די וואַך;
מ'פירט ניט דאָ אין מיצן פון פּאַיאַצן
די ייִדעס אונדזערע — צו טויט און שאַנד און שמאַך.

און ניט דער צלם זוכט דאָ איצט נקמה —
ס'איז ניט פֿאַרראַט ביי נעמיראָוו און ת"ח.
ס'גייט־אויף דער יונגער ייִד גערעכטיק אין מלחמה,
דאָס לעבן איינגעוועבט אין רייען פון פּלמ"ח.

ג

דו הערסט דעם רויש? — דער הימל איז מרמז,
דער הימל איז דאָס פעלד איצט פון דער שלאַכט.
דער שטערן־ים אין אָנהייב חודש תמוז,
ער פירט דעם טויט פאַרטייעט אין דער נאַכט.

דו הערסט דעם רויש? — די קינדער שוין דערשפּירן...
ס'איז פינצטער, נאַכט, עס שוועבט אַרום אַ לויער.
האַלט פעסט די ביקס! זיי וואַך ביי אַלע טירן!
און לאָז ניט דורך קיין שפּאַלט אַריין דעם טרויער!

ירושלים

דיך האָב איך גערופן דורך טרערן און דורך תפילות,
אין שעה פון רו און ווען געשמיסן מ'האָט מיין לייב. —
דיין וועג פון גבורה — מיט מיין גאַנצן זיין איך פיל עס, —
פילט אַן מיט חיות דעם לעצטן איבערבלייב.

דיך האָב איך געלעבט דורך אַלע אַלע דורות,
צו דיר האָב איך געהאָפט אויף אַלע וועגן:
דערפאַר אַצינד פאַרטרייב איך אַלע מוראס,
און מיט אַן אָפן האַרץ איך גיי דיין היינט אַנטקעגן.

צו דיר האָב איך געשמייכלט וויינענדיק אין וויגל,
מיט דיר האָט מיך גענערט מיין מאַמעס זיסער זאַפט.
אַצינד איך שטיי דערשטוינט אין כאַמע העלן עיגול,
נאָך יעדער שחיטה טאָפּלסטו מיין קראַפט.

מיט דיר האָב איך געשאַפן יאָר נאָך יאָר,
און יום־טוב־טעג מיט דיר געטרונקען קידוש.
אַצינד מיט פולע לונגען פון זינגענדיקער וואָר,
איך זינג דיין זיין אויף מיין מאַמעס לשון —
יידיש.

מאיר שטיקער

צפת

אורי צבי גרינבערגן

א

איך גיי אַרום אויף טויזנט טרעפּ —
אַרויף, אַרויף, אַרויף,
צו יעדער גאַס, צו יעדן הויף
אין שטיינערנעם אין־סופיקן געוועב.
דאָ איז ניטאָ קיין נידער —
אַלץ איז ווי עס שטייט אין סידור.

אַ באַרג געקייטלט אויף אַ באַרג,
אַ האַלבער ים מיט וואָלקנשעפּסן צוגעדעקט,
די צווייטע העלפט איז בלוי און גרוי געפּלעקט.
ביים זייט אַן אָפּגרונט און אַ פעלדזנקאַרק.
זע, פון לעכער און שלשלתדיקע וועגן —
עלטערזיידעס מיר אַנטקעגן.

ב

פאַרכטיקע שטאָט, איך הער דעם שאָרך
פון ביינער וואָס זיינען געוואָרן פאַרך.
קערנער, אַנטלאָפן פון דער טרויב,
פאַלן אין אַ געפלדיקן שטויב
אויף קברים וואָס עפענען זיך אויף,
ווי ברונעמער אין יעדן הויף.

דאָס קוואַלוואַסער שווענקט די טרעפּ
פֿון שטיינערנעם אין־סופֿיקן געוועב,
וווּ ס'איז ניטאָ קיין נידער —
אַלץ איז ווי עס שטייט אין סידור.

דער שטראַלנדיקער ירדן

אין שלומערדיקן שטויב פֿון די גרויסשטאָטישע לאָמבאַרדן,
אויף טונקל מעש, אויף געלגעליישטן גאָלד,
דרימל איך איצטער ווי אַמאָל ביים ירדן.
דאָס וואַסער שווענקט דעם ברוד וואָס כ'האָב מיט בלוט באַצאָלט.

איך וויין אין שלאָף. די שווער פֿאַרשטויבטע טרערן
שנירלען שטילערהייט אין שמאָלן שטראָם אַריין.
איך קען דעם קלאַנג פֿון מעש און פֿאַלשן זילבער הערן.
דאָס שטראַלנדיקע וואַסער שאַלט אין גינגאָלדענעם שיין.

דאָס מעש, דאָס געלגעליישטע גאָלד וויל איבערשרייען.
אין אויער לישעט אַ פֿאַרזשאַווערטער טרומפּייט.
איז דאָס אַ חתונה צי איז דאָס אַ לויה?
די פּלייט קלאָגט לויטער ווען די זון פֿאַרגייט.

איך כאַפּ זיך אויף. דער שטראַלנדיקער ירדן
האָט אָפּגעשווענקט דעם שטויב פֿון די לאָמבאַרדן.

צו אַ וועגווייזער אין ירושלים

פיר מיך נים, כ׳וועל אַליין געפינען.
איך בין דאָ אין דער היים — האָב עס אין זינען.
איך וועל נים בלאָנדזשען, איך וועל נים דאַרפן זוכן,
מיין נאָז גיים נאָך די טונקלסטע גערוכן.
דער קאָפּ איז צוגעווויִנט צום האַרטסטן קישן,
דאָס אויג צו אַלטע פינצטערנישן
און קאַרקנציערישע פּיאות אויף פאַרדאַרטע
פּנימער פון די נטורי קרתא.

מעינקע קאַץ

אַ מאַראַנץ

איך האָב היינט צום ערשטן מאָל אין ארץ־ישראל
אַ פּשוטן מאַראַנץ אויף אַ בוים געזען, —
האָב איך דעם ערשטן מאַראַנץ אין ארץ־ישראל,
ווי גאָטס ערשטן באַשאַף, ווי ליכט פון בראשית דערזען.

מיט אַזאַ ציטער האָב איך אין ניו־יאָרק צום ערשטן מאָל,
אויף די שטיינער פון דעלענסי סטריט אַן ערשטן קוש פאַרזוכט,
מיט אַזאַ נייגער האָט אדם הראשון דערהערט חוהס קול, —
געזעגנט מיט גן־עדן פאַר דעם טעם פון אַן ערדישער פרוכט.

דעם מאַראַנץ האָב איך ווי מיט אייביקע פינגער געריסן,
ווי פלוצעם וואָלט פון בוים אַן עץ החיים געוואָרן.
דער מאַראַנץ, ווי צום ווייטסטן מאָרגן אַזאַ רונדער שליסל,
צו עפענען אַלע מזלות פון גליקלעכע יאָרן.

גליענדיק, ווי האָפענונג, האָט דער מאַראַנץ זיך געשפּיגלט —
ווער נאָך ירושלים פאַריאָגן סדום פון גאָר דער ערד?
כאָטש קיין וואָלף האָט מיט קיין שעפּס אין ערגעץ זיך ניט געשפּילט,
ווער נאָך ישעיה הנביא אויף אייביק צעברעכן די שווערד?

דער מאַראַנץ אַ נייע געבאָרענע זון דורך די גרווילן פון דער ערד,
מיט גאָר דעם ליכט פון „אחרית הימים" לויכט אונדז אַנטקעגן.
ס'האָט יעקב באַזיגט די כרובים, ישראל די פלאַמיקע שווערד, —
ווער נאָר בלייבן פון גן־עדן — אַ העלער, ערדישער וועג.

לחיים יידן, ס׳וועט שוין קיין חושך דער זון ניט פארווערן:
אַ, יידן מיט ריחות פון פריש־צעאַקערטער מדבר־ערד,
יידן מיט דער ליכטיקייט פון אברהמס אַלע שטערן.
אַ, ווי דעם מאַראַנץ איז זאַפט און פרייד און זעט מיין פאָלק באַשערט.

ס׳האָט מיר היינט, צום ערשטן מאָל, ארץ־ישראל
אַ פשוטן מאַראַנץ אין אַ פּרדס געגעבן.
כ׳האָב היינט, צום ערשטן מאָל, אין ארץ־ישראל
געמאַכט שהחיינו איבערן לעבן.

אַ ייד אין נגב

א

די טעג אין נגב, פאַרבענקטע נאָך אַ שאָטן.
אומעטום איז אין מיטן, ווי אַ קללה, די זון,
ניטאָ קיין באַהעלטעניש פון טויט און פון דער זון,
כאָטש נעם באַהאַלט זיך אין אייגענעם שאָטן.
די טונקלסטע זעאונג איז מיט ליכט פאַרשאָטן.
די טעג פון נגב — פאַרבענקטע נאָך אַ שאָטן.
אומעטום איז אין מיטן, ווי אַ קללה, די זון.

גייט אַ ייד אין נגב — אַ פאַרשאָלטענער ייד:
די צונג, ווי פון פייער, דאָס בלוט, ווי פון זאַמד, —
תוהו ובוהו, ווי פאַר בראשית אַ לאַנד.
גייט אַ ייד אין נגב — אַן אויסגעקלערטער ייד,
ווי ער וואָלט זאַמדן פון אומקום — קערנער פון טויט,
געזייט אומעטום מיט אַ וויסטער האַנט.
גייט אַ ייד אין נגב — אַ פאַרשאָלטענער ייד:
די צונג, ווי פון פייער, דאָס בלוט, ווי פון זאַמד.

ב
גייט אַ ייִד אין נגב — אַ פּשוטער מענטש,
איז דאָס ליד פון נצחון — דבורהס געזאַנג אין זיין טראָט.
בייגן זיך אַלע טויטן פון נגב אונטער זיין טראָט:
הונדערט-מייליקע רערן מיט ברכות פון רעגן געבענטשט,
צעבליט מיט „טל ומטר" וויסטע יאָרטויזנטן — דער מענטש.
מיט ווייטן וואַלד שמעקט האַלץ פון שטיבער — אַנטקעגן זיין טראָט,
איז דער בינשטאָק מיט בינען, די בלומען מיט האָניק געבענטשט, —
איז דאָס ליד פון נצחון — דבורהס געזאַנג אין זיין טראָט.

אָט גייט דער אַקער — דער שונא פון דער וויסט:
קעגן הפקר פונעם דאָרן — אַ פאַרוואָרצלטער שטאָם,
קעגן וואָיען פון שאַקאַל — דאָס געזאַנג פונעם האַמער.
אַ בוים מיט אַ בוים, ווי נייע באַקאַנטע, זיך גריסן.
וואָס שטעכיקער דער צאַבער, איז דער יאָדער זיסער.
די קאַלטנס פון דער ערד קומט די גראַבליע קאַמען.
און אָט גייט דער אַקער — דער שונא פון דער וויסט:
קעגן הפקר פונעם דאָרן — פאַרוואָרצלטער שטאָם.

דער מילגרוים-בוים אין אונדזער הויף

וואָס דערמאָנט אין אונדזער הויף דער מילגרוים-בוים,
אויב ניט אַז מיין פאָלק וועט זיין מיט העלע דורות פול,
מיט ברכות פון מענטש און ערד, מיט מי און שפע פול,
ווי מיט זאַטע קערנער — אונדזער מילגרוים-בוים.

וואָלט אברהם רוען איצט ביים מילגרוים-בוים,
וואָלט ער אפשר ניט געזען די יידן, ווי שטערן,

נאָר ווי ניט געציילטע קערנער פון מילגרוים־בוים.
אַ קערנדל, ווי גאָט, קאָן אייביקייט אונדז לערנען.

אָ, וויפל מאָל ס'האָט מיין פאָלק, אין טויט און טרויער,
אָן אַבל, מיט אַש אויף קאָפּ, געבויגן זיך אין דרייען,
ווי ס'וואָלט גאָט מיין פאָלק באַשאַפן נאָר פון טרערן, —
קאָן נאָר אונדזער מילגרוים־בוים איצט בייגן זיך אין דרייען.

זע, אָט בייגט, אין פרייד, דער רייפסטער מילגרוים אַראָפּ די צווייג,
דער רויסטער מילגרוים — אַ קינדישער מאָרגן אויף דער צווייג.

אַ ניי פעלד

דאָרן און שטיין — די עקשנות פון דער ערד אויסגעגראָבן,
דאָס וויסטע פעלד פון שטעכיקע יאָרטויזנט אויסגעראַמט —
ווערט די ערד פון „עם קשה עורף" נאָכגעביק אַזוי און צאַרט,
ווערט שטויב פון פאַרצייטן דורכגעגליט מיט ערשטער ליבע,
איז ווי שרה די ערד, אַ טראָגעדיקע עלטער־באָבע:
יונג, ווי אַ נאָך ניט געבוירן קינד, אוראַלט, ווי אברהמס שטאַם, —
איז אויך די שטיינער באַשערט נאָך די ברכות פון לעבן,
קרייזט דאָס פעלד אַרום אַ שומר פון שטיין — אַ צאַם קעגן צאַמען.

רעגן פאַרטאָג

די דריטע אשמורה.
אַ רעגן, אַן עלנטער, טיפער.
חצות גייט ער פּראַווען?
טיף־נאַכטיק זיין טראָט,
אַליעניק ווי האַרץ.

מיט דיר, אָ, מיין רעגן, איך גיי צום פּאַרטאָג:
ס'פינצטערן פענצטער — דו ביסט זייער בליאַסק.
פאַרלאָדנט די אויגן — דו ביסט זייער חלום.
עס דרעמלט דאָס קליינוואַרג — דו ביסט זייער פלאַפּל.
עס גרויען די טעג — דו ביסט זייער שבת.

אָ, ערד מיינע, ערד, פאַרמאַטערטע מוטערשאַפט,
אָ, קערנער, איר בענקט נאָך געענדער —
די נאַכט וואַרפט פון אויגן אַראָפּ!
עפן טויער פאַרטאָג, לכבוד דעם חסד,
דעם רעגן
וואָס גייט!

קום און לאָמיר גיין אַנטקעגן רעגן

קום מקבל־פּנים זיין דעם רעגן,
מקבל־פּנים זיין מיט דער אַלייע.

ווער נאָך קאָן ווי זי, מיט טרערן-אויגן,
שמייכלען, שמייכלען —
לאָמיר גיין מיט דער אַלייע.

לאָמיר ביידע אָנקוקן דעם רעגן,
שטיין און אָנקוקן צוזאַמען מיט דער נאַכט.
ווער נאָך קאָן ווי זי, מיט שטילקייט-אויגן,
שטורעמען —
לאָמיר שטיין און אָנקוקן צוזאַמען מיט דער נאַכט.

לאָמיר הערן וואָס דער רעגן זאָגט —
לאָמיר וואַרטן-הערן מיט דער ערד.
ווער נאָך קאָן ווי זי, מיט נצח-אויגן,
ציטערן אַזוי —
לאָמיר הערן מיט דער ערד.

קום באַהאַלטן זיך פון רעגן,
קום באַהאַלטן זיך מיט קערן.
ווער נאָך קאָן ווי ער, מיט צוגעמאַכטע אויגן,
שפּאַלטן שאָל
און זיין פריילעכקייט צעיערן — — — —

קום באַהאַלטן זיך מיט קערן.

אריה שמרי

צו מיין דאָרף

א

פֿאַר איינזאַמקייט וועל איך קיין שׂכר ניט בעטן.
כ׳בין איינער פֿון איינזאַמע אַ סך,
וואָס בראָדזשען דאָ אין ליים און קנעטן
פֿון באַגינען ביז ביינאַכט.

בעט דען עפּעס אַ פֿויגל ביי זיין טשאַטע
ווען זיינע פֿליגל פֿאַלן מיד?
ער זעצט זיך אויף אַ בוים
און איז דערוויל מהנה מיט אַ ליד.

אויך דו, מיין טאָג,
פֿאַרקוקט מיד־מאַט אין זונפֿאַרגאַנג —
זיי גובר דיין פֿאַרגאַנג.
שפּאָר אָפּ פֿון דיין ביייזקייט אַ ביסל האָניק
און זאָג אַלעמען אַ גוטן אָוונט
מיט געזאַנג.

ב

די פֿענצטער פֿון דאָרף שיינען אויף
ווי אין אַלע פֿאַרנאַכטן.
נאָר ווער האָט געעפֿנט מיין אויג
אַנדערש צו זען און אַנדערש צו דאַכטן
פֿון אָט די פֿייערלעך קליינע
אין דאָרפֿישע שטיבער?

ניט נאָר אין שטערן דאָס ליכט פֿון דער וועלט —
זאָגט מיין הארץ מיר אצינד.
אָט די פייערלעך קליינע, ביינאַכט אין פעלד —
טו תפילה פאַר זיי
ס'זאָל ניט פאַרלעשן דער ווינט.

א פאַרהאַנג פאַרהייבט זיך אין פענצטער,
און זיבן הימלען דערזע איך אין פשוטן בליק.
ווער איז ער? קאָן זיין — דער קלענסטער,
אָלץ איינס! איך בעט פאַר זיין גליק.

ס'שטריקט ווער א זאָק אין א ווינקל,
ס'שרייבט ווער גוטהאַרציק א בריוו.
דאָס ליכט פֿון די פענצטער מיר פינקלט
ווי פֿון א פאַרכישופטער טיף.

און גוט וואָס איך קען יעדן און וויים,
און אויך יעדער קען מיך, אין גרוים און אין קליין.
האָט מיך דער טאָג פאַרברידערט אין שוויים
וועל איך אין ליד אויך ניט בלייבן אַליין.

די פענצטער פֿון דאָרף שיינען אויף,
שוועב איך ווי א מאָט פֿון שויב צו שויב.
אָ, פייערלעך קליינע,
לעשט זיך ניט אוים, לאָזט מיך ניט בלינד! —
כ'טו תפילה פאַר אייך
ס'זאָל ניט פאַרלעשן דער ווינט.

מיין נייער חבר

אַזוי פיל פריינד האָבן מיך פאַרלאָזט,
און אַפילו ניט געלאָזט עטלעכע רייד
מיט וואָס כ'האָב זיך פאַרזינדיקט.

דערפאַר האָט מיך היינט אַזוי דערפרייט
אַ נייער חבר, אַן אינדיק.

די זשמעניע קערנער אין מיין האַנט
האָט אים צום פלויטל צוגעצויגן.
כ'האָב דערזען אַ סך גוטסקייט און פאַרשטאַנד
אין זיינע אָוונטיק־צעגליטע אויגן.
ער שווייגט און קוקט מיך אָן,
מיט אויגן — גאָלד און מאָן,
און פלוצעם — האָלדער האָל־דער,
אַ דאַנקגעזאַנג צום באַמאָנער און באַגאָלדער,
און די פריינדשאַפט הייבט זיך אָן.

די קערנער האָב איך גיך געטאָן אַ וואָרף
ווי גוטע ווערטער אין אַ גוטן סדר.
אַ גוטן אָוונט האָב איך געזאָגט צום גאַנצן דאָרף,
צוליבן אינדיק איז גוט געווען איעדער.
ליכט איז אויפגעגאַנגען אין די פענצטער,
און אַ קלאָרע לבנה האָט געקושט די סעדער.

אָט איז דאָס פראָסטע פאָלק

אָט איז דאָס פּראָסטע פאָלק, אין תכלת פון שחר,
מנינים פון תימן, פון בבל, פון וואַרשע.

אין אויגן — די טייכן, אויף קני — די שליאַכן,
די פּאָלעס צעריסן פון בלוטיקע מאַרשן.

און קום אויף **שבזי**, און קום קיין **מנשיה**,
און זע זיי אין זריחה, און זע זיי אין שקיעה, —
צען פון אַ שטאָט, פון אַ משפּחה נאָר איינער,
ווי זיי ליגן דאָ ציגל און פלאַסטערן שטיינער.

און זע זיי פאַרנאַכט אויף די אָרעמע שוועלן,
מיט פּענעצל ברויט אין לויטערן עלנט,
ווי זיי וואַשן אַ העמדל,
ווי זיי רייבן אַ פּענדל
און קוקן אויף האַלבער לבנה דערשראָקן.
קום דאַן צו זיי,
און זאָל דיר דאַכטן
אַז אויך דו ביסט אַ זקן,
און מיט אַ נידעריק געמיט ווי זיי אין פאַרנאַכטן —
העלף זיי וואַשן אַ העמדל, רייבן אַ פּענדל,
און אויך אַ גוט וואָרט ניט פאַרגעסן.

און זאָלן זיי גלייבן אַז ס'וועט זייער טוען
מיט ניסים נאָך נסן.

אַ דאַנק צו דער ערד

א

צו דיין וואַרעמען לײַב, מיין ליימיקע ערד,
וועט קומען מיט דאַנק דיין ליבלינג און זויגלינג, —
נעם מיך צו, זאָל זיין ווי באַשערט,
זאָל אַרויסזונען גראָז פון מיינע אויגן.

כ׳וועל לאָזן דעם אַקער ביים סוף פון דער בייט,
אַ גלעט טאָן דעם פערד אויף דער וואַרעמער גריווע;
מיט אַ שעפּסעלע ריידן מיינע לעצטע רייד,
און ס׳וועט הערן דאָס פעלד, די גאַנצע סביבה —

ווי איך בעט מחילה ביי אַ תמע לאַם,
אויב כ׳האָב איר אַמאָל אויף דערנער געפּיטערט.
ביז די שעה וועט זיין גוט, און אויך איך — תם ווי לאַם,
מיט אַ קאָפּ ווייסע האָר, וואָליק צעציטערט —

וועל דערהערן דעם מע, אַז איך בין ריין און גאַנץ,
און בין ראוי צו דיר, ערד, צו קומען, —
וועלן וואַרצלען אַרומנעמען מיין האַלדז,
און אַ לבנה וועט אויפגיין אין ברונעם.

ב

פאַרנאַכט וועט זיין ליכטיק ווי איצטער,
פון ערד און הימלען וועט טריפן דער וויין.
נאָר דו, איינער דו, ווי אַ בוים דורכגעבליצטער —
וועסט שטוינען דערשראָקן, דו זונעניו מיין.

וועסט מיך זוכן אין ליכט און פלייצן מיט טרערן,
אַ וואָרף טאָן געשריי ווי צעבראָכענעם ווינט,
זיך בייגן צו מיר מיין אָטעם צו הערן,
און דאָס וועסטו הערן, מיין קינד:

— ניט וויין, הייב דיין בליק, קוק אויף מיילן אַרום,
אָט איז וואַלד, אָט איז פעלד, פעלדער ביי וועלדער.
זע די סטאַדע וואָס טרינקט דאָס ליכט פון דער זון,
און הער דאָס גלעקלען פון זייערע העלדזער — — —

איך בין געווען מיט זיי, און זיין וועל איך
פאַרפעדעמט אין וואַל און פאַרקערנט אין זאַנג.
ס׳וועלן גרודעס געדענקען די שטויביקע שיך
וואָס האָבן אין גאַנג געטופּעט געזאַנג.

פון די שאַף וועט זיין וואַל, פון די זאַנגען — ברויט,
און ס׳האָט ניט אומזיסט אויך געציטערט די פליים.
ס׳וועלן שפּערלען נאָך שפּרינגען פון פלויט צו פלויט,
דעם ניגון צעקלינגען און טראָגן די רייד.

ווייל גאָרניט פאַרגעסן און קיינער פאַרלאָזט,
עס פאַרגייט דער טאָג, און גייט אויף נאָך און נאָך.
איך היל זיך איין אין אַ מאַנטל פון גראָז,
און די נאַכט צירט מיך אויס מיט שטערן און מאָך.

אַזוי וואָרעם די ערד און טוי אויף איר רינט,
נעם די פליים, מיין קינד, און אײַל אהיים.
שפּיל, שפּיל, ס׳וועט דעם ניגון שוין טראָגן דער ווינט,
און ביימער מיט מיר, כ׳וועל ניט בלייבן אַליין.

דעם האָב איך געפלאַנצט, און דעם האָב איך געהיט,
אויף די קאָרעס מיין ליפּ, אין וואָרצלען מיין קול.
כ׳וועל בליען מיט זיי ווי איך האָב געבליט,
און ס׳וועט קלינגען מיין רוף צו דערפער אין טאָל:

— יום־טוב־ליכט צינדט, צעקלינגט די געשירן,
שניידט ברויט פון מיין פעלד, שעפּט וואַסער פון ברונעם,
און היינטיקע נאַכט לאָזט אָפן די טירן,
אפשר נאָך איינער אַן אורח וועט קומען — —

פון טיר צו טיר גיין בענטשן מזומן,
און פייגל און שאָף וועלן טראָגן מיין רוף:
— אַ זמר צו זאַנגען, אַ ברכה דעם ברונעם,
און נעם, ערד, מיין ליד, און נאַדיר מיין גוף.

אונדזער דאָרף איז נאָך יונג

אונדזער דאָרף איז נאָך יונג,
יינגלש־כוואַליק נאָך זילבערט דער ברונעם;
נאָך קלינגען שאָפּאַטעם אויף דנאָען: **געפונען** — —
אַ בשורה פון קוואַלן אויף גרינס און אויף **היים.**

אונדזער דאָרף איז נאָך יונג,
און ס׳מערן זיך קברים
לעבן דעם ברונעם
אין זעלביקן ליים.

זעט אוים, אַז די פרייד קאָן ניט אַליין זיין,
לאָמיר אויך ניט לאָזן דעם טרויער אַליין.
חברים,
שווייגט אַריין אַ געזאַנג אין מויל פון דעם קבר,
און לאָמיר זיך געבן די הענט פאַרן צעגיין.

פאַרבלייכט האָט די זון, נאָר דאָך ניט פאַרגאַנגען.
מיר פאַרשיטן אַ קבר און אַ קערן דאָרט פאַלט.
זאָל זיך וויגן דער טרויער מיט רחבות פון זאַנגען,
אונדזער דאָרף איז נאָך יונג
און מיר זיינען ניט אַלט.

צו חיפה

די פעלדער פון עמק רירן דיך אָן —
אַטעמסטו, שטאַט, מיט בלומען און קוסטן,
און אויף דיינע שוועלן שימערט דער מאָן
מיט דאָרפישע חנען און גוסטן,
ווי ס׳וואָלט ווער באַזייט דיינע ברוקן
און מיט קערנער באַפּערלט אַספּאַלטן —
אַז אויך דיינע מויערן זיך טוקן
אין לאַנקישע גרינען צעקוואַלטע;
עס בליט און וואַקסט דיין שטייניקער היכל
און דו שיקסט מיטן ווינט דיינע גרוסן,
שיקסט דיין דאַנק פון די שטייניקע הייכן
צו די טאָלן פון ברויט און אַרבוזן.
ביז חרודישער גרודישער רחבות
בלויט דיין ים-זוים און זעגלט און רודערט,
און אויף וואַרעמע פעלדישע פּאַכוועס
לייגט דער כרמל זיין קאָפּ ווי אַ ברודער.

די צירונג פון מדבר

לאָז איבער אַ טרער אין דעם מדבר

דו, וואָס קומסט פון די טאָליקע גרינען,
פאַרשוועך ניט די וויסטקייט
און וואַרף ניט דעם מדבר די פלוכן פון שאַנד.
הייב אויף דיינע אויגן איבער נחל פון פאַרן
און זע זיי, די פלאַמיקע גאָרנס, די מצבות פון יאָרן,
די בלומיקע בערג אויפן ראַנד.

דאָס זיינען די בלומען פון מדבר,
די בערג — רעגנבויגיק,
יעדער שטיין — טויזנטאויגיק.
דאָס פינקלען די שטיינער מיט אשן און ביינער
נאָך וועלטס זינקערייען;
בערגער נאָך בערגער — ווולקאַנען-לויות.
דאָ האָבן זיך פעלדער צעריסן,
דאָ האָבן זיך הערצער צעבראָכן,
דאָ האָבן זיך בערגער פאַרביסן —
די שפּיצן פאַרשטאָכן
אין געטלעכע פליישן,
און עס רינט נאָך גאָטס בלוט פון די בערג
צו טיפע מכתשים.

דו, וואָס קומסט פון די טאָליקע גרינען,
פאַרליבט אין געציטער פון זאַנגל —
זע דאָס געראַנגל
דאָ, אינעם מדבר, ווו קיינער, ווו קיינער
האָט נאָך זיין ברויט פון דער ערד ניט געשניטן.
דער זוניקער פלאַם, ווי אַ צונג אין דער מיטן
און שטיינער אויף שטיינער — ווי ציינער אויף ציינער —
זיי קייען דאָס צער-ברויט פון וועלטס זינקערייען.
אויך דו — פּרוּוו דעם צער צעקייען,
ווייטיק פון ערדן, צער פון עקרה
אין בראַנדקלעם פון יאָרן.

און איידער דו זעגנסט דעם מדבר —
לאָז איבער אַ טרער
אין זאַמדיקן בעקן פון נחל פּאָרן.

אַ מתנה פון תמנע

אַ שפּליטער פון בערג, מיט גאָלדונג פון קופּער,
ברענג איך פון מדבר פאַר דיר אַ מתנה.
עס פינקלט אַ רינגל, פינקלט צו חופּה,
צו שמחות נייע פון אוצרות לאַנגאַנען.

כ'האָב עס געפונען אין גרובן פון שלמהן
ביי אָדלערשן פעלדז אין מדבר פון תמנע.
עס פינקלט מיט צייטן, טרערן און טרוימען.
זאָל עס אויך קלינגען מיט שאַליקע הימנען.

שירים און זמירות פון אַלע שבתים
אין אַט דעם שפּליטער, אין קופּער-געפינקל.
כ'האָב עס מיט טרערן פון שבת באַגאָסן
און שטיל מיט אַ ציטער באַהאַלטן אין ווינקל.

ווי ס'האָט מיין מאַמע, עליה השלום,
איר צירונג הינטער דעם שלייער באַהאַלטן,
אַזוי איז מיין טרער און אַזוי איז מיין חלום —
אין שטילקייט צו היטן, היימלעך צו האַלטן.

אויב וועסט אַ מאָל אין מדבר דאָרט קומען —
ניי אין די בערגער פון תמנע צו הערן,
ווי צווישן צוויי פעלדזן זמרדיק ברומען
שבת-חלומות אין בעכער פון טרערן.

שירים און זמירות און ליכט אין די שויבן —
אַלץ פינקלט און רינגלט אין שטיינדל פון תמנע.
דאָס סודיקע שטיינדל — לאָמיר עס לויבן,
זאָל עס אויך קלינגען מיט שאַליקע הימנען.

כ'האָב אַט דאָס שטיינדל פאַר דיר אויפגעהויבן
און טראָג עס אַצינדער דורך בערג און דורך טאָלן.
אַ שפּליטער פון תּמנעס קופּערנע שטויבן
מיט גאָלדענעם גלאַנץ פון ווייטע אַמאָלן...

ווי דיינע בערג, אילת

ווי דיינע בערג, אילת,
וועל איך אויסשווייגן מיין ליד
מיט קופּער און שטיין,
קאָראַלן אין געשליים,
און מיט בשורהדיק געמיט
וואָס פינקלט טיף געהיים.

כ'וועל שווייגן ווי דאָס קינד
וואָס שפּילט זיך מיטן ים־סוף
און ווייס אַליין ניט, ווי תכלת־העל
עס שיינט זיין שוואַרץ־קודלאַטער קאָפּ — —

פון דיינע בערג, אילת,
קריינט איצט די זון אַראָפּ
אויף שוואַרצע לאָקן פון דעם קינד,
און שלמה רופט:

מיין פּרינץ! מיין פּרינץ!

איך זע אין שטוין די פייערקרוין
און אַט שוין ווינקט דער זילבעררינג,
אַ לבנה, רונד, אויף ים־סופס ברייט,
און יעדע כוואַליע ברומט מיט פרייד.

ווי דיינע בערג, אילת,
און ווי דיין פּרינציק קינד,
וועל איך אין שווייגעניש אַצינד
איינהילן מיין ליד.

מיט קופּער אין שטיין,
קאָראַלן אין געשליים
און בשורה אין געמיט.

דער רוף

אַ פּייל פונעם בויגן אין גלות
שפּרינגט אָפּ פון דער ערד ווי אַ שטראַל —
דאָס טראָגט מיך פון וואַרשע קיין לוד
דער העלער אַוויאָן פון „אל-על״.

ער רייסט דורך דעם וואָלקן ווי שוים,
דעם בלויען אין-סוף ער צעשניידט.
מיט מיר ווערט פאַרלוירן אין רוים
די אָנונג פון שטח און צייט.

פאַרוואָס איז אין קעל אַזוי ענג?
פון וואַנען דער שווידער אין גוף? —
אַ נס איז געשען: איך געדענק
פון טויזנטער יאָרן דעם רוף.

אים האָט ניט פאַרטויבט דאָס געשריי
אויף אַלע געמערק פון דער וועלט.
מיט יידישע גבורה און וויי
האָט ער זיך אַנטקעגנגעשטעלט.

פון אויבן דער הימל איז ריין,
פון אונטן — אַ שוואַרצער תהום.
איך ראַטעווע איצט מיין געביין
פון הונדערטער דורות פּאָגראָם.

איך טראָג זיך אַרויף און אַרויף,
אַלץ ווייטער ווער איך פון דער ערד.
וואָס שנעלער איך לויף און אַנטלויף —
דער רוף ווערט אַלץ העכער געהערט.

ער יאָגט איבער טייכן און בערג —
פון פלי דער אַוויאָן איז צעגליט,
נאָר פלינקער פון אים איז דער פערז
פון יהודה הלוים אַ ליד.

די זון ווערט פאַרוואַנדלט אין פלאַם,
די שטערן פאַרשיטן דעם וועג —
ער היפּערט אַריבער דעם ים
און קוקט אוים אַ זיכערן ברעג.

די פייל פונעם בויגן אין גלות
ווערט שנעל צו דער ערד שוין געבראַכט.
אָט זע איך דאָס פייער פון לוד —
דאָס ליכט אויפן ראַנד פון דער נאַכט.

„פאַרבלייבט!"

דעם באָדן פון שטיין און פון ליים,
דורך טויזנטער יאָרן פאַרברענט,
האָב איך ביי מיין אָנקום אַהיים
אין ערשטער מינוט ניט דערקענט.

דער פּליפּלאַץ איז ציכטיק און ריין,
די ערד איז מיט אַספאַלט געדעקט.
אין קעל איז דאָס שטילע געוויין
געבליבן פאַרשטיקט און פאַרשטעקט.

געדאַרפט האָב איך שטיין אויף די קני
און קושן די נאַקעטע ערד.
נאָר איך בין געקומען אין פלי,
און איך בין איר חסד ניט ווערט.

פאַר מיר האָבן מענטשן געגרייט,
געפלאַסטערט דעם פּליפּלאַץ אין לוד.
איך האָב ניט געאַקערט, געזייט,
איך האָב ניט פאַרגאָסן מיין בלוט.

איך האָב ניט געטראָגן קיין לאַסט,
איך האָב ניט געזונגען איר ליד.
געקומען בין איך ווי אַ גאַסט,
ווען אַלץ האָט שוין צען מאָל געבליט.

אין וואַקל שטעל איך איצט מיין טראַט.
אַ מענטש נעמט מיין פּאַס און פאַרשרייבט.
— איר זענט אַ טוריסט בלויז? אַ שאָד.
ער ווינטשט מיר: „שלום!" און: „פאַרבלייבט!"

„פאַרבלייבט!" — אין דעם וואָרט האָט דערוואַכט
די ליבשאַפט, די זאָרג און די פּיין;
און איך האָב דערזען אין דער נאַכט —
פון שטערן די היימישע שיין.

אַ זייטיקער, שמאָלער שאָסיי

אַ זייטיקער, שמאָלער שאָסיי —
צי קאָן מען אים רופן אַ כביש? —
אין בלויען פרימאָרגן איך גיי —
ווי לויטער די לופט איז און פריש!

די זון האָט זיך נאָך ניט צעברענט,
דאָס גראָז האָט אין זיך נאָך דעם זאַפט,
דער הימל איז נאָך ניט פאַרבלענדט,
דער שאָטן פאַרמאָגט נאָך זיין קראַפט.

איך אָטעם פאַמעלעך און גרינג
און קאָן ניט באַגרייפן דעם סוד,
פאַרוואָס איז מיין גאַנג אַזוי פלינק,
אַז טראָט ווערט געבוירן פון טראָט?

איך בין ניט אַליין אין דער פרי.
דער שמאָלער שאָסיי איז איצט פול
מיט מענטשן, וואָס גייען צו מי,
מיט קינדער, וואָס איילן אין שול.

איך בין אין דעם גאַנג ניט אַליין,
כאָטש איך וועל ניט שמעלצן קיין שטאָל,
כאָטש איך וועל ניט טעסען קיין שטיין —
אויך איך בין ניט פריי פונעם עול.

איך בין ניט אַליין אין דעם גאַנג,
מיט טויזנטער גיי איך איצט מיט.
מיט זיי נעם איך איין אָט דאָס לאַנד —
דעם באָדן פאַר אייגענע טריט.

למנצח שיר למדינת ישראל

למנצח שיר מזמור.
אַ געזאַנג פון אונדזער דור.
שוין צוויי טויזנט יאָר דער געזאַנגמייסטער וואַרט
צו זינגען דאָס געזאַנג פון היים-צוריקקער;
אויב ס׳האָבן מיליאָנען אויף דעם זיך ניט דערוואַרט,
קומען זיי צוריק פאַרברענטע שטיקער
פון די אויוונס אַרויס. זיי קומען אין שטויבן
אויף ווינטן, אויף שיפן, אין עראָפּלאַנען,
אָן הויט און אָן ביינער, נאָר מיט גאַנצן גלויבן:
ס׳וועט קיינער שוין ניט קענען זיי אויסוואָרצלען פון דאַנען!

לויבט, איר פעלקער, אונדזער אויסדויער און גבורה,
ווען אַפילו אייערע מיילער מיט ציינער קריצן
וואָס אַ וואָגלפאָלק — אין דער אונטערשטער שורה —
איז צוריק אין זיין לאַנד אויף צו בלייבן זיצן!
און דעם איינציקן לויב, אין צוויי טויזנט יאָר,
וואָס מיר האָבן פאַר אייך, פעלקער מיט רומען,
איז: ווען דער חלק איז געלעגן אויף אונדזער לעצטן דור,
זענט איר אונדז אויך צו הילף ניט געקומען.

לאָמיר זינגען דאָס געזאַנג פון אונדזער לאַנד
דעם ניי-געבוירענעם — למנצח שיר למדינה.
געזאַנגמייסטער, טו אַ פיר מיט דיין האַנט
און לאָמיר אויפזינגען אַ מזמור אַזאַ:

אַ לויב צו די ברידער אין טלית און תּפילין
מיט ביקסן באַוואָפנט,
אַ לויב צו די בחורים און מיידלעך וואָס טרעפן אין צילן,
אַ לויב צו די אויגן וואָס ווילן ניט שלאָפן,
נאָר היטן די וועגן קעגן אָנפאַל פון שונאים,
אַ לויב, אַ געזאַנג פאַר אייך אַלעמען; זאָל עס זיין צום
דערמאָנען.
אַ לויב צו די, וועלכע זיצן אין לאַגערס פאַרשפאַרט
און צו די, וועלכע זיצן אין תּפיסה-באַזונדערונג —
זייט וויסן: שוין צוויי טויזנט יאָר דער געזאַנגמייסטער וואַרט
צו זינגען פאַר אייך וועגן אייך דאָס געזאַנג פון באַוווּנדערונג.
און צו די, וועלכע זיינען געפאַלן אין שלאַכט,
און צו די, וועלכע זיינען געפאַלן פון פיינדלעכע לויערן:
וועגן אייך זינגט דאָס פאָלק דורכן טאָג און דער נאַכט
ביים באַשיצן דאָס לאַנד, ביים באַוואַכן די טויערן.

למנצח שיר מזמור למדינה.
אַ געזאַנג פון אונדזער דור,
אַ מזמור אַזאַ מין
צו דער מקוים-געוואָרענער וואָר
נאָך טויזנטער יאָר אני מאמין.

פאַר דעם געזאַנגמייסטער

פאַר דעם געזאַנגמייסטער: אַ מזמור
פון וואָלפן.
אַזויפיל דורות זיינען אַריבער ביז מיר
האָבן זיך אַליין געהאָלפן.
אַזוי פיל לעבעדיקע אברים פאָלק פאַרלוירן

אָן אַ סימן פון זייערע געביינען!
אַצינד, צו אונדזער ווידערגעבוירן,
אין פינפטן יאָר פון באַנייאונג,
טוען מיר אָן אונדזערע געוויינען
אין פרייד און מיר זינגען דער באַפרייאונג
אַ געזאַנג פון אונדזערע שאַצקאַמערן
די אייביקע; מיר — די גלויביקע
אין גערעכטיקייט, וואָס קלאַמערן
און טוליען זיך צו דורות־אַלטע ווערטן
אין אונדזער אייביק־יונגן לעבן דעם באַשערטן.

נייג־צו דיין אויער, פאָלק, און האָרך דעם קול
פון איינעם פון דיינע יונגע זין־באַזינגער:
יחזקאל איז געקומען שוין אין טאָל
פון ביינער, און מיט אַ פינגער
אָנגעוויזן און באַפוילן — זייט באַלעבט! נאָר
די, וואָס זיינען ניט געשטאָרבן און לעבן
פרעמדע לעבנס איצט, אין אונדזער דור,
האָט ער אָנגעזאָגט: נעמט ווידער
איטלעך פרעמד־געלעבטן יאָר, נעמט איבערלעבן
אויף דאָס ניי, איר אָפּגעפרעמדטע ברידער!
און זאָלן יינגערע נביאים מיט זייער וואָרט
דעם אייביקן, וואָרט דעם גלויביקן
וואָס איז מיט פאָלק צונויפגעפאָרט,
אייך איינגלידערן צוריק אין אונדזערע שבטים
און אַריינבלאָזן אין אייך אַ נייעם אָטעם!

י. מאַניק

אַ דאַך

ווי דער טאָג הייבט אָן זיך וועקן
מיטן ערשטן זונענשטראַל,
הייבט אָן די מאַשין צו דעקן
מיט גערויש און מיט געקנאַל.

גלייך וואָלט אָנגעזאָגט איעדן:
„טוק-טוק, טוק-טוק, פּיך און פּאַך!
וויסן זייט, ביי דער געביידע
וועט מען גיסן היינט אַ דאַך!"

און די אַרבעטער, זיי שטייען
גרייט מיט רידלען אין די הענט
אין באַגין פון טאָג פון נייעם
האָבן זיי זיך דאָ דערקענט:

ברוך ששון פון מצרים,
מענדל קאַנט פון בוקארעשט,
און פון ווארשע — קווארטין חיים,
און רפאל פון טריעסט.

אַלע זיי — דעם רוף פּאַרנומען
פון דערוואַכנדיקן לאַנד,
זיינען זיי אַהער געקומען
צולייגן צום בוי אַ האַנט.

הייבט די אַרבעט אָן צו זידן,
גלייך פֿע וואָלט די ערד געברענט:
איז קבלן*) דאָך ניט צופֿרידן,
שרייט און פּאַכעט מיט די הענט:

„הער נאַר, קאַנט, מיין גרויסער טרוימער,
שנעלער גיב זיך דאָרט אַ קראַץ!
ברענג אַהער אַ טאַטשקע הומר,
זאַמד, און זיפּזיפּ, און חצץ!

און, דו, מיין ליבינקער רפאל,
די יאַפּאַנקע**) — אויפֿן שטעל!
וויל מען בויען ארץ־ישראל,
גיט מען, ברודערקע, די פעל!"

און אַזוי פאַרלויפֿן שעהן
אין געפּלייסטער מי און ברויז. —
מיטן אָונט־טראַט דעם בלויען
אויסגעוואַקסן שטייט אַ הויז...

עמק יזרעאל

א

בלויער טרוים אין גרינער וואָר,
זאַפּטיק אויפֿגעגאַנגען, —

* בוי־אונטערנעמער.

** אַ טאַטשקע, ענלעך צו אַ קינדער־װעגעלע.

ביסטו איצט אַ גרינער טייך
אין די בערג געפֿאַנגען.

איבער דיינע כוואַליקע,
זאַפטיק-גרינע טיפֿן
גייען שטאָלץ און בשורהדיק,
גייען דערפֿער — שיפֿן,

אָנגעלאָדענע מיט ברויט,
און מיט שאָף און רינדער,
און מיט אונדזער גרויסער פֿרייד —
יונגער דור און קינדער.

ב

הינטער זיך פֿאַרברענט די בריקן
צו די פֿרעמדע וועלטן —
זיינען מיר אַהער געקומען,
אויפֿגעשטעלט געצעלטן.

און פֿאַרלייגט דעם פּיאַש אויף אַקסל,
און אין אַלע עקן
זיך צעלאָזט מיט פֿעסטן טראָט
און גענומען וועקן:

עמך, עמך, וואַך שוין אויף
פֿון דיין לאַנגן דרימל!
סע שאַריִעט שוין אויף טאָג
מזרחדיקער הימל.

זע, מיר זיינען אַלץ די זעלבע
ווי אַמאָל אין שלום;

און די יאָרן פון צעשייד —
בלויז געווען אַ חלום.

האָט דער עמך באַלד דערפילט
צאַרטע האַנט וואָס קעכלט;
און דערוואַכט און אונדז דערקענט
און זיך ברייט צעשמייכלט.

ג

פירט מען אַקער איבער לאַנען,
ווערט דאָס גראָז זיך דאָ צעשפּאַנען;

שפּאַנט דאָס גראָז מיט טריט, מיט ראַשע,
ווערט די סטאַדע האָבן פּאַשע.

טרייבט אויף פּאַשע בייטש־ געהילעך,
לויפט אין קריגלעך אָן די מילעך;

לויפט די מילעך אָן אין קריגלעך,
שמייכלען קינדער אין די וויגלעך;

שמייכלען קינדער, וואַקסן פרייער,
שטייט דאָ אויף אַ דור אַ נייער,

נייער דור וואָס ווערט די נעמען
פון די טאַטעס ניט פאַרשעמען...

אריאל פון יגור

— אריאל, וואָס טראָגסטו דאָס קינד
ווי דו וואָלסט געכאַפּט עס פון פייער?
— נתן, פאַר דעם קינד — ווייִ און ווינד! —
מיר האָבן באַצאָלט בלוטיק-טייער.
דער דייטש האָט זיין פאָטער אין טאָרף
דערטרונקען... די מאַמע דערשאָסן, —
דאָס קינד האָט געלעבט אויפן דאָרף
אַזוי ווי אין קלויסטער פאַרשלאָסן.
האָב איך עס פון שמד אויסגעקויפט,
דאָס קינד זאָל דעם ישוב געהערן:
דו זעסט, כאָטש דאָס קינד איז געטויפט,
דאָך וויינט עס מיט יידישע טרערן.
נאָך ביאַליסטאָק איז מען די באַן
באַפאַלן און אָפּגעשטעלט פלוצעם.
די וואַלדרויבער האָבן, נתן,
דערהרגעט דריי יונגע חלוצים.
ביי איינעם געשפילט האָבן בלוי
די אויגן, ווי ביי דעם כנרת;
דער צווייטער געוויינט האָט אַזוי
אַז איצט נאָך אין רעגן איך הער עס.
דער דריטער האָט ניט אָפּגעווענדט
דעם פנים פון טויט — ניט פאַרשטעלט זיך,
און ווי פון אַ פענצטער וואָס ברענט
געזעגנט האָט ער מיט דער וועלט זיך...

זיי ליגן דאָרט נאַקעט ביים וואַלד,
די שאַרבנס צעלעכערט פון קוילן,
זיי יאָגן מיך נאָך מיט אַ גוואַלד
ביינאַכט אויף די וועגן פון פוילן.

— אריאל, אריאל, דאָס קינד —
ווּ ווּעסטו דאָס קינד איצטער ברענגען?
— נתן, כ׳בין זיין פאָטער אַצינד,
און איבער מיין האַלדז וועט עס הענגען,
ביז מיר קומען אָן קיין יגור,
דאָרט נעם איך אַראָפּ אים פון אַקסל,
און ס׳וועלן זיין בלוטיקע שפּור
פון גלות — פּרדסים פאַרוואַקסן...

— אריאל, יגור איז אין פלאַם,
אריאל, יגור איז צעטראָטן,
יגור, אונדזער קיבוץ ביים ים,
מיט אַש און מיט בליי איז פאַרשאָטן.
דער ענגלענדער ברענט אונדזער ברויט,
מיט טאַנקען ער גייט איבער פעלדער, —
און ס׳לויערט אויף אונדז דאָרט דער טויט,
אַזוי ווי אין פּוילישע וועלדער.

— נתן, זאָג דעם אמת מיר, זאָג:
מיין ווייב און די קינדער ווּ זיינען?
נתן, איך בין מיד... נעם און טראָג
דאָס קינד — אָ, איר עופהלעך מיינע!...

— אריאל, האָסטו שטיינער געזעצט,
אריאל, האָסטו זומפּן געטריקנט,
די זאַמדן מיט שווייסן באַנעצט,

אליין זיך געלייגט אַנשטאָט בריקן.
אריאל, אריאל, זיי שטאַרק,
אין קאַמף מיטן שונא ניט מיד ווער,
געדענק אַז דו שטייסט ווי אַ באַרג
אין מיט פון אַראַבישן מדבר...

— נתן, ס׳איז אַ שאַנד מיר, אַ שאַנד,
מיין שוואַך זיין און צווייפלען איין רגע,
כ׳נעם ווידער דאָס קינד אויף מיין האַנט,
דערשווימען מוז איך צו די ברעגעס
פון ארץ־ישראל — געהיים,
און וועט מיך דאָס וואַסער פאַרשווענקען,
זאָל זיין עס ביים ברעג פון מיין היים,
אַז איך טויטערהייט זאָל ניט בענקען...
חלוצים, איר ליגט דאָרט ביים וואַלד
צעשאָסענע, עלנט און נאַקעט,
דער טאָג האָט זיך אָפּגעשטעלט קאַלט
אין אייער שוואַרצאַפּל... און ס׳קראַקעט
די קראָ איבער אייך... און דער ווינט
דערטראָגט מיר ביינאַכט אייער קלאָגן,
דאָך שווער איך אייך: איך וועל דאָס קינד
קיין ארץ־ישראל דערטראָגן.

צפת

מען זאָגט, אַז צו שקיעת־החמה אין צפת
דערזעט מען ווי ס׳לויכט אַ יענוועלטיקער חלום.
דאָרט שפּיגלט זיך אָפּ אויך די יידישע גאַס
פון ווילנע, מיין היימשטאָט, עליה השלום.

מען זאָגט, אַז די מענטשן וואָס גייען דאָרט אום
באַשטייען ניט דווקא פון בעלי־אמונה.
נאָר ס׳ווערן די אויגן ביי אַלעמען פרום,
און לאַנג ציטערט צפת אינעם האַרץ ווי אַ סטרונע.

מען גייט דורך די געסלעך אַרויף און אַראָפּ,
אָט ווי די מלאכים אויף יעקבס לייטער.
און אָפּטמאָל פאַרנאַכט, ווען מען דרייט אויס דעם קאָפּ,
דערזעט מען באַפליגלטע ווייסע באַגלייטער.

די לויטערקייט מאַכט אַזוי נאָענט די ווייט,
אַז ס׳גיט זיך דאָס האַרץ ווי דער הימל אַן עפן,
און איטלעכער טרעפט זיין פאַרגאַנגענע צייט,
וואָס ער האָט שוין מער ניט גערעכנט צו טרעפן.

אויך דאָרטן איז שבת בלויז איין טאָג אין וואָך,
נאָר שבתדיק זיינען די טריט אין דער וואָכן.
און מוז שוין אַ מענטש גיין אַנטקעגן זיין בראָך,
איז גייט ער אַנטקעגן אים שטיל, מיט בטחון.

און ווען דאָרטן שטעלט זיך דער פּרייטיק פאַרפרי,
געדענקט גאַנץ ישראל: אין צפת איז היינט פּרייטיק.
ווייל צפת איז די שטאָט פון מקובל אר״י,
און פרייטיק פאַרנאַכט ווערט זיין פרוכטגאָרטן צייטיק.

דער גאָרטן פון עפּל אין זונפאַרגאַנג גליט,
די פרוכטביימער זיינען פון עולם האמת.
חבל וואָס איך האָב ניט מיין גאָרטן געהיט,
און ווילד־פּרעמדע גערטנער געלויבט אין פּאָעמעס.

מען זאָגט, אַז מען היילט זיך פון יאוש אין צפת,
אַזוי ווי דעם גוף ביי די קוואַלן פון טבריה.
חבל וואָס איך האָב נאָך מיין יידישער גאַס
געזוכט זיך אַ טרייסט אין די בערג פון שווייצאַריע.

פאַראַן אין שווייצאַריע אין טאָל פון טעמין
אַן אָזערע. קומען פּאָעטן דאָרט שטאַרבן.
דאָרט בין איך געזעסן אַ נאַכט ביז באַגין
און נאָכגעטראַכט, ווער מיין ירושה וועט אַרבן.

אָ, ווער איז דער יורש פון יידישער גאַס?
חבל וואָס איך האָב ניט פאַרענטפערט די שאלה;
און שפּעט זיך דערוווּסט, אַז די באַרגיקע צפת
האָט ערדיש געירשנט מיין ווילנע של מעלה.

לייזער וואָלף

אַ ייִד פון בית־לחם

„זעסטו אַ יהודי, נעם און שטעך אים" —
סודן זיך די שאָטנס אין די בערג.
גייט אַ ייִד אַן אַלטער פון בית־לחם
מיטן וועג אַהיים. ס׳איז היים די ערד.

גייט אַ ייִד מיט ווייסע באָרד און פאות,
פרידלעכע מחשבות אין זיין קאָפּ.
אַלטע שטיינער שווייגן אויף העברעאיש,
נאָר בעטן, דאַכט זיך: רו שוין אָפּ.

נאָר ער גייט. עס נענטערט זיך דער אָוונט.
קליינע פּערל־וואָלקנס ווערן ראָז,
און די שאָטנס ציען זיך ווי וואָוון
אויפן בלייכן אָוונטיקן גראָז.

קילער ווערט. ער גייט אַריין אין וועלדל
און ער שטעלט זיך דאַוונען אין דער שטיל.
אויף זיין שטערן לייגט זיך אויס אַ פעלדל —
אויפן מערב בלייכט די פאַרבנשפּיל.

דאָ וועט ער שוין בלייבן. עס איז שוין שבת, —
און ער זעצט זיך אויפן גראָז און טראַכט:
קליינע שטערן שרייבן שוין אַראַביש
אויפן הימל אין דער גרויסער נאַכט.

„זעסטו אַ יהודי, נעם און שטעך אים" —
סודן זיך די שאָטנס אין די בערג.
שלאָפֿט אַ ייד אַן אַלטער פֿון בית לחם,
גייענדיק אַהיים. ס'איז קיל די ערד.

שלאָפֿט אַ ייד. די אַלטע אָבות גייען,
און עס ווערט אים וואַרעם אין געמיט.
ווייס די בערד, ווי הייליק־טיפֿע שנייען,
נאָר קיין פּנימער באַמערקט ער ניט.

און פֿאָרוויס גייט זי, די מוטער רחל,
און איר שטערן איז אַ האַלבע זון,
און זי זינגט אַ תּפֿילה: כּביכול,
כּביכול, וואָס וועט זיין דערפֿון?

הייבט זיך אויף אַ לייטער הויך צום וואָלקן,
מיט אַ פֿייערשנור אַרומגעראַמט
און אַ בת־קול זאָגט: אויב איר וועט פֿאָלגן,
האָט איר נאָך אַהינצו ניט פֿאַרזאַמט!

„זעסטו אַ יהודי, נעם און שטעך אים" —
סודן זיך די שאָטנס אין די בערג.
שלאָפֿט אַ ייד אַן אַלטער פֿון בית־לחם
און ער האָט דעם שאָטן ניט באַמערקט.

און דער שאָטן שרייט: ווהין? פֿאַרכאַפּן
אונדזער לאַנד. באַגראָבן אונדז אין זאַמד?
— ניין, איך זוך דאָ נאָר מיין אַלטן טאַטן,
ווייל מיר האָבן דאָ אַמאָל געזאַמט.

נאָר דער שאָטן שרייט: אַ מעסער האָט ער,
און ער בליצט מיט אים די גאַנצע צייט.

— ניין, איך וויל נאָר צו מיין אַלטן פֿאָטער,
אויב דו ביסט פֿון אים געשיקט, טאָ שנייד!

און דער מעסער שלייכט אַריין אום שבת
אין דעם יידנס האַרץ — אַ פּולער כוס.
קליינע שטערן ריידן אויף אַראַביש,
גרויסע, רויטע טראָפּנס אויפֿן גראָז.

אַברהם לעוו

גייט אַ ייד אין אַ פֿאַרטאָג

אַ ייד גייט אַרויס צו זיין פעלד,
נאָך איידער עס טאָגט;
זעט ער:
עס וויגט זיך אַ נעפּל אַ ווייסער
אויף צייטיקע פעלדער.
פֿאַרטאָגעדיק בלוי ליגן אַרומיקע וועלדער.
מיינט ער, ער לייענט אַ מעשה.

גייט ער באַזאַכט
און באַטראַכט דעם אַרום:
די בריאה ליגט שטום
און זי שווייגט.
אַ בוים גיט אַ וויג מיט אַ צווייג;
דער נעפּל צעגייט זיך, ווי אייז;
דער מזרח ווערט העל און ווערט ווייס
און ווערט ווייסער...
מיינט ער, ער לייענט אַ מעשה.

שטעלט ער זיך דאַוונען, צו מזרח געווענדט,
דאָס פּנים פֿאַרדעקט מיט די ברוינלעכע הענט.
מען הערט ניט קיין וואָרט וואָס ער זאָגט.
דער דרויסן טאָגט.
צעשטרייט גלעט דער ייד אַ קאָפּ פון אַ צייטיקער זאַנג,
הערט ער ווי עמעץ אין פעלד ציט דעם „שמע“ אַזוי לאַנג,

קיקט ער זיך אום און זעט: עס העלט,
אַ ווייסע געשטאַלט איז מתפלל אין פעלד
און בענטשט דאָ דעם זאָמען —
ענטפערט ער:
„אמן".

פון דער פּאָעמע „לייבל חלוץ"

ס'איז היינט אַ טאָג פון רו און לייבל שרייבט אַ בריוו:
...זיי, מאמע, וויסן, אַז איך בין אַ היגער,
אַט גלייך, ווי נאָר מיך האָט געבראַכט אהער די שיף
האָט אויפגעזונגען טיף אין מיר אַ ניגון.
איך וויל, זאָלסט האָבן עפּעס אַ באַגריף,
ווי ס'זינגען שירה אַלע מיינע גלידער.

אויך איצטער נאָך, נאָך יאָרן זיין אין לאַנד,
עס זינגט אין מיר מיט בענקשאַפט און אָן ווערטער.
דער טאָג איז דורכזיכטיק, ווי פון מיין צריף די וואַנט,
און שטיקלעך הימל קוקן אריין דורך אַלע ערטער;
דער דרויסן — הייס ארומגעכאַפּט מיט בראַנד,
מען רופט עס דאָ „חמסין", דעם ברענענדיקן וועטער.

ס'איז הייס און שווער און ביטער אויך אַ מאָל,
ביז וויטיק שניידט אין האַרצן שאַרפער אומעט;
מען הערט דאָ אָפט אפילו ניט דעם אייגן קול,
וואָס רייסט פון לייב זיך שטיל אַרויס אַ שטומער,
און שווער ווערט שלעפּנדיק אויף זיך דעם עול,
כאַטש נעם און וואַרף אַראָפּ אים, ווי אַ קלומעק.

נאָר גיי און וואַרף אַראָפּ ווען ליב איז דיר דער יאָך
אָט ווי ער איז מיט צער און ליידן,
עס ווערט אויך גרינג אַ מאָל, כאָטש גיב מיט הענט אַ פּאָך
און פּלי אַריין גלייך אין גן־עדן...
ס׳איז אונדזער לאַנד, כאָטש שווער — איז טראָג דעם יאָך,
און וואָס איז דאָ צו ריידן — — —

און ווייטער בענטשט מען זיך מיט אונדז, מען זינגט אונדז לויב,
מען האָט אין דיקע ביכער אויך שוין אונדז באַשריבן;
נאָר מיר אַליין, מיר זיינען, מאַמע, שטויב,
אָט אָפּטמאָל, דוכט זיך, ווערן מיר צעריבן,
דאָך טרעפט, אַז אויך דער גלויבן, יאָ, דער גלויבן
ער וואַקלט זיך אַ מאָל, ווי אונדזער דאַך פון שטיבל...

אוודאי איז דאָ, מאַמע, שווער אין אונדזער לאַנד,
אין אויסגעבענקטן, אויסגעדאַוונטן, אין ציון.
עס ברענט די זון, ווי ווינטער אונדזער אויוון־וואַנט,
די זאַמדן אונטער פּיס דאָ בריען;
דאָך כ׳שווער דיר, מאַמע, ביי מיין רעכטער האַנט,
אַז כ׳וועל פון גלות דיך אַהער אַריבערציען.

ס׳איז כדאי צו זיין דאָ, און פילן אייגן ערד אונטער די פיס,
ווי ס׳פילט אַ מענטש זיין אייגן, אויסגעוואַרעמט בעטל...
איך שיק אַריבער איצט דורך דיר אַ גרוס
צו די חברים מיינע אינעם שטעטל.
איך נעם אַרום דיך, האַרציקע, און קוש,
און דאַוונען מעגסטו אויך פאַר מיר דאָרט בעטן...

אַזוי האָט לייבל אָנגעשריבן יענעם זומערדיקן טאָג
דעם בריוול צו זיין מאַמע ריווע,
און עפּעס האָט אין אים זיך יאָמערלעך צעקלאָגט.

און ווי אַ פֿרומער ייִד, צעשאָקלט זיך איבערן בריוול.
ער האָט געפֿילט, אַז עפּעס האָט ער ניט דערזאָגט
און עפּעס ניט דערשריבן.

טבתדיקע נעכט

פֿון דײַנע שוואַרצע טבתדיקע נעכט, מײַן לאַנד,
אָ, לאָמיר זײַן אין ייִדיש דער באַזינגער.
די פֿינצטערניש כ'טאַפּ אָן אָט ווי אַ וואַנט,
דער רעגן קלאַפּט אָן מײַן געצעלט מיט קאַלטע פֿינגער.

אָט ווי דער פֿיקוסבוים, וואָס שטייט לעם מײַן געצעלט
און ווײנט טוט אַלע נאַכט אין זײַנע צווײַגן קלאָגן,
האָב איך זיך הײַנט אין דרויסן אָפּגעשטעלט
און נאַ, און נעם, דו הפקר־רעגן, צוואָגן!

עס רינט פֿון מיר דאָס וואַסער אין געשטראָם,
און לײַב און העמד איז אײנס געוואָרן,
די נאַכט איז, ווי אַ טיפֿער אָפּגרונטיקער תהום,
באַפֿאַרבן מיט אַ וואָלקנדל אַ קלאָרן.

די גאַנצע וועלט איז רעגן, נאַכט און ווינט,
ווו ענדיקט מײַן געצעלט זיך, ווו הייבט זיך אָן דער דרויסן?
עס שטייען דאָ די שטיבלעך פֿינצטער, בלינד,
נאָר ערגעץ לײַכט זיך נאָך אַ שויב אַרויסעט.

דאָרט זיצט אַוודאי נאָך מײַן חבר דער פּעלאָך
און קוקט אַרײַן אין זײַנע ספּרימלעך די שמאָלע;
זײַן טאָג — פֿאַר מי, נאָר בײַ דער נאַכט —
אַריבער ביכער, ווי אַמאָל זײַן זיידע איבער דער קבלה.

געלוסט זיך מיר אַ קלאַפּ טאָן אין זיין וואַנט
מיט חברישע, מיט ציטערדיקע פינגער...
פון דיינע שוואַרצע טבתדיקע נעכט, מיין לאַנד,
אָ, לאָמיר זיין אין יידיש דער באַזינגער.

אַ דאַנק

פרימאָרגנדיקן טאָג, וואָס גייט איצט אויף,
האָב איך אַ פריידיקער באַגעגנט.
אַ פויגל דרייט אַרום זיך ווי אַ שרויף
אין אָט דער ברייטער פליענדיקער געגנט.

אַ שוואַרצע פּעטע קראָ אויף בוימערישער קרוין,
זי וויגט זיך, וויגט זיך אויפן דינעם ריטל,
עס ליגט די ערד, די יידישע, צעאַקערט, ברוין,
און צוגעדעקט מיט ווייסן טוי, ווי מיט אַ קיטל.

אַ פאַל טאָן וועל איך צו איר מאַמעדיקער שויס
און אָפּשטעמפּלען אַ קוש אויף אירע בייטן.
אַ דאַנק איר פאַרן ווייץ וואָס זי טראָגט אויס
און פאַר די קווייטן...

יעקב פרידמאַן

בריוו פון בית דגון

א

בעטסט, איך זאָל שרייבן פון בית-דגונער טיפן דיר,
כ'פּרוּוו, כאָטש ביי „טיפן שילדערן" בין איך ניט קיין היגער.
יאָ, ס'קומט אָפּט אַריין אין שטוב צו מיר
יהודה-צבי, מען רופט אים דאָ דער טיגער.

ער שטאַמט פון גליל, אַ סאַבּרעניק אין דריטן דור,
מיט באָרד און קודלעס — וואַלדיקע געצווייגן.
אויגענעס — ברינעמער אַ פּאָר,
און ידים — זען זאָלסטו ביים בינדן זיי די סטויגן!

די סטויגן בינדן, ביי געאַקער און פּאַרזיי,
און בשעת זיי טראָגן פון דער פּאַשע אַ מילדע קראַנקע ציגל.
ס'איז עפּעס פון אַ לעגענדאַרן ריז פאַראַן אין זיי,
און עפּעס פון אַ מאַמע, וואָס לוליעט איין אַ וויגל.

ער איז פאַר חדשים פינף אַריין צו מיר אין שטאָל,
דעם קאָפּ אַ נייג געטאָן און אַ ווייל געשוויגן.
אין יעדן ריר איז געווען אַזאַ פּשוטקייט
ווי אַ בוים מיט צווייגן וואָלט זיך וויגן.

ער האָט אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ פרישן סנאָפּ
און אויפגעהויבן אַ פּאָר קינדיש-גרויסע אויגן:
„ווייסט, כ'געזעגן זיך מיט ערד, מיט שאָף,
און מיט די ליבע וואָרקענדיקע טויבן.

נו, יאָ... מען רופט... ס'הייסט, ס'רופט אַליין,
מען דאַרף אַוועק אַ קאַפּעטשקע זיך שלאָגן.
יאָרן געפּרוּווט באַוועלטיקן דעם פּליין,
איצט דאַרף מען אויפן שלאַכטפעלד עפּעס זאָגן...

איז האָרך. איך האָב אַ בקשהלע צו דיר:
אַט דאָס בינטל היט מיר אָפּ, באַשירעם.
ס'זיינען עטלעכע בייגעלעך פּאַפּיר
און אויף זיי — עטלעכענע שירים.

עט, מע זינגט אַ מאָל..." און ער האָט זיך צעקוועלט,
פלוצעם זיך אַ הייב געטאָן צעשטורעמט,
די האַנט דערלאַנגט... אַט שפּאַנט ער שוין אין פעלד
מיט ווינט און זונענגאָלד געאָרעמט.

— — — — — — — — —

יאָ, היינט קאַיאָר איז ער ווידער אין שייער ביי מיר,
(ס'זיינען חדשים פינף צעדונערטע פאַרגאַנגען).
ער זיצט אויף אַ וועגעלע מיט בלעטערוואַרג באַצירט
און שפּילט זיך מיט די לייכטנדיקע זאַנגען.

די זאַנגען זיינען פונעם פרישן שניט,
און צום פאַרזיי גרייט מען זיך שוין ווידער.
— „יאָ, ברודערל, — טוט ער זיך אַ זאָג, —
פינף לבנות זיינען שוין אַריבער.

פינף לבנות... ווער קאָן מעסטן דען די צייט?
איין מעת־לעת קאָן אַ מאָל יאָרטוויזנטער באַפּאַקלען.
און מיר... נו, מיר לעבן אין דעם דאָזיקן מעת־לעת,
און זיינען רינגעלעך אין דער קייט פון די סך־הכלען.

איז וואָס זשע מאַכט עס אויס, נו, זאָג.
(ער לאָזט די אויגן אַראָפּ אויף די גראָזן),
אַז איך, פּלוני בן פּלוני האָב אין איינעם אַ טאָג
די פּיס מיינע ביידע אין נגב געלאָזן?"

ער שטרעקט די פינגער אויס,
נעמט גלעטן דעם זונענשיין אויף סטויגן:
– "יאָ, מ'וועט זיך מוזן איינשפּאַנען אין יאָך,
ווי ס'ניט איז אַ ביסל נאָך צו טויגן.

אַ סברה, מען קאָן אַ טראַקטאָר פירן אָן די פּיס,
און לידלען פאַר די שאָף און רינדער.
מ'קאָן אויך ליגן אין גרינינקן פעלד
און באַגאַפן דעם אייבערשטנס וווּנדער.

מען קאָן מיט האַנט דריקן חברס האַנט
און מיט קושנדיקע טייבלעך זיך פרייען.
דער עיקר: דאָס לאַנד איז אַ לאַנד,
און דאָס פאָלק, ס'פאָלק וועט געדייען".

ער פאַרגאַפט זיך, נעמט גלעטן אַ זאַנג,
ס'דערהערן זיך טריט אין די גראָזן.
אין גאָלדגעבלענד פון זונאויפגאַנג
לויפן שאָטנס – בלויאינקע האָזן.

די האָזן ווערן נענטער. ביים שייער אויף דער שוועל
באַווייזט זיך זיין ייִנגערע שוועסטער.
ניט קיין מיידל – אַ בלאַנדע וועל.
"גוט־מאָרגן דיר, שיינינקע אסתר".

זי שמייכלט. נעמט ביים פאַטשיילישן פראַנדז:
"מזל־טוב, די קו האָט געקעלבט זיך.

ס׳קעלבעלע אַ לויטערס, מיט גאָלדענעם גלאַנץ,
ווי מאָדנע ס׳גאַפט און עס געלבט זיך.

גאַפט... און טאַקע, ס׳איז פאַראַן אויף וואָס,
איאָ?״... גלעקלט איר קול אַזוי ריין מיר.
און שוין איז זי נעלם. זי שטייט אינעם גראָז
און שאָקלט די פּירות פון ביימער.

די פּאַטשיילע איז פול, דער בוזעם איז פול
מיט טייטלען און זיסנקע פייגן.
ס׳שמייכלט איר ברודער תמימותדיק, שטיל,
און איך — לאָז אַראָפּ מיינע אויגן.

יאָ, כ׳ציִ די טעג זיך איבער צו זיי,
מיר וועלן זאָלבע דריט דאָרט הויזן.
זע... די בלויאינקע האָזן... זע,
ווי זיי לויפן נאָך איר אינעם דרויסן.

ב

מ׳רופט אים דאָ „דער לאַמעד-וואָווניק פון קאַרלין״,
(כאָטש ער איז קיין קאַרלינער ניט, בפירוש).
זען זאָלסטו, ווי ער מעלקט זיין ציגעלע באַגין,
און ווי ער רייסט אַליין אין גערטנער די פּירות.

— „וואָס דאַרף אַ מענטש דען מער? באַשעפער? האָ?
צעעפנט ער די אויגן און ער טייעט:
ווערליק מיר, איז אַ באַקסער אויכעט דֵי,
אויך פון ציגעלע די מילך ב״ה סע סטייעט״.

קינדער לויפן אין טשאַטעס אים נאָך מיט אַ געלאַך:
„דער קאַרלינער לאַמעד-וואָווניק מיט די ציגן״...

זעצט ער זיך צווישן זיי ערב-נאַכט
און שפּילט אויף אַ פלויער אוים אַ ניגון.

די באָרד איז ווייס ביזן גאַרטל אים,
און די אויגן זיינע קינדעריש זיי שטראַלן.
ס'קוועלט פון זיי אַזוי פיל צלם אלקים
בשעת ער פירט די ציגעלעך פון שטאַלן.

היינט האָב איך און אסתר באַגעגנט אים אין פעלד,
ער איז אַנטקעגן אונדז געלאָפן לייכטנדיק אין גאַנצן:
„ס'איז חמשה-עשר היינט אין אייבערשטנס געצעלט,
ראש-השנה ביי ביימער און ביי פלאַנצן. —

— און ער הייבט די אויגן אויף צו מיר: —
דער אייבערשטער טוט ציילן, וועגן איצט און מעסטן.
וואָסער מראה, וויפל זאַפטן און קאָליר
פאַר יעדער פרי ס'דאַרף ווערן אַנגעמאָסטן.

סאַראַ פּרוכט דאַרף אויפגיין, צייטיק זיין,
און וואָסער פון שטורעמווינט פאַרשניטן ווערן,
יענעם טייטל מיט אַ ברכה מ'עט מתקן זיין,
פון יענער טרויב — קידוש-וויין דאַרף ווערן..."

זיינע אויגן גיסן זיך אָן מיט אַ גלאַנץ,
דער קוק ווערט בלויער, דאָ-ניט-היאיק....
און ס'דוכט, די ערד מיט חיה און געפלאַנץ
ווערט פלאַטערדיק, פליגלדיק און פליאיק;

— „דער צמח ווי דער מענטש גרייט זיך צו געבורט, —
(אסתר לאָזט אַראָפּ שמייכלענדיק די וויעס...)

„יאָ, כ׳ווייס, זי טראָגט אַ זון דיר מיט מזל —״
פאַרקוקט ער אין דער ווייטקייט זיך נביאיש...

ער שטייט אויף שטעקן אַנגעלענט, מיט זונגאָלד אויפן קאָפּ,
אַזוי פיל שווייגעניש מיט ליכטיקייט פאַרמישטע.
אמתר בייגט זיך צו די לעמעלעך אַראָפּ,
צו ווייסע, גוטע קעפּעלעך און קושט זיי.

ס׳נעמט זעצן זיך די זון, צייט צו גיין אַהיים,
מיר לאָזן זיך מיט שעפּעלעך און רינדער.
מיט געפּילדער: „דער לאַמעד־וואָווניק פון קאַרלין״ —
לויפן לאַכנדיק אַנטקעגן אונדז די קינדער.

אַ ליד פון כעלעמער מלמד, בית מכס און שבת שירה

צעוויקלט דער כעלעמער מלמד זיין פּאַטשיילע מיט אַ ציטערדיקער האַנט,
נעמט אַרויס דאָס טאַבעק־פּושקעלע און טוט אַ שמעק;
דערנאָך ווישט ער אויס די שפּאַקולן און שפּאַנט
פון שיף אַראָפּ אויפן חיפהער ברעג.

ס׳קאַצל קומט!... און צווישן יידישע זעק און פּעק,
לייגט דער כעלעמער מלמד אויך זיין קלומעק אַנידער;
מען זאָגט, אַ יידישער שׂררה קומט צום ברעג
דורכצוקוקן די פּעק פון שוועסטער און ברידער...

מילא, מסתם דאַרף זיין אַזוי, מן הסתם.
און אַט טאַקע געגענט דער יידישער שׂררה:
נו, ר׳ ייד, וואָס אַ שטייגער איז ביי אייך אין זאַק פאַראַן? —
פרעגט ער מיט אַ ניגון פון גמרא.

— כל טוב, — זאָגט דער כעלעמער מיט שטילער פרייד,
די אויגן עניוותדיק אַראָפּגעלאָזטע, —
פירן פיר איך אַ פּראָסטע שטייג,
אַ פּראָסטע שטייג מיט פייגל פּראָסטע.

— עס דאַרף זיין, — לאַכט דער שררה, — אַ פויגל מיט אַ סווישטש!
ער צעבינדט דעם זאַק מיט פאַרשנדיקע אויגן,
אין זאַק — אַ שטייג, און אין איר — יום־טובדיק געפּיפּס,
פייגל האָפּסלען ווי אויף ביימערדיקע צווייגן...

איצט עפנט דער שׂררה די אויגן פאַרגאַפּט:
— פעטער, מאי קא משמע לן די פייגל?
— איך, זאָגט דער כעלעמער, — האָב פון כעלעם זיי געבראַכט,
זיי זיינען טאַקע כעלעמער די פייגל.

די מעשה איז פּשוט. ווילט איר? הערכט:
(פלא־פלאים די יצירה),
אַ טאָג איידער איך האָב קיין ארץ פון כעלעם זיך געלאָזט,
איז גראָד אויסגעפאַלן שבת שירה.

איך שטיי מיר אויף מיין גאַניק אין מיטן מאַרק,
(דער יידישער מאַרק, נאָר אָן יידן...) טאַטע!
מיט אַ מאָל זע איך, פונעם ווייסן באַרג
פליען פייגעלעך אַ טשאַטע...

פייגל, פייגל, טאַטע אוי!...
און איך פרעג אייך, רבותי, אַ קשיא:
אַז יידישע קינדער טיילן ניט מער אין שניי
שבת שירה פאַר פייגעלעך קיין קאַשע,

אַז יידישע קינדער זיינען אין כעלעם מער ניטאָ,
וואָס וועלן פייגל טאָן אָן יידישע קינדער?...
נו, האָב איך געטאָן וואָס איך האָב געטאָן... נו,
האָ, איר פאַרשטייט שוין אַצינדער?...

דער יידישער שׂררה עפנט די אויגן, ווי אַ פּראָסטער ייד,
און דער כעלעמער עפנט די שטייגן:
„פליט פייגעלעך, צו יידישע קינדער פליט!...“
און די פייגל האָבן געפאָלגט און געפלויגן...
און דער כעלעמער מלמד האָט געזען, דורך די שפּאַקולן געזען,
ווי דער שׂררה האָט געווישט זיך די אויגן...

גבריאל פרייל

צו ירושלים פון דער ווייטנס

אין ווייטן צפון, אינעם חודש שבט, א טיף־גאָלדיקן אויף הימל
און אויף פעלד,
גייסטו אויף פאַר מיר, ירושלים, א ליכטקרוין און געציל,
אַ פּלאַם וואָס רייטיקט אַלדעם אוראַלט פון די נעכט, —
און מיין האַרץ, אַפּריער אַזאַ מילד־נאַאיווער הירש,
ווערט אַ ביטער־ברומענדיקער לייב,
און דאָס שטיל־נאָכגעביק טייכל פון מיין בלוט
שלאָגט זיך אָן אין אַ היים־מאָנערישן ים.

אין אַ שטאָט פון דיר אַ ווייטע, אַ צעשוימטע דורך באַנייטע
פרילינג־נעפּלען,
גייסטו אויף פאַר מיר, ירושלים, מיט דיינע פיין־אַנטבלויזטע טעג,
מיט דיינע אַלערליי קאָלירן וואָס צעשפּילן ערשטע סודות,
און איך ווייס, אַז אַל די מינים גאָלד וואָס איז פאַר מיר געוואָרן
לינד צעגאָסן,
אַז פרילינגען אַמאָליקע און אויך פון איצטער,
זיינען בלויז פון דיינע וווּנדער־מינעם אויסגעהאַקט,
שפּראָצן נאָר אַרויס פון דיינע צייט־סעזאָנען.

דאָך האָט מיין אויג נאָך ניט געהאַט די זכיה צו ציילן דיינע מויערן,
אָנצוקוקן דיינע שטערנדיקע טורעמס.
און דיין האַרץ, ירושלים, וועט דען קענען מיר פאַרגעבן
די ווייטקייטן וואָס אונדז צעטיילן,

די וואָרעמקייט וואָס כ׳האָב פון דיר פאַרמיידט
ווען דו האָסט צו מיינע אָרעמס זיך געצויגן?

ווי, וואָס מיין ברוסט איז ניט פאַר דיר קיין פאַנצער,
קיין צילבערעט פאַר די פיילן פון דיינע פיינט.

ווידוי צו מיין לאַנד

אין ניו־יאָרקער ברוקלין, ווו כ׳געפין זיך, פרילינג־צייט, די צייט
פון פריאונג,
אינעם צענטן יאָר פון ישראלס אייגענער צעוואַקסונג און צעבליאונג,
איז אויף מיר געפאַלן אַ לאַקערדיקער שאָטן,
האָט אַ וואָלקן שווער מיין טאָג באַלאָדן:
זע, ווי כ׳האָב געניטשטערט פרעמדע פאַרבן,
ניט פאַרנומען יענע גאולה
אין דעם לאַנד וואָס האָט דעם ווידערקלאַנג פון מיינע טריט נאָך
ניט פאַרנומען –
און איז דאָך פאַרט מיין חלום און מיין אורקוואַל.

בין איך אַ צוויפלער ווען עס פליסט דאָרט קלאָרקייטן פון וויסן.
בין איך געוואָרן אַזוי נידעריק – אַ טאָל – ווייל דאָרט זינגען דאָך די בערג,
די אַלע נעכטנס וואָס עס זיינען שוין פאַרגאַנגען,
זיינען שוין ניט אַזוי ליכטיק ווי דער טאָג וואָס קרוינט אונדז און באַשיינט
אונדז.

אַנטפּלעקט איז שוין פאַר מיר די זינד פון מיינע פרילינגס.
די ווונדן אָבער וועלן ניט געהיילט זיין,
אַזוי לאַנג ווי מיין האַנט, וואָס פיבערט מיט אַ פרישן פייער,
וועט ניט מאָלן

דיין פּאַרצייטיק און היינטצייטיק נסימדיקע לאַנדשאַפט.
די לאַנדשאַפט און די ניי באַקאַנטשאַפט פון מיין ווייט און נאָענט לאַנד.

אַ בריוו קיין חיפה

פון ווײַניקן הארבסט אין אַמעריקעס פּרינסטאָן
שיק איך קיין חיפה אַ בריוו: אירע ווײַנען
זיינען דאָרט עלטער,
און ברויזן אַזוי ווי דער ים דאָרט.

כ׳האָב טועם געווען דאָס געזאַלץ פון די ימען.

פון האָניקדיק-טריפיקן הארבסט דאָ אין פּרינסטאָן
שיק איך קיין חיפה אַ בריוו: אירע בינען
זיינען דאָרט פליסיק,
און זשומען אַרום אַלע בלומען.

כ׳האָב טועם געווען פון דעם ביטערן פלאַנץ פון די לענדער.

פון זאַלציקן און ביטערגראַזיקן עלנט
דערשמעק איך די ריחות פון גערטנער,
וואָס בליען אַצינד דאָרט אין חיפה.

משה שולשטיין

אויף דער צוגעזאָגטער ערד

כ׳וויש אָפּ דעם שטויב פון וואַנדערן
און ווי אַ פייל אין לאַנד אַריין
עס שיסט מיך אויס דער פאָרט.
פאַר פורים היינט... אַ שיכורער
עס שניידט זיך לייכט מיין בליק אַריין
אין זאַמד, ווי אין אַ טאָרט.

ניט נויטיק ס׳גרעגער־טראַסקעניש,
צום פּנים כ׳דאַרף די מאַסקע נישט, —
כ׳קום אָפן, ניט פאַרשטעלט.
מגילה, זיך צעוויקל מער —
דו ברעקל־לאַנד, דו שטיקל־ערד —
מיין רחבותדיקע וועלט.

אַ, בלענדענדיקער פענעץ ערד,
אין חצות פון הארץ מיינם עמעצער
צינדט אָן דיך — אַ שטורקאַץ.
צו מיינע הענט די וווּנדיקע
זי קרייזט, די ערד, אַ רונדיקע —
אַ שלח־מנות־טאַץ.

כ׳דעק־אָפּ איר טוך דאָס ציכטיקע,
די כבוד־פרוכט אַ ליכטיקע

געוויקלט איז אין גאָלד.
דורך פענדזלען זוניק־שטראַליקע
מיט פאַרבן קאַרנאַוואַליקע
ווער האָט דיך אויסגעמאָלט?

פון פעלד — דיין סעודה־טעלער — כ׳הער
דעם יום־טוב־קלאַנג. פּאַמעלעכער!
די לאַנדשאַפט פליסן לאַז,
ווי אַלטן ווייַן צו קאַפּעלער,
אָן איילעניש, אָן כאַפּעלער,
אין אויג — מיין טרערן־כּוס.

כאָטש ניט פאַרפרעמדט קיין רגע נישט
פון וועג, אויף מיין באַגעגעניש,
וואָס לויפסטו, פּאַלמע־בוים? —
ער רוקט דאָס גרינע שטריימל אָן:
זיך ניט געזען אַ קימאַ לן!...
אהאָ, דערקענט זיך קוים!...

אויף מויערס — עקסקאַוואַטאָרן.
מיר דוכט: מלאכים פלאַטערן
מיט רעטונג פאַר אַ תּהום.
אויף מיר פון מיילער שטאָלענע
דעם שאָט פון ערד צעמאָלענע,
ווי אַ קאַסקאַדע־שטראָם!

דער שוויים — קיין צייט פאַר ווישעניש —
צום טעם פון צעמענט־מישעניש,
צום קאַלך, וואָס רינט ווי שמאַנט.
צום שטויב פון בוי ניט כ׳ברוגז זיך,

ווי פּודער אויף אַ פּרוי־געזיכט
איז ער צום חן פון לאַנד.

כ׳בלייב שטיין. דאָ, זאַמד, מיך בריסטו נישט,
דאָ, ווי אַמאָל, אין וויסטעניש
די מצות, דוכט מיר אויס,
פון אונטער האַמערס הילכיקע
אין זונבלענד הייזער מילכיקע
זיך באַקן, הויז ביי הויז.

צום בוי פאַר דיינעטוועגן וואָרט
דער עבר און די קעגנוואָרט —
מאַשין־ און קעמל־קראַפט.
פאַר ציגל־בערג די רייען אויך
ווי פאַר דער הימאַלייען־הויך
כ׳דאַרף שטיין אפשר פאַרגאַפט.

כ׳דאַרף זען דאָ אַ פאַרוווּנדערטער:
ווי זיי — ווערן יאָרהונדערטער
באַהעפט, צונויפגעקלעפּט.
און כ׳הער די ציגל מוסרן:
דאָ שטעלט דיין פאָלק אַ פוס אריין
אין גבול פון ווידערלעב.

אין מאה שערים

דיינע הונדערט טויערן האָב איך געזוכט בחינם —
נעבן זאָלסטו דעם נאָמען דיינעם אַ באַשייד, אַ זין אים —
נאָר ביסט הינטער זיי, די ניט־געזעענע, פאַרהעמערט,

אָפּגעשלאָסן אין אַ תּחום, פאַרצוימט ווי אייביק דעמערט.
פאַר די הייזער־שוועלן שטיי איך פאַרכטיק, ווי פאַר טעמפּלען —
ס'קען דער שטויב פון מיינע שיך מיט זינד זיי נאָך באַשטעמפּלען.
שטיבעלעך, ווי אוהלם פון צדיקים, פון נפטרים —
אין מאה שערים.

גאַרטלען ווי די שלענג, מיט שטיקער חלב־ליכט פאַרשמאָלצן,
קאַפּעלאַטשן ווי די טעלער פון אַן אָרעם־מאָלצייט,
שטריימלען ווי די נעסטן אין אַן אורוואַלד איינגעשטאָכן —
קרוינען אָן אַ קעניגרייך, געזאַלבטע פון די מאָכן.
פּאות ווי די פלעדערמייז דאָרט פלאַטערן און שווינדלען
צווישן מנחה־מעריב־צייט אַרום די אַלטע שינדלען,
ווען דער פּחד קוקט פון קלייטן פינצטערע, ווי קברים —
אין מאה שערים.

יינגעלע אין קאַפּעלע אַן אָנגעשעפּטס מיט טרויער,
ווי אַ מייזעלע אין שפּאַלט, אַנטלויפט אין שרעק צום טויער,
נאָר אין אַלטן געסעלע, אין סאַמע ברייט צעשאָטן,
גייען פראַנק־און־פריי די טאַטעס — שאָטן ביי אַ שאָטן;
הענט פאַרלייגט ווי אויסגעגעבן שוין די וועלט אין פרידן,
שפּאַנען זיי געלאַסן, ווי די אבות אין גן־עדן.
דאַכט, אויך גאָט גייט־מיט מיט זיי אין אַטלעס — אַלט און אָרעם —
אין מאה שערים.

פון די קלויזן, ווי אַ פּאה, קרייזלט זיך אַ ניגון,
און פון דאַך אויף דאַך אַרויף קלעטערט ווי אויף שטיגן —
ביז צום כּסא קומען אַ געלייטערטער און ריינער.
שבת, ווען עס וואַרפט ניט דער סמבטיון מער מיט שטיינער,
קלויבט מען שטיינער אין דער פויסט, אין פאַלעס צו באַהאַלטן, —
ערגעץ־ווו אַן אויטאָ־ראָד דעם שבת וויל צעשפּאַלטן,

שפּאַנט ער — גאַרטל אין אַ גאַרטל, אָרעם אין אַן אָרעם —
אין מאה שערים.

דיינע הונדערט טויערן — איך וועל זיי ניט געפינען ,
כ׳דאַרף אין דיינע געסלעך מער ניט זוכן זייער זינען.
הינטער זיי, ניט-זעבאַרע, פאַרשלאָסן און פאַרהעמערט,
שטייט אַ פּועל, אַ געזעל מיט לייטער, באַרשט און עמער
און מיט באָרד און פּאות, און באַשפּריצט מיט קאַלך ווי שטערן.
אויף זיין לייטער וועט ער באַלד צום הימל נעלם ווערן —
מיט זיין פּענדזל אויסמאָלן די געטלעכע חדרים —
אין מאה שערים.

לייזער אייכענראַנד

ישראל

א

מיט דונערשלאַג פון בלוט
געצונדן האָבן מיר
דאָס שווייגן פון די ספינקסן.

דאָס היילקע געשריי
פון ערשט-געבוירענע,
איז ברענענדיק פאַרמויערט
אין פּיראַמידן פון דער נאַכט.

די הערצער אונדזערע
זיינען די ערשט-געבוירענע
און וויינען היים
דורך נאַקעט-ווייטע יאָרן.

ביי זאַמדיק-ברוינע ברעגעס
פון בלויען טייך,
ברענט נאָך דער דאָרשט
פון אונדזערע צעבייטשטע לייבער.

נאָר ביי די רויטע פעלדזן
פון לעצטער פּיין
ווערט משה
גאָטס פלאַמענדיקער שאָטן —
איך.

מיט כעס פון אונדזער מי
צינדט ער
דעם פייערוועג צו אים.

מיט בליצן פון זיין אויג
שפאלט ער
דעם ים פון אונדזער צער.

דער ווירבלווינט
פון משהס דונערדיקן וואָרט
צעוויגט
דעם מדבר אונטער אונדזער טראָט.

און ביים הר סיני
הערט ער ווי עס שלאָגט
דאָס פייערהאַרץ פון וועלט —
ישראל.

ב
דיין שטערן איז אַ ברענענדיקער סנה —

אין שאָטן פון דיין בליק
פעלדזיקט משהס רו.

די פייער־שטילקייט
פון מדבר־וועגן
אָטעמט
אין דיינע טריט.

די פערל
פון גאָטס פאַרבאָרגענער מחשבה

בליען
אין טיפן ים פון דיין וואָרט.
אַ שטילע תפילה
איז דיין פייערהאַרץ.

אין טוי פון דיין חסד
הייבט אָן די ערד איר בלוי געזאַנג.

געדעכט און גרויס
ווערט מיט דיר
דער מענטש.

ג
אַלע ווייטן דערקענען זיך
אין דיינע אויגן;

די פינגער דיינע
זיינען האַרפן,
דער ווינט פון דיין צער
שפּילט אויף זיי אייביקע ניגונים.

אין גרויסן וואַלד — וועלט,
וואַרטן אויף דיר
אַלע ווילדע שעהן.

פון דיינע טרערן
צינדן זיך די פייערן
אויפן הר סיני —

נאָר אונטער ירושלימס הימל
בליט נאָך אַלץ
דיין איינזאַם גיין דורך וועלט.

ד

מיט יעדנס אומעט
ווינטערסטו אויך מיט.

אַהינטער אַלע ווייטן
ביסטו תמיד נאָענט
צו יעדן.

ביי דיר צוקאָפּנס
עפענען זיך קברים.

פון דיין אַליינקייט
פרירט דער הימל.
די טויטע אַפילו
לעבן פון דיין גרויסן רחמים;

ביי יעדנס משפט
שטעלסטו זיך פאַרן בורא;

געדערכט און גרויס
ווערט איבער דיר —
גאָט.

שלמה שנהוד

„לידער פון שטראַליקן טרויער״

מוטער און פאָן

היינט ביים אויפמאַרש פון פרייד און פון טרויער,
ווען ס׳פּליט מיר געווירבל אַנטקעגן,
האָב איך דיך געזען אויף אַ ראָג אָפּגעזונדערט,
פאַרשטילט אין דיין וויי
צו דער פאָן זיך פאַרנייגן.

אָ, מוטער, מוטער —
איך פיל־אָפּ דיין האַרצקלאַפּ אין טאַקט פון די פּויקן,
דאָס שטומע געטריף פון דיין טרער — אין די צימבלען.
איך וויים:
פאַר דיר איז דער יום־טוב, פאַר דיר איז דער גלאַנץ
פון פאָנען־פלאַטער,
געפּויק און טאַנץ.

מוטער —
קוים זע איך: דער אויפמאַרש דיך רינגלט אַרום
מיט וויים און מיט בלוי,
מיט שווימיקער פרייד,
גייען די נעכטיקע טעג אויף אין שאַרך,
מיט פוסטריט פון טרויער באַגלייט...

איצט פלעכט זיך אַנטווישונג מיט האָפענונג דורך,
ווי שימער פון ליכטער- און שאָטן-געפלעכטן,
און פרייד,
און אומעט
דיין פנים פאַרשפּינט.
געדענק איך:
עס איז דאָך אויף פעלדער, אין מדבר, ערשט נעכטן
העלדיש געפאַלן דיין קינד.

פון שוימיקער פרייד גייט דיר אויף איצט דיין טרויער,
אונדז אַלעמען צינדט ער מיט פינקל-געפּויק.
ווי דערלאַנגט מען דיר פרייד,
ווי זינגט מען דיר לויב —
אַז אָרעם,
ווי אָרעם,
די צונג...

ביים אויפמאַרש פון פרייד דורך די גאַסן געצויגן —
דו, מיט דער פאָן אין ווייַ דורכגעגליט.
ווי קאָן מען דען האַלדזן אַפילו מיט אויגן
דיך — אין שיין פון דיין טרויער געהילט.

אַ לויבליד דעם טרויער

דער טרויער וואָס צירט זיך אין צירן פון מלכות,
אין פורפורנער טאָגע פון אַקסלען ביז פיס,
איז דער וואָס פאַרבעט
און אַליין ווערט פאַרבעטן
דעם יום־טוב געניסן.

ווייל דער יום-טוב-אין-טרויער
איז ער וואָס באַשיינט;
צוליב אים,
צוליב אים איז די שמחה באַשערט דאָ,
ווייל ער — דער וואָס שטראַלט היינט,
און ער — דער וואָס שאַלט היינט,
און אים די קרוין פון מלכות געהערט דאָ.

גוט, וואָס ער רעדט אונדז גאָר אַנדערש צום האַרצן.
גוט, וואָס ער שיינט און איז ניט אין שוואַרצן,
און גוט ווען אַפילו אַ טרער זיך צעגלאַנצט...
אַ לויב אים, אַ לויב,
דער טרויער איז דאָ אַ מין פרייד-אין-געטאַנץ.

אַ לויב אים, וואָס ער איז געקומען צום אויפגאַנג,
און האָט, ווי דער טאָג, זיך געוואָרט און געקלאָרט.
אַ לויב אויך דער פרייד איצט,
אַ לויב ווייל עס גייט איצט
דער טרויער מיט שמחה געפּאָרט.

מאַרש פון געבויגענע פּאָנען

ווען צעהוליעטער טאָג, ווי אַ שיכור, שלאָפט איין
מיט טרויער פאַרוויגט אין זיין שוים,
פאַרנייגן פענער די קעפּ נאָך דער ריי —
עס גייען טאַטע-מאַמע
צו אבלות אַרוים.

מיט זיי איז באַהעפט אַ פאַרהוילן געשטאַלט,
דער גאַנצער אַרום אין פאַרנויג.
אַז מען קלאָגט נאָר ניט דאָ, אַז אַלץ אַזוי שטיל —
שווייגט געבויגן דער טאַטע,
די מאַמע פאַרשווייגט.

דורך די דריי, איצט נשמה־באַהאַפטענע, גייט
מאַרש פון געבויגענע פאַנען פאַרביי — — —
בלייב שטיין! אַ רגע דיין אָטעם פאַרהאַלט!
און זע:
דער טרויער שטראַלט.

אויפן כרמל

אויף שטייניקייט דיינער גיי איך און קלעטער,
כרמל, מיין באַרג פון געטאָפּלטן ווונדער.
דאָ פיל איך קיין גרענעץ פון פריער און שפּעטער,
געהייך פון פאַרהייבענעם גרויסן באַוווּנדער.

פעלדזן איר האַרטע, געשפּיצט און געשפּאָלטן,
פאַרהילטע מיט אייביקן גרינעם באַדעק,
שלאָפט איר דאָ טויזנטער יאָרן, ווי ס׳וואָלטן
קיין שטורעמס, קיין היצן אייך קיינמאָל געוועקט.

פאַרגאַפטע איר חלומט אַריין אין די דורות,
וואָרהאַפטיקע טרוימען פון אייביקע טעג.
מעג בייטן די וועלט אירע וועגן און תורות,
איר טרעט ניט אָפּ פון אור־אייגענעם וועג.

תקופות באַהאַלטן אין אייערע שפּאַלטן,
און יאָרן וואָס קומען און קוקן אַרויס.
אַליין פון דעם נצח באַוואַכט און דערהאַלטן —
צי זייט איר געטראָגן, צי זייט איר די שווים?

און איך — פון צייט אַ ווינציקער שפּליטער,
וואָס בין איך אַנטקעגן דער פעלדזיקער וואָר?
אַ טוי אויף אַ גרעזל, אַ שטרוי אין געוויטער,
אַ קלאַנג וואָס פאַרשוועבט און פאַרהילכט אָן אַ שפּור.

דאָך פיל איך: ס'האָט נצח געצייכנט מיין גיין דאָ,
מיט אייביקן גאַנג דאָ בין איך באַגלייט:
כ'הער טריט פונעם נביא — איך בין ניט אַליין דאָ —
זיי מישן זיך אוים מיט די טריט פון מיין צייט.

פאַרשלינגט זשע אין זיך מיך, פאַרזעצט ווי אַ זאָמען
דעם ווידערקול מיינעם — פאַרזיי אין פאַרגיי,
עס זאָל ווי דעם נביאס, מיט דורות וואָס קומען,
מיין טראָט דאָ זיך הערן און מיטגיין מיט זיי.

אברהם סוצקעווער

פרעלוד

ליכטזיילן הויכע,
ווי רייטער מיט בלאַנקע טרומייטן,
קלינגען אַרויס פונעם קופּער אַן עלפטן געבאָט.
באַגלייטן
מײַן טראָט:
ואהבת לארצך כמוך.

ירושלים

די צייט איז מיינע אויפן הר הצופים:
די שלעסער אירע עפענען פּאַמעלעך
דעם זונפאַרגאַנג און וועלגערן אַרויף אים —
אַנטקעגן, אויף דעם טראָן פון ים המלח.

אַ פויגל ברענגט דעם כישוף־רינג פון שלמהן,
דערלאַנגט מיר אים צוזאַמען מיט אַ מזמור...
אַ וווּנדערלעכע מעשה קאָן איך טרוימען
ווי ס'נעמען אַנטייל אַלע דורות ביז־מיר.

אַ מאַנדלבוים דער שענסטער — איז מיר ווינציק,
נאָך יענעם בענק איך, וואָס האָט לאַנג פאַרמאַנדלט.
ירושלים איז געהייכט און פרינציק,
ווייל ס'איז אַ שטאָט אין אורגעשמאַק פאַרוואַנדלט.

די קוויטלעך אויפן קבר פון רב שמעון בן יוחאי

אויף מצבה־שטיינער בלויע
פון רב שמעון בן יוחאי
ליגן קוויטלעך אַלערליי,
אָנגעטרערנט,
אָנגעשטערנט
און געחתמעט זיינען זיי:
אינדיש,
יידיש,
אַראַמעאיש,
און אַ קאַפּיטשקע העברעאיש.

ווען די נאַכט, געשפּינט פון זיפצן,
היילט און הייליקט די גאולה,
ביי ל״ג־בעומרדיקע יידן
איינגעזויגן אין הילולא —
דעמאָלט שפּאַלטן זיך די שטיינער
און מיט זיידענע אַזעלכע
זיידע־פינגער — קלייבט רב שמעון
די אַרויסגעבליטע קוויטלעך
און ער לייענט זיי געמיטלעך
ביי דעם אָפּשיין פון הילולא.

זיינע אויגן שמייכלען קינדיש
און ער בענטשט אַן אינד אויף אינדיש.

אַט אַ לשון פול מיט חידוש —
און ער בענטשט אַ ייד אויף יידיש.

קיין עין הרע
יידן גאָרע,
נאָר די ברכות ניט צעמישן.

און ער פרייט זיך, וואָס צעווישן
אינדיש,
יידיש,
אַראַמעאיש,
איז נאָך דאָ אַ טראָפּ העברעאיש.

לידער פון נגב

מעלה עקרבים

דאָ ביסטו ביים וואָרשטאָט פון גאָר דער יצירה.
פאַרדינגען זיך קאָנסטו אים ווי אַ געזעלן, —
די אייביקייט וועט דיר באַצאָלן מיט אירע
מטבעות — אויב ס'וועט נאָר דיין אַרבעט געפעלן.

האָסט גאָרניט פאַרזאַמט ביים „געשטייג פון סקאָרפּיאָנען" —
דאָ האָט זיינע קונסטבילדער אויסגעשטעלט **בראשית**:
אָט קושט זיין געליבטע דער עמוד הענן
און זי, די געליבטע, אָן עמוד האש איז.

ווי פּשוט, קיין וווּנדער ניט אויף אַ רפואה,
דערזעסט דעם באַשעפער דורך זאַמדענע גלאָזן.
אין שטעט אינדערלופטיקע ווינט די נבואה,
ניט עלטער, ניט ייִנגער — ווי האָסט זי געלאָזן.

„די פוקסן פון נגב"

זיי האָבן גערירשנט דעם בליק פון די פוקסן,
געצונדן פון שמשונען קעגן דעם פלישתי.
מיט שטאָלענע בערד און געפעלדזיקטע וווקסן —
געקומען צוריק פון די בלעטער פאַרמישטע.

פון ווייסל און דוניי, פון גאַנגעס און דניעפּער,
דער סיני אַליין האָט זיי אַלע גערופן —
צו קנעטן ווי ליים אין די הענט פונעם טעפּער
נבואה־געשטאַלטן פון אייגענע גופן.

זיי האָבן זיך ווינציק געקענט. אין זכרון
געבליבן בלויז דראַבנינקע אותיות פון סידור.
נאָר דאָ האָט אַ בת־קול פון ברעניקן דאָרן
די פוקסן געאייניקט: אַצינד זענט איר ברידער.

און זעסט ניט קיין רעגן

לא תראו רוח ולא תראו גשם והנחל ההוא ימלא מים
(מלכים ב׳, ג׳, י״ג)

און זעסט ניט קיין רעגן, און פילסט ניט קיין טראָפּן,
צעפלאַמטער שגעון אין זאַמד נע־ונד איז;
און שטראָמען ווי קריגספערד אין ווילדע גאַלאָפּן —
קלאַפּ־קלאַפּ פון די פעלדזן אין בייניקע וואַדיס!

ווּהין? ס׳יאָגן אַלע פון סודיקער געגנט
צעהאַקנדיק צוימען, גראַניטענע שלעסער,
און איין שטראָם דעם אַנדערן שניידיק באַגעגנט
און פלייצט אים אַריין אַ ברילאַנטיקן מעסער.

ס׳געדויערט ניט לאַנג און די זאַפטיקע שטראָמען
פֿאַרשווינדן. עס בלייבן פֿון זיי אויף די דעקן
בלויז גראָזן, צעבליט פֿון באַוואַסערטן זאָמען,
ווי גרינע, לאַנג-לאַנגע קאָמעטישע עקן.

אילת

בלויאוויגיקער ים־סוף האָט היינט זיך פֿאַרגונען
מיט פסוקים פֿון כוואַליעס דערציילן אַן אויפֿהער:
„אויף מיר זיינען שיפֿן געגאַנגען ווי זונען,
געבראַכט קיין ישראל די אוצרות פֿון אופֿיר.

פֿאַרזונקענע מאַנען זיי איצטער אין טיפֿן
און שטענדיק זיי קומען צו חלום ווי מתים...״
— אָ, ים־סוף מיין טייערער, ס׳וועלן די שיפֿן
בקרוב נאָך אויפֿזעגלען תחית המתים.

נאָר זאָלן זיי פֿירן אין כל מיני וועלטן
ס׳געזאַנג פֿונעם סיני און שלמהס משלים.
און זאָלן זיי ברענגען אין יעקבס געצעלטן
די פּערל פֿון פֿריינדשאַפֿט און ס׳גינגאָלד פֿון שלום.

1949

אין וואַדי־פֿיראַן

א

דאָ פֿאַלט נאָך באַגינען דער מן אויף אַן אֵשל
און צוגעוווינט זיינען די צווייגן לאַנגאָניק...
אַ פֿאַסטעכל קלייבט די מתנה אין קיישל
און ס׳האָט נאָך דעם טעם ווי אַ פּלעצל אויף האָניק.

דאָ לעבט נאָך אַ לשון, וואָס דאַרף ניט קיין ליפּן,
דאָ שטוינט נאָך אַ שטיין צום אַרויסשלאָגן וואַסער.
און איך בין געקומען מיט דעם זיך פאַרקניפּן,
און לעשן אין וואַסער אַ נײַ קול-מבשר.

אַנטרונענע יידישע ווערטער, אין אַלטן
העברעאישן פּוסטראַט! — איך לאָז אייך אין היילן.
אַמאָל וועט, קאָן זיין, דאָ זיך קומען באַהאַלטן
אַ נביא, און הערן וואָס היילן דערציילן.

ב

וכל העם רואים את הקולות
(שמות, יתרו כ׳, ט״ו)

דאָס פאָלק איז ניטאָ מער. בייִנאַכט איז אַ היכל
דער וואַדי-פיראַן. און פאַרזיגלט מיט שלאַנגען.
האָט עמעץ געלאָזן אַ שאָטן, אַ שמייכל? —
געבליבן בלויז קלאַנגען. איך זע בלויז די קלאַנגען.

זיי בליצן אַצינד פון די קופּערנע בלאָקן
און פנימער ווערן זיי. הוילן ווי חיות
צום איבערגעוואַקסענעם, שטראַליקן זקן...
דאָרט קניען די קלאַנגען אין ווייסע אַבייעס.

און מיינע שוואַרצאַפּלען, צום פאָלק נע-ונדע,
זיי גיסן זיך איבער פון קלאַנגיקער פילקייט.
ווי לעבעדיק בלוט איז נאָך וואָרעם דער וואַדי.
אַ שטיינאָדער קלאַפּט אין פאַרזיגלטער שטילקייט.

ג

צו קורץ איז די נאַכט, אַז די מדין-בערג זאָלן
מסוגל זיין קילן אין ים זייער לאַווע.

ניטאָ אַזאַ פֿאַרב מען זאָל קענען זיי מאָלן
אַנטקעגן די שטערן, ביים אָטעם פֿון יהוה.

פֿאַרטיידיקן מוז איך מיין הארץ פֿאַר דער שיינקייט,
וואָס שמעלצט אינעם ים־סוף די נאַכטיקע מיילן.
און שליידערן טרערן, פֿון לויטער אַליינקייט,
אַזוי ווי דער מדבר־יאַזש וואַרפֿט זיינע פֿיילן.

צו קורץ איז די נאַכט, ס׳זאָלן מיינע געדאַנקען
מסוגל זיין קילן אין ים זייער לאַווע.
ניטאָ אַזאַ דנאָ, ווו זיי וועלן ניט בלאַנקען
ביים אָטעם פֿון יהוה — — —

ד

„און זעסטו מיין חלום — איז דאָ זאָלסטו בלייבן,
אַליין אים צו טרינקען ווייט־ווייט פֿון געזעמל,
ווי ס׳טרינקט פֿון זיין אינגעווייד־ברונעם דער קעמל,
ביז וואַנען איך וועל דיך אין מדבר אַנטלײַבן".

דאָ בלייב איך. ביז ווונדיקן אָפּגרונט — אַ מאמין.
געזאַלבט צו זיין אונטער אַ שטראָם פֿון רובינען.
ווער בין איך? אַן אוראַלטע פֿידל אַזאַ מין,
ווו הונגעריק זשומען פֿאַרבלאַנדזשעטע בינען.

אַטסופיקע איינזאַמקייט איבער די סקאַלעס.
אין איינזאַמקייט האָט ניט דער עלנט קיין שליטה.
פֿאַרנאַכט, אין אַ צייטיקער שעה פֿון התגלות,
באַגעגענען וועל איך מיין מאַמען פֿון ליטע.

ה

דאָ בלייב איך, פֿון דאַנען צו שיקן מיין **ברכה**.
אַ פֿײַערקויל צוקט נאָך אין אַש פֿון זכרון.

אומזעאיקער פליגל וועט געבן אַ פּאָכע
און אָנצינדן ווי אַ מנורה די יאָרן.

און דאָ וועל איך שרייבן אָן אויפהער, מיט אייגן
באַגנעדיקטן פייער, באַדאַכט, מיין מגילה.
מיט שטערן־פאַרלאָפענע אויגן זיך בייגן
ביים פאַרמעט — פון הירשנפעל זילבערדיק־לילע.

דערנאָך וועל איך הייבן דעם פאַרמעט צום גײַער,
וואָס עיגולט און היט מיך אין לופטיקן קטורת:
אָ, נעם די מגילה, באַצויגן מיט פייער,
און ברענג זי בשלום צו גליקלעכע דורות...

1958 — 1957

אין מדבר סיני

א

די טרער די בענקענדיקע אויף מיין וויע
איז אַלט ווי דו. פון דור־המדבר שטאַמט זי.
אַ לויב דער קליינער טרער, וואָס האָט די זכיה
צו זען, אַז אויך אין דיין זכרון פלאַמט זי.
געשלייפלטער גראַניט איז דיין זכרון.
דיין פראַכט איז אַ פאַרצערנדיקער פייער.
און ווי אַמאָל איך קני ביים נחל פאָרן
און טרינק די שטאַרקע אייביקייט אויך הײַיאָר.
אָ, גאָט מיין גאָט, מיט וואָס בין איך דאָס זוכה,
אַז איך, ביז־האַלדז־פאַרקנאָטענער אין גושן,
זאָל קומען צו דעם אָפּקלאַנג פון **אנכי**,
זאָל קומען ווי די פליגל דיינע רוישן!

ב

ביי סאַנאַפיר, דער אינדזל פון קאָראַלן,
די שטערנקרוין אַנטקעגן שלמהס בוכטע, —
דיין שאָטן שווימט אין ים, באַזוימט מיט שטראַלן,
און קלאַנגען אונטער זיי — אין זיך געזוכטע.
איך האָב אַ האַנט געטונקען אין אַ כוואַליע:
— אַ שפּליטער, זאָל די האַנט ניט בלייבן ליידיק...
אין ים־סוף האָט אַ פּורפּורנע פמליא
געשפּילט אויף מיינע פינגער ליב און פריידיק.
און ווייטער, ווייטער האָט עס מיך געצויגן
צום לעבעדיקן קוואַל פון קלאַנג און ליניע — — — —
און מלכת־שבא, מיט פּערל אין די אויגן,
אַנטהילט די ברוסט, קומט אָן פון אַביסיניע.

ג

מיט יונגן צה״ל קלעטער איך צוזאַמען.
קאָראַלענע די בערד. אין שטויב דער לאָגל.
— אַז דו וועסט אומעטום אַ שעה זיך זאַמען,
געדויערן וועט פערציק יאָר דער וואָגל.
עס וויל דעריאָגן אירע פיס אָן אינדין —
זיי זיינען ווייטער פון איר בליק און דינער.
און דין־דין קלינגט אַ גאָלדן גלעקל, דין־דין —
אַ קעמל רופט זיין טויטן בעדואינער.
אַ טאַמאַריסק. אַ שלאַנג אַרום די צווייגן —
דאָס בלינצלט נאָך צו מיר אַ שפּור פון בעל...
דער קעמל שטעלט זיך אָפּ. און מיר — מיר שטייגן,
און ס׳גייט אַ וואָלקנזייל פאָרויס דעם צה״ל.

ד

פון שבטים צוועלף — אַ גאַנצער קיבוץ־גלויות.
די שבטים האָבן זיך צעטיילט אין שבטים.

ביי דיינע קינדער טווישן זיך די ראַליעס.
דו בלאָזסט אין ביינער טרוקענע דיין אָטעם.
אין רויטע זאַמדן שווימען שטעט און לענדער.
אַ קינד. אַ מאַמע. ברענענדיקע שייטן.
און ווי די לופט, אָן שאָטן, אָן געווענדער,
איז דורכזיכטיק די צייט פאַר אַלע צייטן.
אין מדבר סיני ווערט דיין אומה ייִנגער,
און דיין געבאָט, אין בלעטער־פעלדז — דיין פּינקס,
פאַרקריצן מיט אַ פייערדיקן פינגער
סקעלעטן פון די געטאָס און טרעבלינקעס.

ה

די איינגעקריצטע שריפט וועט בלייבן אייביק,
פאַרזיגלט אין גראַניט מיט מאַכט און דעה.
און ווי אַ לייבינטע וועט ברומען לייביק
פון ראַס־אַל־נקב דורך קדש־ברנע. —
אַזאַ געזאַנג נעמט זינגען אין די גלידער,
ווי בליצן וואַלטן עס אין מיר געזונגען!
גאָר הויך — די זון. אַ נאַכט איז אין דער נידער.
און רויטע הירשן זעען אוים די יונגען.
דאָס איז דער טאָל פיראַן. אַ ליימיק נאַסע
די ערד. אַ מאַנדלבוים. עס בלעקען רינדער.
און ס׳פאַלט די זון אַראָפּ פון אַ טעראַסע,
און אויף די אַקסלען כאַפּן זי די קינדער.

ו

האָסט אויפגעוואַכט אין סיני, אַל־נקמות,
ווען צו דיין באַרגשפּיץ האָט זיך שוין געהויבן
דיין טויטער פאָלק, דער באַרג פון די עצמות —
אַ יאָמערבאַרג פון אומשולדיקע טויבן!
ס׳האָט אונטערערדיש קינדערבלוט־געריזל

דערוואַרעמט מיט באַלעבנדיקע שטימען
די אָדערן אין דיין גראַניט און קיזל,
און האָסט אַנטפּלעקט דעם צווייטן באַרג דיין סימן:
צעטראָטענע ווי שפּילצייג אונטער זוילן —
צעטרעטן איצט אין סיני טויט און פּחד.
און אויף די ליפּן גליען דיינע קוילן,
און מיט די קינדער ביסטו זיך מתיחד!

ז

מען גיט דיר נעמען: סערבאַל, דזשעבל מוסאַ...
איך פיל דעם באַרג. פון אַלע איז ער שענער.
דו שטייסט מיט קופּערפעלדזן בחברותא —
אַ טראָפּן בלוט ווייזט אָן: ביסט יענער, יענער.
איך האָב שוין ווען געהערט די זעלבע טענער,
אָ, בלינדערהייט וואָלט איך צו דיר געטראָפן!
אַ טראָפּן בלוט ווייזט אָן: ביסט יענער, יענער,
ווי ס'נעדעלע מאַגנעט ווייזט אָן דעם צפון.
עס שטעלט זיך אָפּ די זון. זי גייט ניט אונטער.
און אויף אַ שטיין-מזבח, דיר צופוסן,
אַ גלות-קינד, אַ זעלנער אַ פאַרוווּנדעטער,
און שיקט פון דיר אַהיים די לעצטע גרוסן.

ח

דער באַרג! דער באַרג! די שטילקייט בליט מיט בשמים
פון אַלע דורות. דימענטענע ריינקייט.
דער באַרג! דער באַרג! די זון גיט אַ באַשטראָם אים.
צעשמאָלצן ווערט איר שליטה אין זיין שיינקייט.
און איבער אים צוויי שטראַלנדיקע לייטערס —
און טריט, וואָס בלויז מען פילט זיי אויף די שטאַפּלען.
אַ קלאַנג... עס בלאָזן קופּערנע טרומייטערס.
אַ קלאַנג... און סנהען ווערן די שוואַרצאַפּלען.

אַ פּראַסטיק זילבער שלאָגט פון זיינע שפּאַלטן,
און אויף מיין רוקנביין לויפט דורך אַ ציטער,
ווי דאָס וואָלט מיך זיין גייסט, אין פעלדז באַהאַלטן,
באַרירט מיט דער הסכמה פון געביטער.

ט

— טו אויס די שיך און שטעל זיך אין אַ שורה,
טו אויס די שיך און זאָל דאָס זאַמד דיך שווענקען.
אַצינד איז דאָ די צייט פון מתן־גבורה.
די שטילקייט איז אַ תהום. אַ תהום פון בענקען.
און אויבן, אויף די שטראַלנדיקע לייטערס,
אַ תפילה קלעטערט פון די סאַמע טיפן,
ווי ס׳וואָלט אין האַרץ, ביים קלאַנג פון די טרומייטערס,
אַ דימענט אָן אַ דימענט זיך געשליפן:
זאָל רו און שלום קומען שוין געשווינדער.
פון באַרג אין סיני — בלאָז אַוועק די שנאה.
פאַרשנייד אויף ס׳ניי אַ בונד מיט דיינע קינדער,
און זאָלן רויטע זאַמדן ווערן גרינע.

י

און פלוצעם קומען אויפן באַרג די שטערן,
צונויפגעוואַנדערט פונקט ווי מיר פון גלות.
באַנומענע פון ליכט, מיר זעען, הערן:
די מענטשן ווערן איינס מיט די מזלות.
און אויפן באַרג, דורך בליצנדיקער אימה,
אַ יינגל מיט אַ פאָן. ער גיט זי איבער
אַ האַנט, וואָס נעמט זי אויבן אַ געהיימע,
און זאַלבט מיט אייביקייט, און בענטשט דעם גבור.
און ווער עס האָט געזען די נאַכט אין סיני,
געדענקען וועט דער סיני אויך זיין נאָמען.
און ווער עס האָט געזען די פּראַכט אין סיני,
וועט קענען טויזנט יאָר דערציילן. אָמן.

נאָוועמבער, 1956

נחמן ראַפּפּ

פון דער פּאָעמע „סיני"

א

אלולדיקע טעג מיט גינגאָלדזון באַגאָסענע,
מיט פּרוכטן־רייפקייט אָנגעזאַפּטיקט גאָלדענע פאַרנאַכטן,
ווער האָט אייער גאָלדגעשפּין מיט קלאַנג מיט שוין פאַרגעסענעם,
ווער האָט אייך אַ רוף געטאָן צו יאָגן זיך אין שלאַכטן?
עס הענגט די שווערע פּרוכט אין דעם פּרדס אין דעם צעצונדענעם,
אין שקיעה־פּלאַם די עפּל צינדן פייערדיק זיך אָן,
די פרייד פון זעט פּליט אָן — אַ פויגל אויפגעבונדענער,
אין־ליכט־און־טוי געבאָדענעם, זוניקן שרון.
די פעלדער, ווי די טעפּיכער, אין גרינסן איינגעוויקלטע,
פּרוכטיקן אין צייטיקייט גענערט פון טיפסטער טיף,
און איבער זיי דער הימל, אַ צעבלויטער, אַ צעוויקלטער,
יום־טובט איבער פעלדער מיט פרייד פון חג־אסיף.
אלולדיקע טעג מיט שלוה־ליכט מיט האַרבסטיקער,
מיט סטאַדע־טראָט געמאָסטענעם אויף פעלד צו וועג אהיים,
ווער האָט אייך איצט אויפגעפלאַמט מיט בלוטגעלויף מיט האַסטיקן,
און האָט באַפוילן אייך אין שלאַכט אַריין צו גיין?

ב

די בלויקייט צעשווימט אין דעם זונליכט־געמיש,
אַ זילבערנער אויטאָ זיך יאָגט אויפן כביש.

אַהין ווו מען דאַרף ער איילט זיך, ער ציט,
דורך אָפענע פענצטער עס שפּאַרט זיך אַ ליד.

זאָל זיין ס'איז אַ טעות? זאָל זיין ס'איז אַ חלום?
עס זינגען די זעלנער: מיר ברענגען אייך שלום!

ווער האָט עס געבראַכט און ווער האָט עס פאַרטראַכט
אַ שלום אין האַרץ פון אַ שלאַכטיקער נאַכט?

פּאַרויס אויף זיי וואַרט אַ באַשיצונג — די גרוב,
נאָר מיט זיך מען טראָגט נאָך דעם ריח פון שטוב.

געקומען אַהער איז מען גלייך פונעם פעלד,
די שפע עס וואַקסט דאָרט פאַר היימיש געצעלט.

די יידישע מי האָט צעבליט זיך פאַר יידן,
ווי אַנדערש קאָן זיין איצט דאָס ליד אויב ניט פרידן?

עס שפּאַרט איצט דער אויטאָ צו גרענעצן גלייך:
מיר ברענגען דעם שלום, דעם שלום פאַר אייך!

ג
פון צפון־מערבדיקע אַדערן פון לאַנד
האָבן יונגע לייבן זיך געלאָזן,
אין נאַכט אין טונקעלער זיי זיינען דאַ אַוועק,
און ס'האָבן שופרות זיי אין האַרץ געבלאָזן.
מיט טאַנק פאַרוויקלט, באַגאַרטלט זיך מיט סטען,
זיי האָבן איצט דעם מדבר־זאַמד צעאַקערט;
און ס'איז געוואָרן ווי אַמאָל שוין דאַ געווען,
ווען ס'האָט אין גאַנג דער מדבר אויפגעפלאַקערט;
ס'איז פול געווען די לופט מיט יענעם קול,
וואָס האָט געקוילערט זיך אין קולות און אין ברקים,
געווען איז איצט ווי ס'איז געווען אַמאָל,
ווען ס'האָט דער מדבר זיך פאַר דונערשטים דערשראָקן.

פאָרוים געגאַנגען איז דער אויפגעפלאַמטער פלאַם
פון מענטש און פון כלי־זין אויפגעפאָרטע,
אונטער טראָט געקרעכצט עס האָט די צאַם
אין לויער אויפגעשטעלט פון שונא דאָרטן.
און פלוצעם האָט זיך ווּיסטעניש צעבליט
מיט יענעם ווייטן לאַנג באַקאַנטן ריח,
זי האָט דערהערט די שטימע פון אַ ייד,
ער שפּרענקט זיין בלוט אויף שטיינערנעם מזבח.
געלאָזט אַ שפּור — זיין בלוט, און האָט זיין גאַנג
ניט אָפּגעשטעלט נאָר ווייטער פאָרטגעזעצט אים,
צו יענעם אָרט פון בריאיקן פאַרלאַנג,
ווּ ס'האָט אין צאַנגעקריץ דער פיינט באַזעצט זיך.
פון צפון־מערבדיקן אָדערן פון לאַנד
עס האָט דאָס בלוט אַ שטראָם געטאָן צו דרום,
און סענדערן געלאָזט אַ שמאָלן ראַנד
ער זאָל זיין רואיקייט באַשיצן מיט זיין אָרעם.
שפּרייט די שטילקייט זיך אויף טונקעלן אַקאַפּ,
אין האַנט אַ סטען פון נאָנטגעפאַר צו שיצן,
אַ הימל אויסגעשטערנטער איבערן קאָפּ
און אין דער ווייט ראַקעטע שניידט זיך בליציק.
אַ ביימל וויגט זיין קרוין אין בלאַסן ליכט
פון דער רואיקער דער זילבערנער לבנה.
ווער האָט דעם בוים אין שאָטן אויסגעריכט,
מ'האָט, כ'לעבן, איצט געקאָנט באַגיין זיך אָן אים,
ער זאָל ניט אין דער טונקל וויגן מיטן צווייג,
און ברענגען פאַרן דמיון ניט געבעטענע געשטאַלטן,
און סענדער אין אַקאַפּ, ווי אין אַ שטייג,
זאָל זיין סטען און אויג אין לויער האַלטן.
אַ בוים? אַ צווייג? און אפשר גאָר אַ מענטש,
וואָס קומט דיין האָרץ צעלעכערן מיט קוילן?
אָ, ביקס, געטרייע, זיי דו איצט געבענטשט,

פאַר אָפּקילן דעם פלאַם פון קאַלטע גרווילן.
ס׳איז פויגל־פּלאַטער בלויז דער שאָרך,
וואָס טראָגט זיך איצט פון קוסטעדיקע דערנער;
און סענדער שטרענגט דעם אויער אָן און האָרכט,
און הערט די שטילקייט וואָס ער גאַרט דערהערן,
ביז ס׳נעמט די נאַכט זיך אָפּוויקלען ביים ראַנד
און נעמט איר קלייד אַראָפּ פון ביימער־צווייגן,
און סענדער האַלט זיין סטען אין האַנט
און דאַנקט אים פאַר אַ גאַנצער נאַכט, פאַר שווייגן...

ש. וואַרזאַגער

שמירה אויף הר הצופים

א

שלום, אַ גוט אָוונט דיר, ירושלים.
דאָס ערשטע מאָל אויף הר הצופים.
(אויסגעגאַנגען ס'חיות איז מיין זיידן נאָך אַזאַ עליה).
מה נאמר, מה נדבר:
וויפיל חסד, וויפיל חידוש עולה־רגלט צו מיין ראיה
פון די פעלדער, הויכקייטן און טאָלן —
מויערן, הייזקעס אין אלפים
איינגעלוליעטע פון שלאַנקע ברושים:
פון הר ציון יאָגט אַ ווינטל,
ווער קען מאָלן?
ווער האָט לשון?

ב

דיינע אָוונטיקע ליכטער פינקלען אויף אין מיר אַ חלום:
אַ באָרד, אַ בלויע, אַלטע ברילן איבער געלן סידור,
זיבן אותיות אין אַן אויסטערלישער חידה — **ירושלים.**

ג

שלום, אַ גוט מאָרגן דיר, ירושלים,
דו אייביקע, גלויביקע, דו וואָרע —
אַ טאָג אַ נייער צינדט דעם הר הצופים:
געטליתטע אין בלוי מיט גאָלדענער עטרה
מתפלל כ'בין צום נס
פון צוויי אלפים.

יאָסל בירשטיין

ווי דער וויינגאָרטן איז זיכער אין זיין ווייַן

א

ביי דעם באַרג וואָס שטייט פאַרשריבן אין תהלים
דאַרף איך מער מיין פנים ניט פאַרהילן.

ווייל ווי דער וויינגאָרטן איז זיכער אין זיין וויין
בין איך געקומען דאָ צו זיין.

וואָס נאָך אַזוינס האָט נעכטן מיר דערציילט
דער פּאַסטעך פון די שעפּסן אויפן פעלד?

ער האָט געשמייכלט און געמיינט: אַז וואָס, אַז ווען,
קען זיין ס'איז נאָך גאָרנישט ניט דערציילט און ניט געשען.

נאָר אויב דיין אויג איז פאַר דער זון ניט מער פאַרשטעלט,
און ווי דאָס שאַרפע, שלאַנקע דאָרנגראָז אין פעלד

ווערט שטאַרק דיין קול, ווי שוין באַפרייט פון שרעק,
איז ניט דערפאַר ווייל ס'איז דער טרויער שוין אַוועק —

נאָר ווי דער וויינגאָרטן איז זיכער אין זיין וויין
ביסטו געקומען דאָ צו זיין.

ביי דעם באַרג וואָס שטייט פאַרשריבן אין תהלים
דאַרף איך מער מיין פנים ניט פאַרהילן.

און איך פרעג ניט מער, צי בין איך טאַקע דער אַמאָל
וואָס אַ נביא האָט געחלומט און געזען ביי אַ טאָל.

איך גיב זיך אָפּ צו זיין אין גאַנצן אָנפאַרטרויט
און טאָג נאָך טאָג איך גיי דעם וועג פון קאָרן ביז צום ברויט

און נעם עס אָן. ניט איך ספק, ניט איך פרעג.
און ניט דערפאַר ווייל ס׳איז דער טרויער שוין אַוועק —

נאָר ווי דער ווייַנגאָרטן איז זיכער אין זיין וויין —
בין איך זיכער דאָ צו זיין.

ב

אויף די פעלדער ווייץ און קאָרן.
רחבות ליכט אויף מיינע אַקסלען.
דאָ פאַרפלאַנץ איך מיינע יאָרן
מיט די פעלדער מיטצוּוואַקסן.

שניטער קומען. זאָלן זיי קומען.
וואָס ס׳געשעט און וואָס דערנאָך איז?
כ׳הער ווי ס׳רופט שוין ווער ביים נאָמען
נאָך אַ מאָל מיין טאַטנס ברכות.

גיט אַ ציטער פאַר מיין אויער
אַלטע שטים מיט נייער בענקשאַפט:
כ׳וועל דיך אויסלייזן פון טרויער,
כ׳וועל דיך אויסלייזן פון ענגשאַפט.

וואָס באַדייט עס, ווידער חלום?
היינט באַדאַרף איך מער ניט פרעגן;

שטחים ערד פון לויטער שלום
קומען, קומען מיר אנטקעגן.

און די בערג אין שלייער-בלוישאַפּט
וואַרטן אָנגעשפּאַנט און הערן;
וועלט פון חסד און געטריישאַפּט
דאַרף דאָ באַלד מקוים ווערן.

נעמט אַרום מיך גראָז און דאָרן,
זון און הימל הילט מיך איבער;
כ׳וואַקס מיט ווייץ, איך וואַקס מיט קאָרן,
קום ווי ברויט אין אַלע שטיבער.

צו די שיפן

פון אלע בארגשפיצן און טאָלן
הילכט אַ קול, דערפאַר!
מיר וועלן אייך מיט פרייד באַצאָלן,
מיט שטראַלן פון קאַיאָר.

דער כרמל ווי דער בויג פון קעמל
קראַצט אין לופט זיין קאַרק...
די לופט ווי פרישע זעמל
מאַכן וועט אייך שטאַרק.

פאַראַנקער ניט די שיף אין מיטן
פון אַ דמיון־וועלט,
די פרעמדקייט האָט גענוג פאַרשניטן,
ישראל, דיין געצעלט.

וואַקסט איין כאַטע

וואַקסט איין כאַטע, וואַקסט אַ צווייטע,
האָרכן זאַמדן אויף דערפרייטע:
וואַקסט דערנאָך אַרוים אַ דריטע —
האָט דער מדבר ניט קיין שליטה.
ווייל עס וואַקסט איר נאָך אַ פערטע,
אַזאַ ווייסע און פאַרקלערטע,
און די פערטע יאָגט אַ פינפטע,
און די פינפטע יאָגט אַ זעקסטע.
נאָר אַז ס׳שפּראָצט אַרוים די עקסטע—
ווים מען שוין:
ווי דורך אַ כישוף
שטייט אַ שפּאָגל-נייער ישוב.

סוד

ווען איך אין יעדער קערנדל אַריינגעבן די דרייסטקייט
פון שטרעקן זיך צום ליכט און זאָגן: כ׳בין;
און יעדער תפילה פון אַ גרעזל — כאַטשע גרין —
די שמחה פון נצחון איבער ווייסקייט...

ווייל וואָס איז תפילה פון אַ גרעזל, וואָס באַווייזט זיך,
און וואָס דער סוד פון שטרעקן זיך צום ציל?

ס'איז בלויז דער פרילינג־ניגון פון דער ערד, וואָס וויל
די גאַנצע וועלט דערוועקן פון פאַראייזטקייט...

...ווען טיף אין טאָלן הויערט נאָך די גרייזקייט
און מאָנט מיט דאַרע פינגער יום־הדין —
דאַן שטייגט פון גרויען באַרג אַרויס אַ הייזקע.

שפּראָצט אויך אַ קערנדל אַרויס פאַרשעמט און דין.
און ס'הודיען זיך פונאַנדער ווייסע שליאַכן
מיט תפילה פון דער ערד אויף אַלע שפּראַכן...

גוט איז אַ ביימל צו זיין

גוט איז אַ ביימל צו זיין איינגעגדרט אין ליבשאַפט,
גוט איז אַ בלימל צו זיין איינגעזשוושעט פון בינען,
גוט איז אַ לענדל צו זיין וואָס הייבט ערשט אָן צו גרינען.

פינקלט קאַיאַריק דאָס פעלד מיט רובין־אַנעמאָנעס,
שמייכלען אַנטקעגן פאַרשעמטע, פאַרליבטע נאַרציסן:
זיי זיינען צו קליין נאָך די גרויסקייט פון וועלט צו באַגריסן.

גליטשן ריטשקעלעך גאָלד זיך אַראָפּ פונעם באַרג, ווו צעווישן
טאָפּאָליעס און טרויבן און טוי לאַכן זילבערנע שטיבער,
וואַרפן אום זיך מיט שוועלבעלעך ליכט און ווינקען זיך איבער.

זע, אַ וועוועריקל היפערט אַרום שוין אין צווייגן — אַ גיבור,
פאַרריסן דעם עק און דעם האַלדז מיט אַ גנבישער מינע,
זע, משיח־פערדלעך קריכן אַרום שוין בשליחות השכינה.

ווער האָט אין רערן

ווער האָט אין רערן געשפּאַנט דעם ירקון?
ליכט אין די רערן — מיט מילך כ׳פּיל זיי אָן!

ווער האָט מחילות צעבּרענט אינעם ירדן?
מילך אין מחילות — באַלזאַם אין ירדן.

שפּראָצט ער אַרויס אין ברייטן פּאַרזיי,
פֿאַרגילגולט אין כאַטעס דער חרמונער שניי,

קניפּט צו מיט טראַקטאָרשע קייטן די פֿליינען
און שלעפּט זיי אַראָפּ: זאָלן גרינען די היימען

פֿון נגבֿ, ווו ער — אַ פֿאַרכלינעטער שטראָם,
צעקושט זיך מיט רערן — דאָרט שטיפֿט דער ירקון...

פֿאַרנאַכט

באַראַקן. גליק און אומעט, צאָרן און נבֿיאות.
ציפּרעסן פּענדזלען אויס רויט-פּענצטערדיקע שקיעות...

בלויע בערג אַרום. ווי זיידעס. מנחה און מעריבֿ.
ווינקען מיט קדושה צו דעם דאָרף, זייִנען מקרבֿ.

קנוילט זיך שטויב און גאָלד אין ציטערדיקן ניגון.
קלאָגט אַ גאַנג אַרויס זיין צער דעם ניט-היגן.

שאָטנס טאַנצן. הינט. די ריטשקעס גאָלד פֿאַרשווינדן.
זיבנבעטיקע באַראַקן שטויסן זיך ווי בלינדע.

פלעמלט אויף אַ האַנט אין נאַכט. צוויי אויגן בלאָנדזשען
אַרום אין עיגול שיין. דאָס פּנים — בראָנדזן.

דאַרע בערד פון טאַטעס. ווייבער. קינדער אויף די בעטן.
קאַפּטילקעס טשאַדען אויס אַ נעץ פון הינערפלעטן.

אין דרויסן פינקלדיקע שטערן איבער כּאַטעס לייענען
לאַנגאַניקע מגילה פון אַ פאָלק. משיח. ראובני.

פּ ט י ש

(פון אַ לידער־סעריע)

א

כּאַטעס בליען אויפן הונגער־שליאַך.
זיי ווערן וויים און צייטיק און אַנגעדראָלן.
אויף די וועגן בלוטיקט דער לעם.
דאָרט איז גרענעץ.
לעם איז אַ טיפער ים אין זון־פאַרגאַנג,
כוואַליעס רויכערן אַרויף ווי זיילן,
שאַקאַלן בלאָנדזשען אַרום און טרינקען זיך אין לעם,
כּאַטעס פלאַטערן דערשראָקן ווי מעוועס.
דאָרט איז גרענעץ.
ווען כּאַטעס פאַלן אַראָפּ און וואָרצלען זיך איין —
וואַקלען זיך ווייטקייטן.
קינדער וועלן וואַקסן, וועט גרינען אַ וואַלד.
ווען קינדער וועלן גרויס ווערן,
וועלן זיי שטיין מיט ווייסע כּאַטעס אויף הענט
און היטן די גרענעץ.

ב

דאָ וואַכן ווענט. דאָ איז דער ווייסער גליווער
פון גלאָז־באַשטויבטן שליאַך. פאַרברענטער לעם
טשאַדעט אַרום זיין דינעם שטאָל פון אין־סוף.

און טירן קלאַפּן ניט. אינעם טומאַן פון זון —
פאַרריגלט יעדער ריר. דאָ קנוילט זיך שוויים,
דאָ פויזעט נאַקעט איבער שטויב דיין אָטעם
צוזאַמען מיט כאַרדון*. זיין שוואַרצער עק
איז בולט ווי דיין ביקס, און ס׳גליט דיין האַנט
אויף גרודיקע קנייטשן פונעם מדבר. גרענעץ.

ג

אויפן הונגער־שליאַך געגען איך צו דיר,
וועלןביידע מיר זיין דער תחום־שבת.
כאַטעם קוקן אַרום דורך אָפּענער טיר
מיט וואָכליכטן און ברוך־הבאס...

מיינע פינגער כ׳לייג אַריין אין דיין האַנט,
וועלן מיר ביידע דעם פחד ניט פילן.
ווי אַ טלית איז היינט אויסגעשטערנט דער זאַמד
און די גרענעצן הייליק ווי תפילין...

דער הונגער־שליאַך, מיט לבנה באַגרינט,
אַ בוים און אַ כאַטע — הבדלה.
גיב די האַנט. אין זכות פון דיין ווייב און קינד,
אין זכות פון מיין זיידע אין שפּאָלע...

* אַ מדבר־יאַשטשער.

ד

גרענעץ קוקט אין דיר אַריין.
ניטאָ קיין שאָטן
וואָס זאָל פון איר פאַרשטעלן.
בלויז ווי גלאָז ביסטו
און דורכזיכטיק
ווי בלויער טשאַד פון נגב...

אין־סופן אויף דער לויער.
הינטער זיילן
פון שווינדלענדיקן לעם
דיין פנים מיד
און איינגעקנייטשט,
ווי ניט־געאַקערט רויטע זויל
פון נגב...

און ס'קניט אין דיר דיין הארץ.
דו ביסט דער שאָטן
פאַר אַלע
ווייַנענדיקע כאַטעס
אין פטיש.

מרדכי ליפשיץ

קלעטערן הייזקעס

קלעטערן הייזקעס אויף בערג ווי אויף שאָכן,
רייטלען זיך דעכער — מאַראַנצן אין שניי.
ווייס ניט דער כנען צי וויינען צי לאַכן,
און אפשר זיך פרייען צוזאַמען מיט זיי.

ווילט זיך אים וויינען (ס'באַרעגנט אַ שוויים אים):
— געפונען פון ווענען צו מאַכן אַ שפּאַס...
ווילט זיך אים לאַכן: אַזעלכע קונדסים
וואָס האָבן ניט מורא פאַר באַרגיקן כעס.

ווייסלען זיך הייזקעס אויף באַרגיקן רוקן,
ווייזן די שייבעלעך צינגער דעם ווינט.
ווערן שוין ערנסט די בערג און זיי קוקן:
— זעט ווי דער כנען צעוואַקסט זיך און גרינט.

בליען די הייזקעס אויף באַרגיקע הייכן,
רייטלען זיך דעכער — מאַראַנצן אין שניי.
מיען זיך קינדער אַ בוים צו דערגרייכן,
פרייט זיך דער כנען צוזאַמען מיט זיי.

רבקה באַסמאַן

ירושלים

פאַרעקשנטע שטאַמען,
שטיינערנע שבועות,
וואָס טראָגן צוזאַמען
דעם פונק פון נבואות.

אַ זוניקער בונד
קלינגט איבער טאָלן,
און קינדעריש יונג
זינגען אַמאָלן.

שטיינער פון אַלע צעוואָרפענע ווייטן
אַנטפּלעקן אַ זעאונג — אַ גאָלדענעם טורעם,
און יעדער פון זיי באַלאָדן מיט צייטן
טוליעט אין זיך סיי זון און סיי שטורעם.

פול איז דער וועג —
אַ מילגרוים מיט זאַפטן,
און פול איז דאָס אויג —
מיט טרער פון פאַרגאַפטע.

די ערשטע

דאָרט ווו עס גייען זיך וועגן פונאַנדער
צו זוניקע שטעט,

נישטער איך אין די טרוקענע זאַמדן —
טריט.

וועמענס די טריט אין די שטויבן די גרויע?
קוים וואָס מען זעט.
דאָס זיינען בויער, אייביקע בויער
פון זוניקע שטעט.

זיי זיינען באָרוועס אוודאי געגאַנגען
קנעטן דעם ליים,
זיי האָבן די ערשטע געחלומט
אַ היים.

אויב קומט איר צו שטאָט דורך זוניקן טויער
צו גאַס און צו היים, —
פאַרגעסט ניט די בויער, די אייביקע בויער —
דעם חלום אין ליים.

שאַף

וויפל געפונענע הייסקייט
אָטעמט פון וואָליקער פעל,
וויפל וואַרעמע טרייסטקייט
ציטערט אין מעאישן קול.

פאַרשעמט פון מיין שטילער אַליינקייט
קרייזל איך איין זיך אין אייך,
שטראָמען מיר אַלע פאַראייניקט
ווי אַ באַזוניקטער טייך.

און אויף די צייטיקע פעלדער
זינגט אונדזער שטילקייט אַ ליד.
עס ציען די סטאַדעס —
איך גיי מיט זיי מיט.

אָוונט

אין אָוונט קומען שעפּעלעך צו מיר
מיט פעלן אויסגעלופטערטע און ייִנגער,
און איך באַהאַלט די שעפּעלעך
אין פעלדישע צען פינגער.

אין אָוונט ברענגט אַ וואָגן שטיקער פעלד
און לייגט זיי פאַר מיין שטיבעלע אַנידער,
און איך באַהאַלט דעם דופט און טוי
אין מיינע גלידער.

ה. בנימין

מיין ברודער אין לאַנד פון שאַקאַלן

...ער איז געפאַלן ביי אַ פרווו זיך דורכצורייסן
צו דעם באַלאַגערטן ירושלים 1948...

דער פיינד
האָט זיין גוף ניט צעריסן.
די ערד
האָט זיין הויך ניט פאַרדעקט.

ווען מיר האָבן פעלדזן,
ווי לבנהדיקע קרעלן,
אויף רויטע פעדעמלעך פון אונדזערע פוסטריט
געשנירלט,
און זאַלבעפּחד
דעם באַרג־אַראָפּ־פון־מפּלה געמאָסטן —
איז זייער גסיסה אויף אונדזערע רוקנס ניט געהאָנגען.
אינעם יאָמער פון געבראָכענע קניען —
האָט זיין בלוט ניט געטוי'ט.

די זעק ברויט האָבן קיין ביקסן ניט געהאַט.
צו דער הייליקער שטאָט האָט זייער שלאָפלאָזער וואָיען ניט דערפליגלט.

יענע נאַכט
האָבן באַלאַגערטע שאַקאַלן פאַרהאַנגען
אַ בריק פון הונגער
איבער די בערג פון שונא.

אויף אַלע פיר
האָט מען אים געשלעפּט פון פעלד.
שטומע זאַטקייט —
מיט צעשאָסענעם דאַרשט אין די ציינער.
אַ צעשאָטענער זאַק ווייַ
איז געבליבן פון מיין ברודער.

(איבער מיין מיד־מיד געפאַלענעם גוף האָבן אַלע שאַקאַלן געוויינט) — —
און נאָר צוויי האָבן געשוויגן.
די לבנה —
אַ צעלעכערטע פון זיינע איבערגעקערטע שפּראָצנדיקע בליקן —
האָט זיי ביז אין די היילן באַגלייט.
— — — — — — — — —

דער פיינד
האָט זיין גוף ניט צעריסן.
די ערד
האָט זיין הויך ניט פאַרגרודעט.

אַז וועסט טרעפן אַ שטומען שאַקאַל —
זאָלסטו אים אויסשיכן די אויגן פון מיין ברודער.

פנים אל פנים מיטן אַלמעכטיקן

אויפן דעק פון דער וועלט שטייען מיר ביידע:
איך — און דו אין אַ נעפּל פון פייער.
אויף מיין אָטעם — אַ באַרג אומגעהייער
פון פעלדזן־היץ — קאָן איך ניט ריידן...

דו — אַ מעכטיק שטומען. אויף שטאָלצן גראַניט
שפּרייזט דיין טויטער קול אין זאַלציקע זאַמדן פון מדבר
און הייבט מיט זיין פאַלע זיילן אָפּשיי. כבוד פאַר דיינע באַרוועסע טריט.
דער עבאַ פון דיין טרוקענעם אָטעם קיניגט ווייט איבער די ראַנדן פון מדבר.

און אין הארץ פון דיין מלכות — אַ ים ביטערקייט,
אַן אַשבאַרג פון שפּיגלען ביז צו שטויב צעשפּליטערטע,
וואָס אויף זיין גרויען שוים האָט זיך קיין בילד פון דיינע אַקסלען ניט באַוויזן.
ווולקאַנען הארבקייט — פאַרקנייטשט אין זיינע קאַרבן,
און שטאָט זיינע שומרים (דיינע באַרגיקע ריזן) —
אור־אוריקע וואָרצלען. געזאַלצענע פאַרבן.

איך שטיי ביי דיין זאַלץ־געשליפענער הימלוואַנט פון וווּנדער.
אויף איר בורשטיניק געשפּיזלטער קרוין ריזלען דיינע קוואַליקסטע ליכטער.
דאַ צופוסנס, אין אַ ווינקעלע, שאָטנט שוין דער פּופּציקסטער יאָרהונדערט
מיין גאַנצע פאַרצייטיקע געשיכטע.
און איך מיט מיין קינדערטרוים — מיין גאָלדענע פאַווע —
וואַקס אַריין אין איר זאַלציקן שאַרבן.
און מיינע שטאַמלענדיקע בליקן דאַווענען אין דיין אויסטערלישן תנך פון פאַרבן.

סדום, יוני 1949

זון איבער אַלץ

(פראַגמענטן)

מיר האָבן זיך היינט
איינער דעם אַנדערן אויסגעמאַטערט —
די זון און איך.
מיר אַרבעטן ביידע אין ווייַנגאָרטן.
פאַרנאַכט איז די זון
אוועקגעפאַלן הינטערן גלבוע —
רויט פון אָנשטרענג,
און איך האָב געלייגט די גלידער מיינע שלאָפן.

יאָ, מיר האָבן זיך היינט
אַ ביסל צעהיצט —
די זון
און איך.

*

אין אַ הייסן בייטאָג
בעת אַ הייסן שמועס,
האָבן טרויבן
מיר זייער טרוים פאַרטרויט —
זיי ווילן מען זאָל זיי קלייבן.
אַ פשוטער טרויבן-פאַרלאַנג,
פון פשוטע פיינע טרויבן.

זיי ווילן מען זאָל זיי וועלן.
און ניט זיי זאָלן פאַרשעמטע
אויפן וויינשטאָק הענגען בלייבן.

הייסע טעג, עס ווערט אַלץ שפּעטער
און אַ טרויבן־טרויער
שטומט אַרוים פון אַלע שורות.
טרייסט די זון דאָס טרויבנפאָלק.
(זי האָט שוין אַזוינס געזען!)
ווינקט צו זיי מיט הייסע ווונקען.
רייטלען, רייטלען זיך די שוואַרצע טרויבן,
און די ווייסע ווערן בלייכער.
דורכן נעפּל פון די טרויבן־טרערן
לייכטן טרויבן־אויגן מיט אַ שטילן ברען.

*

אויב
פון קלייבן קלאָרע, זוניקע טרויבן
ווערט מען שטום און פאַרזונט, —
זאָלסטו ניט הייבן דיין ברעם
אַז דו זעסט:
איך בין זוניק פאַרשטומט.

אויב
פון קלייבן שטומע, זוניקע טרויבן
גלוסטן זיך ווערטער פון לויטערן לויטער, —
זאָלסטו מיך טרייסטן אַז איך ווייז.
איך חלום פון אַ ליד,
נאָר זיין שאָטן האָט אַ הויקער.

אויב
פון קלייבן זיסע, זוניקע טרויבן
גיסטו זיך אין די אָדערן אַ פרייד, —
זאָלסטו מיך לאָזן לאַכן,
אַזוי ווי מען לאָזט
אַ רעגן ווען ער רעגנט,
אַ שניי
ווען ער שנייט.

רשימה פון די פּאָעטן

רשימה פון די פּאָעטן

אברהם גאָלדפאַדען, אַלט־קאָנסטאַנטין, וואָלין, 1840—1908.

אליקום צונזער, ווילנע, ליטע, 1840—1913.

שמעון פרוג, באָבראָווי־קוט, קאָלאָניע אין כערסאָנער גוב׳, אוקראַינע, 1860—1916.

מאָריס (משה־יעקב) ראָזענפעלד, דאָרף באָקשא, סוּוואַלקער געגנט, פּוילן, 1862—1923.

ש. אַנ־סקי, טשאַשניק, ווייסרוסלאַנד 1863—1920.

יהואש, ליטעראַרישער נאָמען פון יהואש־שלמה בלומגאַרטן, ווערזשבאָלאָוו, סוּוואַלקער געגנט, פּוילן, 1871—1927.

חיים־נחמן ביאַליק, דאָרף ראַדי, וואָלין, 1873—1934.

לייב יפה, גראָדנע, פּוילן, אומגעקומען אין ירושלים, 1875—1948.

אברהם רייזען, קאָידענאָוו, ווייסרוסלאַנד, 1876—1953.

פ. מ. ראַסקין, שקלאָוו, ווייסרוסלאַנד, 1880—1944.

יעקב פיכמאַן, בעלץ, בעסאַראַביע, 1881—1958.

אברהם אייסען, בריסק דליטא, 1886.

יצחק קאַצענעלסאָן, קאַרעליץ, ווייסרוסלאַנד, אומגעקומען, 1886—1944.

מלכה לאָקער, קוטי, מזרח־גאַליציע, 1887.

מאַרק שאַגאַל, וויטעבסק, ווייסרוסלאַנד, 1887.

עליזה גרינבלאַט, אזארינעץ, אוקראַינע, 1888.

נחום יוד (פּסעוודאָנים פון נחום יערוסאַלימטשיק), באָבער, ווייסרוסלאַנד, 1888.

ה. לייוויק (לייוויק־האַלפּערין), איהומען, ווייסרוסלאַנד, 1888.

ש. י. אימבער, יעזשערני, מזרח־גאַליציע, אומגעקומען, 1942—1889.

מ. באַסין, ניוקעס, ווייסרוסלאַנד, 1889.

א. לעיעלעס (גלאַנץ), וולאָצלאַוועק, פּוילן, 1889.

י. ד. קאַמזאָן, וואָרנע, ליטע, 1889.

זלמן שזר (רובאַשאָוו), מיר, ווייסרוסלאַנד, 1889.

אברהם זאַק, אַמדור, פּוילן, 1891.

אפרים אויערבאַך, בעלץ, בעסאַראַביע, 1892.

א. אַלמי (פּס' פון אליהו־חיים שעפּס), וואַרשע, פּוילן, 1892.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי ,פּומפּיאַן, ליטע, 1892.

זישע ווײַנפּער (ווײַנפּערלעך), טריסק, וואָלין, 1957—1892.

א. לוצקי (פּס' פון אהרן צוקער), דעמידאָווקע, וואָלין, 1957—1893.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, קאַרטוז־בערעזע, פּוילן, 1893.

י. מ. ניימאַן, זשיכלין, פּוילן, 1957—1893.

אליעזר קאַליר, אין אַ שטעטל גראָדנער גוב', פּוילן, 1893.

מלך ראַוויטש (פּס' פון זכריה־חנא בערגנער), רעדעם, מזרח־גאַליציע,
1893.

לייב אַליצקי, טריסק, וואָלין, 1894.

מאַטעס דייטש, ראָקיטנע, אוקראַינע, 1894.

ראַשעל וועפּרינסקי, איוואַנקאָוו, אוקראַינע, 1894.

מ. ז. טקאַטש, דאָרף פּריגאָרסק, קיעווער גוב', אוקראַינע, 1894.

ל. ראָזאָף, פּאַוואָלאָטש, אוקראַינע, 1894.

פּרץ מאַרקיש, פּאָלאָנע, וואָלין, אומגעקומען אין ראַטנפאַרבאַנד,
1952—1895.

אסתר סיגאַל, סאָלאָפּקאָוויץ, פּאָדאָליער גוב', 1895

חיים־לייב פוקס, לאָדזש, פּוילן, 1895.

יעקב גלאַטשטיין, לובלין, פּוילן, 1896.

נפתלי גראָס, קאָלאָמיי, מזרח־גאַליציע, 1956—1896.

מלכה חפץ־טוזמאַן, דאָרף כייטשאַ, וואָלין, 1896.

י. י. סיגאַל, סאָלאָפּקאָוויץ, פּאָדאָליע, 1896.

א. ש. שקאָלניקאָוו, כיימעץ, ווייסרוסלאַנד, 1896.

אהרן ניסענזאָן, דערפל טשעפלי, ווייסרוסלאַנד, 1897.

ל. פיינבערג, קדימה, פּאָדאָליע, 1897.

אהרן צייטלין, אוווראָוויטש, ווייסרוסלאַנד, 1898.

רחל קאָרן, דאָרף פּאָדליסקי, ביי מאָשציסק, גאַליציע, 1898.

מרדכי יפה, דוסיאַט, ליטע, 1899.

יוסף פּאַפּיערניקאָוו, וואַרשע, פּוילן, 1899.

ראָזאַ נעוואָדאָווסקי, ביאַליסטאָק, פּוילן, 1899.

יחיאל לערער, מראָזי, לעבן קאַלושין, פּוילן, אומגעקומען, 1900—1943.

גיטל ציטרין, אָפּאָלאָ, פּוילן, 1900.

יעקב שטאָל (שמחה אייזען), 1900—1959.

איציק מאַנגער, טשערנאָוויץ, בוקאָווינע, 1901.

מנחם סטעמפּל, לאַנצוט, גאַליציע, 1901.

יעקב גלאַנץ, אין דער ייד' קאָלאָניע נאָוואָוויטעבסק, אוקראַינע, 1902.

דב סדן (שטאָק), בראָד, גאַליציע, 1902.

אלחנן צייטלין, ראָהאַטשאָוו, ווייסרוסלאַנד, 1902—1942.

אסתר שומיאַטשער־הירשביין, האָמעל, ווייסרוסלאַנד, 1902.

נח־יצחק גאָטליב, קאָוונע, ליטע, 1903.

ראָזאַ גוטמאַן, קאָוונע, ליטע, 1903.

ריקודה פּאָטאַש, טשענסטאָכאָוו, פּוילן, 1903.

קהת קליגער, וולאַדימיר־וואָלינסק, וואָלין, 1904.

יוסף רובינשטיין, סקידל, פּוילן, 1904.

בעריש ווינשטיין, ריישע, גאַליציע, 1905.

י. צ. שאַרגעל, כעלעם, פּוילן, 1905.

מאיר שטיקער, בויבעריק, גאַליציע, 1905.

מעינקע קאַץ, סווענציאַן, ליטע, 1906.

משה באַסאָק, קאָוונע, ליטע, 1907.

אריה שמרי, קאַלושין, פּוילן, 1907.

בינם העלער, וואַרשע, פּוילן, 1908.

וואָלף יונין, אירקוטסק, רוסלאַנד, 1908.

י. מאַניק (לעדערמאַן), בענדער, בעסאַראַביע, 1909.

חיים גראַדע, ווילנע, ליטע, 1910.

לייזער וואָלף (מעקלער), ווילנע, ליטע, 1910—1943.

אברהם לעוו, פּיעסק, פּוילן, 1910.

יעקב פֿרידמאַן, מילניצע, גאַליציע, 1910.

גבריאל פּרייל, דאָרפּאַט (יוריעוו), עסטאָניע, 1910.

משה שולשטיין, קאָריוו, פּוילן, 1911.

לייזער אייכענראַנד, דעמבלין, פּוילן, 1912.

שלמה שנהוד, אָזיערניע, מזרח־גאַליציע, 1912.

אברהם סוצקעווער, סמאָרגאָן, ליטע, 1913.

נחמן ראַפּפּ, גרייעווע, רוסלאַנד, 1914.

ש. וואָרזאָגער, כעלעם, פּוילן, 1917.

יאָסל בירשטיין, ביאַלאַ־פּאָדלאַסקאַ, פּוילן, 1920.

משה גורין (פּס׳ פֿון משה גורעוויטש), ווילנע, 1921.

משה יונגמאַן, כאָדאָראָוו, גאַליציע, 1922.

מרדכי ליפּשיץ, ווילנע, ליטע, 1922.

רבקה באַסמאַן, ווילקאָמיר, ליטע, 1925.

ה. בנימין (פּס׳ פֿון בנימין הרושעווסקי), ווילנע, 1928.

רחל פֿישמאַן, פֿילאַדעלפֿיע, אַמעריקע, 1935.

א י נ ה אַ ל ט:

זייט

א ר י י נ פ י ר 7

אברהם גאָלדפאַדען

כ׳וואָלט געוואָלט זען 25

יאָ, שרייב מיר 25

אליקום צונזער

שיבת ציון 27

אַ בריוו פון דער מוטער ציון 28

שמעון פרוג

צ י ו ן ־ ל י ד ע ר

פראָלאָג 29

קרבנות 29

דער מאַמעס קלאָג 31

פונעם ליד „אַ זומערנאַכט" 32

מאָרים ראָזענפעלד

ירושלים 34

דאָס בענקען 35

משה 37

ש. אנסקי

שוין טויזנטער יאָרן 39

יהואש

ארץ־ישראל־לידער א—ו 42

זייט

ח. נ. ביאַליק

בענקסטו אויך נאָך דיינע קינדער . . 46

פון ר' יהודה הלוים ים־לידער 47

לייב יפה

ס'איז פול מיין האַרץ מיט בענקעניש . . 50

היימאַט־קלאַנגען 52

ביי די קברים 53

אברהם רייזען

שטילע שמונה עשרהס 55

היימלאַנד 56

אין ארץ־ישראל 57

פּ. מ. ראַבקין

דאָס לאַנד 58

יעקב פיכמאַן

ירושלים 60

קבר־רחל 60

אברהם אייסען

קידוש־החמה 62

יצחק קאַצענעלסאָן

מיר יונגע 63

מלכה לאָקער

די אַלטע שטאָט 65

מאַרק שאַגאַל

צו ישראל 70

נחום יוד

אויף דער ערד פון ישראל 71

עליזה גרינבלאַט

צום יום־העצמאות 72

חמשה עשר בשבט 73

זייט

ה. לייוויק

צו ישראל 74
ביים כותל־מערבי 75
צוויי זילבערנע בעכער 78
די בוימער בליען בלוי 80
קבוץ־גלויות 81
שאַקאַל־געוויין אין שטילקייט . . . 82
צו אַ שטיין האָב איך צוגעלייגט מיין פּנים . 84
והיה 85
צופּוסנס פון כרמל 86
אויף די כרמל־בערג 87
ליד צו עניוות 89

ש. י. אימבער

געוואַנדערט האָט יאָרן מיין זעלע 91
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען 91
עס ליגן די פעלדער יהודהס 92
ווען כ׳זע די פולע שייערן 92
איר האָט איך אין וויטן פאַרבלאָנדזשעט . . 93

מ. באַסין

מיט שטערן און מיט גאָט 94

א. לעיעלעס

מדינת ישראל 96
יהודה הלוי 97
ענטפער פון תל־אביב 106

י. ד. קאַמזאָן

ביים ברעג פון ים המלח 107
קבר רחל 108

זלמן שזר

אין לאַנד 109
אין די טעג פון סיני־שלאַכט 110
ביים ים אין שבי־ציון 110

אברהם זאַק

איבערן כביש 112
אין נגב 112

זייט

אפרים אויערבאַך

פון דער פּאָעמע „ווייסע שטאָט" א־ו . . . 114
די גילדענע מעשה אויף דערנער 121
ואתחנן 123
מיטן ערשטן שניט פון אַקער 124
דער אײזלטרײבער פון גאולה 125
גשר הזיוו 128

א. אַלמי

איך בין איינס מיט דיר א—ב 130
ה׳ אייר, תש״ח 131

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

ייִנגעלע פון חומש 133

זישע ווײַנפּער

בלוי־אויגיקע קינדער 137
אַ בלודנע שאָף 138

א. לוצקי

מדינת ישראל 140

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

ירושלים 142
אַ קאַפּיטל תהלים 144
די ווייסע ציג פון כפר־סבא 145
קמץ אלף 147
אין לאַנד ישראל 148

י. מ. ניימאַן

אַ ישראל־פּאָעט ברענגט אַ ליד 150

אליעזר קאַליר

שטיל און פּשוט 153
גייען זעלנער 153
די ראַדיאָ שפּילט? 154

זייט

מלך ראַוויטש

נאַכט פון תחנון און בטחון איבער תל־אביב . 156

ל. אַליצקי

ירושלים 164
אין בית־ביאַליק 165
אויפן קבר פון רחל 166
אין נגב 166
אַן עולה־חדש 167

מאַטעס דייטש

צום יידישן חלום אַקעגן 169
די מעכטיקע פעלדזן פון דער וועלט . . 170

ראַשעל וועפּרינסקי

הר־הכרמל 172

מאיר זימל טקאַטש

ירושלים ביינאַכט 173
צפת 173
אין זכות פון די קדושים 174
לאַנד פונעם חומש 175

ל. ראַזאַף

אין נגב 177

פרץ מאַרקיש

פון דער פּאָעמע „דער לעצטער" 179

אסתר סיגאַל

אויף שמירה 184
מיין טאָכטער שרייבט 185

חיים־לייב פוקס

אַ ייד אין נגב 187
טבריה 188

זייט

יעקב גלאַטשטיין

דער הייַנטיקער טאָג 189
פּאָרט אַ ייִד 190
ביסט געשען, ביסט געוואָרן 191
משה רבינו 192
ווי די ביימער 193
געזאַנגען 1—7 194
רייד צו מיר ייִדיש 198
האָסט גאָרנישט אַוועקגעבענקט 199
ווי גאַנץ 201
קער זיך אָן 202
צעבאָרוועסט אין געמיט 203
די טרויעריקע מאָנערס 204
מײַנע אָרעמגיטער 204

נפתלי גראָס

דאָס צוגעזאָגטע לאַנד 206
מיין שטוב אין מיין אייגענעם לאַנד . . . 206

מלכה חפץ-טוזמאַן

גלבוע 208

י. י. סיגאַל

אַ שאָף 210
פון אַ בריוו פון ישראל 211

א. ש. שקאָלניקאָוו

צו אַן אַראַבישן פּאַסטעך א—ה 213
צוויי ווייסינקע ציגעלעך 215

א. ניסענזאָן

ישראל 217

ל. פיינבערג

דאָס געזאַנג פון ישראל סבא 220
ירושלים 223
צפת 224

זייט

אהרן צייטלין

ליד צו דער סאַברע 226
געזאַנג לכבוד ירושלים עיר־הקודש . . 229
אויפן דאַך 230
אַ גלגול 231
בית־לחם 232
אַן ארץ־ישראל־נאַכט 233

רחל קאָרן

ביסט שוין געווען אין מיין בלוט . . 234
כ״ו ניסן 235
די בערג פון נגב 236
איילבערט־ביימער 236
ביי שלמה המלכס קופּער־מינען . . . 237
דער דיכטערין פון כנרת 238

מרדכי יפה

מיין גאָרטן אין ישראל א—ג 240

יוסף פּאַפּיערניקאָוו

מיר 244
האָראַ 245
אין די בערג ירושלימס 246
הדר הכרמל 247
פעלט מיר אויס 248
אין עין־השופט 249
אין לאַנד פון מיין ווידערגעבורט . . . 250

ראָזאַ נעוואַדאָווסקאַ

די וואָס זיינען אין לאַנד זאָגן 252
דאָס לאַנד 252
ירושלים 253

יחיאל לערער

פונעם בוך „מיין היים" 254

זייט

גיטל ציטרין

דאָס לאַנד זאָל זיין 256

ישראלס פרילינג 256

יעקב שטאָל

פרימאָרגן 258

איציק מאַנגער

כ׳האָב זיך יאָרן געוואַלגערט 261

צפת 262

מנחם סטעמפל

ערשטער שניט 264

אינקובאַטאָרס 265

מיין אוהל 266

יעקב גלאַנץ

ירושלים 268

דב סדן

כותל־מערבי 270

מנחה 271

מיין זון 271

אַמאָל 272

אלחנן צייטלין

נאַכט אין ירושלים 273

משוגעים אויפן הר הזיתים 274

אסתר שומיאַטשער־הירשביין

ירושלים 275

נ. י. גאָטליב

פונעם בוך „חלוצים״

חביבה 276

ראָזאַ גוטמאַן

באַרג פון ישראל א—ב 282

זייט

ריקודה פּאָטאַש
מאה שערים 283
זי לאַטעט דאָס העמד 284
אַ טרויעריקע תימנישע חתונה . . . 285
באַלאַדע פון כביש הגבורה . . . 287

קהת קליגער
אין עמק א—ב 291
פנינה פון ראש־פינה 292
גבורה אין צרעה 294

יוסף רובינשטיין
פליטים־שיפן 296

בעריש ווײַנשטיין
פון דער פּאָעמע „אין דוד המלכס גיטער":
אין זכות פון טרערן 298
פון חלום צו וואָר 308

י. צ. שאַרגעל
אין מעת־לעת: אַ נאַכט, באַגינען, פאַרנאַכט 318
אין אַ פאַרטונקל־נאַכט א—ג 321
ירושלים 322

מאיר שטיקער
צפת א—ב 324
דער שטראַלנדיקער ירדן 325
צו אַ וועגווייזער אין ירושלים . . 326

מעינקע קאַץ
אַ מאַראַנץ 327
אַ ייד אין נגב א—ב 328
דער מילגרוים־בוים אין אונדזער הויף . 329
אַ ניי פעלד 330

משה באַסאָק
רעגן פאַרטאָג 331
קום און לאָמיר גיין אַנטקעגן רעגן . . 331

זייט

אריה שמרי

צו מיין דאָרף א—ב 333
מיין נייער חבר 335
אָט איז דאָס פּראָסטע פֿאָלק . . . 335
אַ דאַנק צו דער ערד א—ב . . . 336
אונדזער דאָרף איז נאָך יונג . . . 339
צו חיפה 340
די צירונג פֿון מדבר:
לאָז איבער אַ טרער אין דעם מדבר . . 340
אַ מתנה פֿון תמנע 342
ווי דיינע בערג, אילת 343

בינם העלער

דער רוף 345
„פֿאַרבלייבט!“ 346
אַ זייטיקער, שמאָלער שאָסיי . . . 348

וואָלף יונין

למנצח שיר למדינת ישראל . . . 349
פֿאַר דעם געזאַנגמייסטער 350

י. מאַניק

אַ דאַך 352
עמק יזרעאל א—ג 353

חיים גראַדע

אַריאל פֿון יגור 356
צפֿת 358

לייזער וואָלף

אַ ייִד פֿון בית־לחם 361

אברהם לעוו

גייט אַ ייִד אין פֿאַרטאָג 364
פֿון דער פּאָעמע „לייבל חלוץ“ . . . 365
טבתדיקע נעכט 367
אַ דאַנק 368

זייט

יעקב פרידמאַן

בריוו פון בית־דגון א—ב 369

אַ ליד פון כעלעמער מלמד, בית מכס

און שבת־שירה 374

גבריאל פרייל

צו ירושלים פון דער ווייטנס 377

ווידוי צו מיין לאַנד 378

אַ בריוו קיין חיפה 379

משה שולשטיין

אויף דער צוגעזאָגטער ערד 380

אין מאה שערים 382

לייזער אייכענראַנד

ישראל א—ד 385

שלמה שנהוד

פונעם בוך „לידער פון שטראַליקן טרויער":

מוטער און פאָן 389

אַ לויבליד דעם טרויער 390

מאַרש פון געבויגענע פאַנען 391

אויפן כרמל 392

אברהם סוצקעווער

פרעלוד 394

ירושלים 394

די קוויטלעך אויפן קבר פון רב שמעון בן יוחאי 395

לידער פון נגב:

מעלה עקרבים 396

די פוקסן פון נגב 397

און זעסט ניט קיין רעגן 397

אילת 398

אין וואַדי־פיראַן א—ה 398

אין מדבר סיני א—י 401

נחמן ראַפּפּ

פון דער פאָעמע „סיני" א—ג . . 406

זייט

ש. וואַרזאַגער

שמירה אויף הר הצופים א—ג 410

יאָסל בירשטיין

ווי דער וויינגאָרטן איז זיכער אין זיין ווין א—ב 411

משה גורין

צו די שיפן 414

משה יונגמאַן

וואַקסט איין כאַטע 415

סוד 415

גוט איז אַ ביימל צו זיין 416

ווער האָט אין רערן 417

פאַרנאַכט 417

פ ט י ש א—ד 418

מרדכי ליפשיץ

קלעטערן הייזקעס 421

רבקה באַסמאַן

ירושלים 422

די ערשטע 422

שאָף 423

אָוונט 424

ה. בנימין

מיין ברודער אין לאַנד פון שאַקאַלן . . . 425

פנים אל פנים מיטן אַלמעבטיקן 426

רחל פישמאַן

זון איבער אַלץ 428

רשימה פון די פאָעטן 431

ביכער פון זעלבן מחבר

פּאָרהאַנגען (לידער), פאַרלאַג „דאָס נייע לעבן״, אָדעס, 1920.

אָן אַ זייט (דערציילונגען), פאַרלאַג „מיר אַליין״, קאָוונע, 1927.

אַנטאָלאָגיע פון העברעאישער פּאָעזיע, פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1935.

רינגען אין דער קייט (עסייען), מרדכי יאָפּע בוך־קאָמיטעט, ניו־יאָרק, 1939.

אַנטאָלאָגיע פון דער העברעאישער פּאָעזיע, בוך איינס, ציקאָ־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1948.

אַנטאָלאָגיע פון דער העברעאישער פּאָעזיע, בוך צוויי, ציקאָ־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1951.

צען ישראל־דיכטער, פאַרלאַג י. ל. פרץ־ביבליאָטעק, תל־אביב, 1958.

אין פאַרלאַג י. ל. פרץ זענען ביז היינט דערשינען פאָלגנדיקע ביכער:

אין יידיש:

י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 1)
י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 2)
מענדל מאַן	נאַכט איבער גלושינאַ
אברהם סוצקעווער	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי	בילדער און דערציילונגען
י. פאַפּיערניקאָוו	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קבוץ־לעבן)
מלך נוי (ניישטאַט)	דאָס ערשטע און צענטע יאָר מדינת ישראל
מאָטעס דייטש	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש
יצחק לעוו	אין געראַנגל (געקליבענע שריפטן)
מרדכי יפה	צען ישראל־דיכטער
יצחק פאַנער	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
פרץ גראַנאַטשטיין	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 1)
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 2)
ה. לייוויק	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
נחמן דרוזדוב	אחד העם
עזרא קאָרמאַן	צייכנס און צירופים
רבקה באַסמאַן	טויבן ביים ברונעם (לידער)
י. צ. שאַרגעל	פון וויי און גלויבן (לידער)
דוד זאַקאַליק	געראַנגל
א. קאַרפּינאָוויטש	דער וועג קיין סדום
א. ריוועס	מיט דער שיף „טשיטשערין"
יוסף כרמל	אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער
מ. בערלאַנד	300 שעות בגיטו הדועך
מרדכי אורן	דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 1)
מרדכי אורן	דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 2)
יחיאל האָפּער	ר' זלמן
הערש מענדל	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער
נ. ניר־ראַפאַלקעס	ערשטע יאָרן

י. זינגער	דראַמאַטישע שריפטן
דוד פלאַקסער	אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן
ש. וואַרזאַגער	ברויט (ראָמאַן)
בעריש ווײַנשטיין	אין דוד המלכס גיטער (פּאָעמע)
לוי פּאַפּיערניקאָוו	אין דער נייער היים
אברהם ליס	היים און דויער
ד"ר חיים שאָשקעס	מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער
מ. ווייסמאַן	אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע
פ. גאַרעליק	פון די מלינער וועלטן (נאָוועלע)
י. בראָנשטיין	איגאיינעם און באַזונדער (עסייען)
פ. בערמאַן	אָפענע פענצטער (לידער)
א. וואָלף־יאַסני	די געשיכטע פון יידן אין לאָדזש אין די יאָרן פון דער דייטשער יידן־אויסראָטונג
אריה שמרי	די פונקען פון תיקון — פּאָעמע
א. סוצקעווער	אָאַזיס
אירגון יוצאי בורשצ'יב	ספר באָרשטשיוו
מנור א.	40 יאָר הסתדרות
ל. אַליצקי	מיין הארץ־רייזע
נ. דרוזדוב	די יידן אין איטאַליע
ק. צעטניק	דער זייגער וואָס איבערן קאָפּ
דבורה דיין	אין גליק און אין טרויער

אין עברית:

יוסף רוזן	כתבים נבחרים
אפרים שרייער	אמנות ותיאטרון
י. לשצינסקי	הדמות הלאומית של יהדות הגולה
יעקב פאט	שיחות עם סופרים יהודיים
מ. ברלנד	300 שעות בגיטו הדועך
יהושע גלבוע	על חרבות התרבות היהודית בברית־המועצות
נ. חנין	ברלה
י. זרבבל	עלי חיים
אפרים אויערבך	קריה לבנה — ווייסע שטאָט (עברית־יידיש)
א. אלמי	בין סיני לאולימפוס

SOUTH SHORE
NOV 22 1961
MAR 18 1963
MAIN
NORTHTOWN
... 1987

K-70